STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01223

ALMANAKH

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Marc Hirsh
in memory of
Albert Hirsh & Sarah Hirsh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלמאַנאַך

פון יידישן ליטעראַטן־
און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ווילנע

ערשטער זאַמלבוך

אונטער דער רעדאַקציע
פון משה שאַליט

אייגענער פאַרלאַג

ווילנע 1938

פראפעס פאראײן
פון יידישע
ליטעראטן
און
זשורנאליסטן
אין ווילנע

I

ALMANACH
ZW. ŻYD. LITERATÓW
i
DZIENNIKARZY w WILNIE

געגרינדעט איז זאַץ דעם 31 מערץ 1938

טיראַזש 700 עקז.

Druk. Sp. Wytw.-Handl. Wilno, Trocka 7

Printed in Poland

אינהאַלט:

I.

20 יאָר פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווילנע:

1. משה שאַליט — אידעאָלאָגישע מאָמענטן . . . . 1—16

2. א. י. גראָדזענסקי —
געשיכטע פון ליטעראַטן־פאַראיין . . . . 17—68

II.

לידער, דערציילונגען, אַרטיקלען:

א) לידער:

3. חיים גראַדע —
איינמאָל שוין געזאָגט דעם לעבן: יאָ . . . . 70—71

4. א. וואָגלער —
דער אַלטער ווינט און דער יונגער ווינט . . . . . 72—80

5. א. סוצקעווער — אין אַ דיכטערישן שענק . . . 81—85

6. לייזער וואָלף — מאָטיוון:
א) דער ווילנער גאון און דער בעש"ט . . . 86—88
ב) מאָנטעפּיאָרע אין ווילנע . . . . 89—92
ג) די שיינע חוהל 93

7. פרץ מיראַנסקי — משלים:
א) הינט 94
ב) די קראָ און די וועווערקע 95

8. לייב סטאָצקי —
ביים ים (צו בייראָנס געבוירנטאָג) 96

9. א. י. גאָלדשמידט — אַזוי האָט געזאָגט הראובני 97 — 96

10. מיכאל נאַטיש — אַ ליד . . . . 99 — 98

ב) דערציילונגען:

11. פאַלק האַלפּערין — פּיסטאַשקעס . . . . . 111—100

12. משה לעווין — שמוליעס שטוב פאָרט אַוועק . 121—112

13. ראובן ליכטשטיין — אין פאַרגיין . . . . 142—122

ג) ארטיקלען:

14. נ. קאַסטעליאַנסקי — ווילנע אַלס צענטער
פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור . . . . 155—143

15. הירש אַבראַמאָוויטש —
דער באַגינען פון פּראַקטישן יידישיזם אין ווילנע . 160—156

אַ גרופּע מיטגלידער פון ווילנער יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ווילנע (1938)

ס׳זיצן פון רעכטס אויף לינקס: ד״ר א. ווירשובסקי, ג. פּלודערמאַכער, ה. אַבראַמאָוויטש, מ. שאַליט (פּאָרזיצער), א. י. גראָדזענסקי (סעקרעטאַר), ל. רובינאָוו, י. טעפּער, א. י. גאָלדשמידט. — ס׳שטייען: לייזער וואָלף, ז. שיק, ש. באַסטאָמסקי, נ. עפּשטיין, מ. קאַרפּינאָוויטש, ש. ביילים, א. וואָגלער, י. וואָלק, י. האַלבערשטאַט. — 3־טע ריי: ש. זשאַלודסקי, י. ריקלעס, י. נאָוואָגרודסקי, ל. סטאָצקי, ל. סטרילאָווסקי, ש. קאַהאַן, ש. רייזען, מ. לעווין. — 4־טע ריי: א. סוצקעווער, י. פרידלענדער, נ. קאַסטעלאַנסקי, פּ. צונזער, ב. קיט, ד. קאַמינסקי, ל. גאָרפּיין (געשעפטס־פירער), ר. ליכטשטיין.

20 יאָר

פאַראײן פון ײדישע ליטעראַטן
און זשורנאַליסטן
אין ווילנע

(1918 — 1938)

משה שאַליט

אידעאָלאָגישע מאָמענטן

די געשיכטע פון ווילנער ליטעראַטן- און זשורנאַליסטן-פאַראיין, אין משך פון זיין צוואַנציקיאָריקער עקסיסטענץ, ווערט באַשריבן אין ווייטערדיקן אַרטיקל לויט די פּראָטאָקאָלן און דאָקומענטן, וואָס האָבן זיך אויפגעהיט אין פאַראיין (די מאַטעריאַלן גופא געפינען זיך אין הע"ג-אַרכיוו).

דאָ וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף אייניקע וויכטיקערע מאָמענטן אין לעבן פון פאַראיין, וואָס האָבן אַ מער פּרינציפּיעלן כאַראַקטער און אַלגעמיינערע באַדייטונג.

א.

שוין ביי די גאָר ערשטע טריט, נאָך אין יאָר 1918, ווען ס'איז אויסגעקומען צונויפשטעלן דעם ערשטן סטאַטוט פון אָקאָרשט-געגרינדעטן פאַראיין, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף דער גרונט-פראַגע: ווער קען זיין אַ מיטגליד פון דער שרייבער-קאָרפּאָראַציע? ניט אין פּערזענליכן זין, נאָר בנוגע דער שפּראַך אַלס הויפּט-אינסטרומענט פון שאַפן. סוף 1918 און אָנהויב 1919 האָבן מיר אָפּגעהאַלטן וועגן דעם עטלעכע זיצונגען, אויף וועלכע ש. אַנ-סקי האָט רעפערירט זיין שטאַנדפּונקט, אַז צום פאַראיין קענען געהערן ניט נאָר שרייבער אויף יידיש און העברעאיש, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס שרייבן אויף אַנדערע שפּראַכן, אָבער האָבן אַן אינטערעס פאַר יידישע ענינים. אַנ-סקי איז דאָ געבליבן געטריי זיין אַלטער אָנשויאונג פון דער גלייכצייטיקער שאַפונגס-מעגלעכקייט אויף דריי שפּראַכן (יידיש, העברעאיש, רוסיש, — אָדער פּויליש וכדומה), ווי ער אַליין האָט עס פאַרווירקלעכט אין לעבן, — און צוזאַמען מיט אים אַ גאַנצע רומפּולע פּלעיאַדע אַנדערע, ווי ש. דובנאָוו, ש. פרוג און זייער גאַנצער דור.

אַ גרויסע גרופּע פוז די דעמאָלטיקע מיטגלידער האָט זיך אָבער לכתחילה געשטעלט קעגן אַזאַ קאָנצעפּציע.

זיי האָבן פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז צום פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן קענען געהערן נאָר שרייבער אויף יידיש אָדער העברעאיש, ווייל דאָס שרייבן אויף אַנדערע שפּראַכן (אַלס עיקר) געהערט ניט צום גבול פון דער יידישער ליטעראַטור און צו דער יידישער שאַפונג בכלל און האָט ניט קיין שום יידישן נאַציאָנאַל-קולטורעלן ווערט, ווען אַפילו די טעמעס זיינען יידישע.

נאַטירלעך, ווערן דאָ ניט געמיינט אַזוינע שריפטשטעלער, וואָס שרייבן אויך אויף אַנדערע שפּראַכן, נאָר אַזוינע, וואָס זייער גרונט-שאַפונג איז אויף אַ פרעמדער שפּראַך און במילא געהערט זי צו אַ פרעמדער קולטור.

דאָס זעלבע איז בנוגע דעם שולוועזן, וואָס נאָר לערנ-אַנשטאַלטן אויף יידיש אָדער העברעאיש קענען גערעכנט ווערן פאַר יידישע, בעת שולן פאַר יידן, אָדער פון יידן, נאָר מיט אַ פרעמדער לימודים-שפּראַך, זיינען ניט קיין יידישע און האָבן ניט קיין באַדייטונג פאַר דער קולטור פון יידישן פאָלק, — און אַזוי אויך בנוגע אַלע אַנדערע געביטן פון יידישן נאַציאָנאַלן שאַפן, ווייל אַ פרעמדע שפּראַך איז קולטור-אַסימילאַציע.

צו קיין קאַטעגאָרישן הסכם איז מען דאַן ניט געקומען, — און ס'איז איבערגעלאָזן געוואָרן אַ געוויסע מעגלעכקייט אַריינצוטרעטן אין פאַראיין אויך פאַר אַנדערש-שפּראַכיקע יידישע שריפטשטעלער.

צו דער פּראָבלעם האָט מען זיך אומגעקערט נאָכאַמאָל זומער 1919 און אויף איינער פון די דעמאָלטיקע זיצונגען, אין וועלכער ס'האָט זיך אַגב באַטייליקט ש. ניגער, איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצונעמען אין פאַראיין אויך אַזוינע זשורנאַליסטן, וואָס שרייבן אַפילו אויף אַנדערע שפּראַכן, אָבער נאָר וועגן יידישע פראַגן.

קיין פּראַקטישן ווערט האָבן די באַשלוסן ניט געהאַט און אויפן ווילנער באָדן האָט דער ענין בכלל גאָר גיך פאַרלאָרן זיין אַקטואַליטעט, ווייל אַלע אונזערע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן זיינען געווען טעטיק אָדער אויף יידיש (די איבערוויגנדיקע

מערהייט) אָדער אויף העברעאיש (אייניקע אויף ביידע שפּראַכן צוזאַמען), — און אין דער ווירקלעכקייט האָט דער ווילנער ליטעראַטן-און זשורנאַליסטן-פאַראיין במשך פון זיין גאַנצער ווייטערדיקער עקסיסטענץ קיין אַנדערע מיטגלידער ניט פאַרמאָגט.*)

אויך די אַלגעמיינע פּרינציפּיעלע ליניע פון פאַראיין אין משך פון זיין 20-יאָריקן קיום און אַרבעט איז געווען אַ קלאָר-אויסגעדריקטע און אַקטיווע אין זין פון דער יידישער קולטור.

ב.

דער צווייטער הויפּט-סימן פון פאַראיין איז שוין פון די ערשטע יאָרן אָן געווען זיין פּראָפעסיאָנעלער כאַראַקטער. דאָס איז אומצווייטיק פאַרפעסטיקט אין זיין נאָמען און אין אַ ריי פונקטן פון זיין לעגאַליזירטן סטאַטוט, וואו צו די באַגריפן „ליטעראַטן און זשורנאַליסטן" ווערט אומעטום צוגעגעבן: „פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין".

די פאַרטיידיקונג פון די אינטערעסן פון זיינע מיטגלידער איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אָבער דער אופן און די פאָרם פון דער דאָזיקער פאַרטיידיקונג האָט ביי דעם ליטעראַטן-פאַראיין, צוליב זיין עצם מהות און צונויפשטעלונג, ניט אַלע מאָל געקענט זיין דיזעלבע, ווי ביי אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס שטייען אויף דעם קלאַסן-שטאַנדפּונקט. דאָך האָט דער פאַראיין אין זיין פּראַקטישער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט, וועלכע איז תּמיד געווען אַ גאַנץ אינטענסיווע, זיך געהאַלטן אָן די פּרינציפּן פון דער אַלגעמיינער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער-באַוועגונג, — און האָט אַפילו אין געוויסע צייטן געהאַט בדעה

---

*) אין לעגאַליזירטן סטאַטוט פון פאַראיין, דעצעמבער 1922 (וועלכער איז גילטיק ביז היינטיקן טאָג), איז שוין דער דאָזיקער פּונקט פאַרמולירט אַזוי: „אַלס מיטגלידער פון פאַראיין ווערן אָנגענומען ליטעראַטן און זשורנאַליסטן, וועלכע דרוקן זיך אין יידיש און העברעאיש", ד. ה. וועגן פרעמדשפּראַכיקייט איז שוין בכלל ניטאָ קיין רייד אין קיין שום פאָרם.

זיך צו פאַרבינדן אַלס אַ מיטגליד מיט דער צענטראַלער אָנפירנדיקער קלאַסן - אָרגאַניזאַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. *)

אין איינצלנע פאַלן איז דער פאַראיין ניט איין מאָל געקומען אין אַ קאָנטאַקט מיט אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פירנדיק געמיינזאַם די אַקציעס.

פון דער צייט אָבער, ווען דער פאַראיין האָט געגרינדעט דעם באַזונדערן זשורנאַליסטן-סינדיקאַט, וועלכער האָט אויך דורכגעפירט אַן אייגענעם לעגאַליזירטן סטאַטוט, איז די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט פון פאַראיין פאַרקלענערט געוואָרן, ווייל די פּראָפעסיאָנעלע ענינים פון די צייטונגס-מיטאַרבעטער אָדער די ענינים פון זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען אין די צייטונגס-קאָלעקטיוון, זיינען לויט דער נאַטור פון דער זאַך, אַריבער צום זשורנאַליסטן-סינדיקאַט, וועלכער האָט אין פיל פאַלן קאָאָרדינירט זיין אַרבעט מיט דעם פּראָפעסיאָנעלן דרוקער-פאַראיין.

ביים פאַראיין דירעקט איז פאַרבליבן די פאַרטיידיקונג און רעגולירונג פון די פּראָפעסיאָנעלע ענינים פון די ליטעראַטן אין זייערע באַציאונגען מיט די פאַרלעגער אָדער פון די זשורנאַליסטן, וואָס געהערן ניט צום סינדיקאַט, — ווי אויך די אַלגעמיינע באַהאַנדלונג און אונטערשטיצונג פון גרעסערע פּראָפעסיאָנעלע אַקציעס, וואָס רירן אָן די אינטערעסן פון אַלע מיטגלידער פון פאַראיין, הן ליטעראַטן והן זשורנאַליסטן, אָדער דעם פאַראיין אַלס גאַנצן, ווייל צו אים געהערן אַלע איינצלנע מיטגלידער סיי פון זשורנאַליסטן-סינדיקאַט און סיי פון פען-קלוב, חוץ די איבעריקע מיטגלידער, וואָס גייען ניט אַריין אין דיביידע אָנגערופענע אָרגאַניזאַציעס.

---

*) צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער שטעלונג פון פאַראיין אין יענער צייט וועט דאָ זיין ניט אומאינטערעסאַנט צו דערמאָנען, אַז דער פאַראיין האָט רעאַגירט קעגן אַ יידישער צייטונג אין ווילנע פאַר ברעכן דעם רו-טאָג פון 1-טן מאַי מיט באַשטראָפן די מיטאַרבעטער פון דער צייטונג, קנסנדיק זיי מיט אַ וואָך שכירות א. א.

ג.

די הילפסטעטיקייט פון פאַראיין, חוץ געוויסע אויסנאַמס־פאַלן, האָט זיך תמיד געוואַקלט צווישן פאַרשיידענע אונטער־שטיצונגען און פּראָדוקטיווער הילף, — סיי אין די צייטן פון אַרבעטסלאָזיקייט און סיי ביי נאָרמאַלע לעבנסבאַדינגונגען.

ערשט אין די לעצטע יאָרן האָט זיך, —מיט דער גרינדונג פון דער ליי־קאַסע, — איינגעגעבן אין א געוויסער מאָס צו פאַר־פעסטיקן אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן דעם קאָנסטרוקטיוון פּרינציפּ.

חוץ דער ליי־קאַסע איז ווייטער געלייגט געוואָרן גרויס אַכט אויף די פאָרמען פון הילף דורך אַרבעט. שוין פון די ערשטע יאָרן אָן האָט זיך עס אויסגעדריקט אין אַרויסגעבן אָדער מיט־העלפן אַרויסצוגעבן די ווערק פון די מיטגלידער פון פאַראיין. ביי גרעסערע פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן האָט דער פאַראיין אין פאַרשיידענע צייטן פאַרמאָגט אַן אייגענעם פאַרלאַג, אַדאַנק װעלכן ס׳זיינען ערשינען אַ ריי ביכער, וואָס האָבן גלייכצייטיק געהאַט אַ ליטעראַרישן ווערט און געגעבן די מחברים געוויסע פאַרדינסטן. אין אייניקע פאַלן, וואָלטן אָן דער הילף פון פאַראיין די ווערק בכלל ניט געקענט דערשיינען. פאַר די אַרבעטן און אַרטיקלען פון די באַטרעפנדיקע מיטגלידער האָט דער פאַראיין געצאָלט דעם געהעריקן האָנאָראַר.

אויך דער איצטיקער אַלמאַנאַך געהערט צו אָט דער קאַ־טעגאָריע אויסגאַבעס פון פאַראיין, וואָס ביי גינסטיקע באַדינ־גונגען דאַרף ער ניט פאַרבלייבן פאַראיינזאַמט אַלס יובל־בוך לכּבוד דעם 20־יאָריקן קיום פון פאַראיין, נאָר דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטענדיקן יערלעכן זאַמלבוך, — אין אַ יאָרבוך פון ווילנער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין.

ד.

די קולטור־אַרבעט פון פאַראיין האָט בכלל תמיד געהאַט אַ ברייטערן אָפּקלאַנג און טיפערן כאַראַקטער, ווי נאָר אַן אויפטו אין די גרעניצן פון די ליטעראַרישע קרייזן. זי האָט אָפטמאָל

געהאַט אַ גרעסערע געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג און האָט פיל מיטגעווירקט צו פאַרשטאַרקן דעם אינטערעס צו דער יידישער ליטעראַטור און קולטור.

די פילצאָליקע אָוונטן, אַקאַדעמיעס, רעפעראַטן פלעגן צוציהען הונדערטער און טויזנטער צוהערער און באַזוכער און האָבן געהאַט אַ גרויסע פראָפּאַגאַנדיסטישע באַדייטונג, פלאַנצנדיק אַכטונג און פיעטעט צו די שאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור און צו זייערע ווערק.

אַזוינע גראַנדיעזע פייערונגען, ווי למשל: „100 יאָר יידישע פרעסע", אָדער, ווען מען זאָל נעמען בלויז די לעצטע יאָרן, אַזוינע ברייט-אָרגאַניזירטע און מיט גרויס דערהויבונג דורכגעפירטע אָוונטן, ווי „50 יאָר שלום-עליכם"; „דער 100-טער געבוירנטאָג פון מענדעלי מוכר ספרים"; און אַ ריי אַנדערע (די פרטים פון וועלכע ווערן באַשריבן ווייטער) זיינען געווען אמתע קולטור-יום-טובים פון אַ פאָלקס-כאַראַקטער. זיי האָבן ניט נאָר צוגעצויגן אַ קאָלאָסאַלן עולם, נאָר זיינען נאָך געווען באַגלייט מיט אַ גאַנצער שורה דויערנדיקע אַקציעס, ווי אויסשטעלונגען, אויפקלערונגס - ליטעראַטור, אָפּצייכענונגען, אונטערהאַנדלונגען מיטן ראַדיאָ וועגן אוידיציעס אויף יידיש, מיטן מאַגיסטראַט וועגן פאַראייביקן די נעמען פון די שריפטשטעלער, — און העל כולם מיט אָרגאַניזירן ספעציעלע קאָמיטעטן פון פאָרשטייער מצד אַלע וויכטיקסטע יידישע געזעלשאַפטן, שיכטן און קרייזן. די געזעלשאַפטלעכע באַזע איז דאָ מיט גרויס ערפאָלג פאַרברייטערט געוואָרן ביז אַן אמתער פאָלקס-מאַניפעסטאַציע פון אַן עכטער קולטור-סאָציאַלער באַדייטונג.

די פרואוון פון קומען אין קאָנטאַקט מיט דער פוילישער געזעלשאַפט אין צוזאַמענהאַנג מיט אַזוינע קולטור-אונטערנעמונגען און דורכפירן די אָנערקענונג פון אייניקע יידישע פאָסטולאַטן האָבן זיך בנוגע די אָפיציעלע פאַקטאָרן, ווי ראַדיאָ און שטאָט-פאַרוואַלטונג, ניט איינגעגעבן.

מיט די פוילישע ליטעראַרישע קרייזן האָט מען זיך אין די פריערדיקע יאָרן אַ פּאָר מאָל באַגעגנט אויף געמיינזאַמע אָוונטן, —

איין מאָל ביי די יידישע ליטעראַטן און אַ צווייטן מאָל ביי די פוילישע, — וואו מיטגלידער פון יידישן ליטעראַטן־פאַראיין האָבןביידע מאָל געהאַלטן אינפאָרמאַטיווע רעפעראַטן וועגן דער יידישער ליטעראַטור און ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ לעבעדיקע דיסקוסיע.

אין אַ לענגערער צייט אַרום האָט מען זיך ווידער באַגעגנט— דאָסמאָל מיט די פוילישע טעאַטראַלע קרייזן — אויף אַ באַנקעט, וואָס דער יידישער ליטעראַטן-פאַראיין האָט איינגעאָרדנט אין צוזאַמענהאַנג מיטן שטעלן פאָלק הייזלפערינס „מרימי" אין ווילנער שטאָטישן פוילישן טעאַטער, — פאַר וועלכן אַ מיטגליד פון אונזער פאַראיין האָט ספּעציעל איבערגעזעצט פון יידיש די פּיעסע, — און ס'זיינען געהאַלטן געוואָרן אייניקע רעדעס. די צווייטע פּראָיעקטירטע איבערזעצונג פאַרן פוילישן טעאַטער (שלום אַש'ס „מוטער") האָט שוין, צוליב די „געענדערטע" באַדינגונגען, ניט געקענט דורכגעפירט ווערן.

מיט דעם האָבן זיך די צוזאַמענטרעפונגען פאַרענדיגט. אַ וועלכע ניט איז טיפערע געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג און דויערנדיקערן ווערט האָט עס ניט געהאַט — און צו קיין רעזולטאַטן איז ניט געקומען.

ה.

דער ווילנער ליטעראַטן־פאַראיין האָט זיך אָפּגערופן אויף די וויכטיקסטע ערשיינונגען פון קולטור-געזעלשאַפטלעכן לעבן — און האָט קיינמאָל זיך ניט אויסבאַהאַלטן פון דער ווירקלעכקייט. מיט זיינע אַרויסטרעטונגען האָט ער ערנסט געמיינט און זיך באַצויגן צו זיי מיט ישוב-הדעת און אַחריות.

אין דעם וויטערדיקן געניוערן באַריכט זיינען געבראַכט צענדליקער ביישפילן און פילצאָליקע אילוסטראַציעס, ווי אַזוי די פאַרוואַלטונגען אָדער די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון פאַראיין האָבן רעאַגירט אויף בולטערע פאַקטן פון עפנטלעכן כאַראַקטער, אָדער האָבן גענומען אַן אָנטייל אין אָרגאַניזירן גרעסערע קולטור-געזעלשאַפטלעכע כוחות, ניט נאָר ליטעראַרישע און זשורנאַליסטישע.

פון פיל אַנדערע, וועלן מיר דאָ, אַלס ביישפּיל, זיך אָפּ־שטעלן בלויז אויף פיר אַזוינע פאַקטן פון אַ פריערדיקן און שפּעטערדיקע פעריאָדן אין דעם לעבן פון פאַראיין, איינעם — מיט יאָרן צוריק און דריי — שוין אין דער לעצטער צייט.

סוף 1924 איז די יידישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג גע־וואָרן אויפגערודערט צוליב דער אָפּשטימונג אין פוילישן סיים וועגן יידישן שולוועזן.

די עצם געשיכטע האָט אַזוי פּאַסירט:

דעפּוטאַט נח פּרילוצקי האָט באַשלאָסן אַריינצוטראָגן אין סיים אַ פאָרשלאָג וועגן געבן געוויסע רעכט די שולן מיט יידיש אַלס שפּראַך פון די לימודים. דער יידישער פּאַרלאַמענטאַרישער קלוב (קאָלאָ) האָט זיך געווענדעט צום דעפּ. פּרילוצקי, ער זאָל פאַרבייטן די ווערטער „שול מיט דער לערן־שפּראַך יידיש" אויפן אַלגעמיינעם אויסדרוק „יידישע שול", כדי מען זאָל קענען אונטער אים פאַרשטיין שולן הן אויף יידיש והן אויף העברעאיש. דעפּ. פּרילוצקי האָט אָפּגעזאָגט.

מיטוואָך דעם 10 דעצעמבער 1924 האָט ער אַריינגעטראָגן אין סיים זיין פאָרשלאָג, אַז די רעגירונג זאָל דעקן די דעפיציטן פון די שולן מיט יידיש אַלס אונטעררייכטס־שפּראַך און אַרויסגעבן אַ געזעץ וועגן דער אָנערקענונג פון שולוועזן אויף יידיש. דאַן האָט דעפּוטאַט שרייבער אין נאָמען פון יידישן קאָלאָ אָפּגעגעבן פאָלגנדיקע דערקלערונג: „דער אַריינגעטראָגענער דורך דעם דעפּ. פּרילוצקי פאָרשלאָג וועגן אָנערקענען דעם יידישן שולוועזן דריקט אויס די מיינונג נאָר פון איין ריכטונג, וועלכע איז ביי יידן ניט די וויכטיקסטע, ווייל זי נעמט ניט אַרום די העברעאישע שולן. היות, דער סיים קען אַריינגעפּירט ווערן אין אַ טעות, וועט די יידישע קאָלאָ שטימען קעגן דעם פאָרשלאָג". דעפּ. הע־לער האָט נאָכדעם אויך אין נאָמען פון יידישן קאָלאָ אַריינ־געטראָגן אַן אויסבעסערונג צו פּרילוצקיס פאָרשלאָג: אויך העברעאישע.

בהסכם מיטן רעגולאַמין האָט מען פריער געשטימט די אויסבעסערונג פון יידישן קאָלאָ, וועלכע איז אָפּגעוואָרפן גע־

וואָרן. דאַן איז געשטעלט געוואָרן צו דער אָפּשטימונג פּרילוצקיס פאָרשלאָג. פאַר האָבן געשטימט דעפּ. פּרילוצקי, די אוקראַינער און ווייסרוסן. קעגן — אַלע פּוילישע פּאַרטייען (בתוכם אויך די פּ. פּ. ס.) און די יידישע קאָלאָ.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, דינסטאָג דעם 16 דעצעמבער, האָט דעפּ. שרייבער אַריינגעטראָגן אין סיים אַ קאָנקרעטן ביודזשעט־פאָרשלאָג וועגן סובסידירן „אַלע יידישע שולן" אויף אַ געוויסע צייט, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט.

קעגן דער אָפּשטימונג פון קאָלאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ שאַרפע פּראָטעסט־אַקציע, וועלכע איז געווען קודם כל אָרגאַניזירט פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע און האָט זיך אַריבערגעוואָרפן אויך אין די ליטעראַטן־פאַראיינען פון וואַרשע און ווילנע, וואו ס'איז געפירט געוואָרן אַ באַזונדערע קאַמפּאַניע קעגן די דעפּוטאַטן פון קאָלאָ, וואָס זיינען געווען מיטגלידער אין אונזערע פאַראיינען.

אין וואַרשע האָט די צש"א צונויפגערופן אַ גרויסן פּראָטעסט־מיטינג, אויף וועלכן ס'איז אויך אַרויסגעטראָטן שלום אַש, וואָס איז געזעסן אין פּרעזידיום צווישן ה. ד. נאָמבערג און ח. ש. קאַזשדאַן. די פאָרלעזונג פון דעפּ. י. גרינבוים, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין, איז ניט געקוקט אויף די אונטערשטיצונג פון פאָרזיצער פון פאַראיין דעפּ. ד"ר י. שיפּער און אַנדערע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער (4 קעגן 3), אַראָפּגעריסן געוואָרן.

אין ווילנע זיינען פאָרגעקומען פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען און ס'זיינען אָנגענומען געוואָרן פּראָטעסט־רעזאָלוציעס. אין דער ווילנער פּרעסע האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אַ פּאָלעמיק (ז. דעפּ ד"ר י. וויגאָדסקיס אויפקלערונגס־אַרטיקל אין „צייט" פון 14. דעצ. 1924 און ד"ר צ. שאַבאַדס פּראָטעסט־אַרטיקל אין „טאָג" פון דערזעלבער דאַטע, ווי אויך אַ ריי אַנדערע און פון אַנדערע).

דער ווילנער ליטעראַטן־פאַראיין האָט דעם 15 דעצ. 1924 באַקומען אַ בריוו פון צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט (צ. ב. ק.) צוזאַמען מיט דער בילדונגס־געזעלשאַפט (ווילבי"ג) וועגן דער

נויטיקייט צו רעאַגירן. אויף מאָרגן האָט די פאַרוואַלטונג פון פאַראיין באַקומען נאָך אַ קאָנקרעטערן בריוו, אונטערגעשריבן פון צען מיטגלידער פון פאַראיין בראש מיט משה קולבאַק.

אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון פאַראיין, וואו דער ענין איז באַהאַנדלט געוואָרן, איז אמת, צו קיינע שום ראַדיקאַלע מיטלען ניט געקומען. אָבער די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספערע איז דאָך אָפגערייניקט געוואָרן און די רעאַקציע קעגן דער אָפּ־שטימונג פון קאַלאָ האָט געבראַכט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן.

אין די לעצטע יאָרן איז די געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט פון פאַראיין שטאַרק געשטיגן. ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז אין משך פון דעם איין יאָר 1936 איז פאָרגעקומען כמעט אַ צענדליק אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, גוט באַזוכטע, וועלכע האָבן באַהאַנדלט זייער וויכטיקע סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע ענינים פון אַ גרויסן פאַרנעם.

ברייטע פּרינציפּיעלע ויכּוחים האָט אַרויסגערופן די פראַגע וועגן די פאָרמען פון באַטייליקן זיך פון פאַראיין (אַלס אַזעלכן און גאַנצן) אין די קאָנגרעסן קעגן אַנטיסעמיטיזם, וואָס דער לאַנדראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען (אונטער דער הויפּט־השפּעה פון „בונד") און דער פּראָפעסיאָנעלער ראַט (אונטער דער השפּעה פון די „רעכטע פּועלי־ציון") האָבן גלייכצייטיק געהאַט בדעה צונויפצורופן אין וואַרשע, און ס'איז אַ לענגערע צייט געפירט געוואָרן וועגן דעם אין דער פּרעסע אַ שאַרפע פּאָלע־מיק — ווער וועמען שטערט און ווער וועמען רעפּרעזענטירט — (דער עיקר אין „פּאָלקסצייטונג" און אין „דאָס וואָרט").

אויף אַלע דריי שטורמישע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, אין וועלכע ס'האָבן זיך באַטייליקט די טעטיקסטע מיטגלידער פון פאַראיין, איז באַהאַנדלט געוואָרן מיטן גרעסטן אינטערעס נאָר די איין פראַגע: וועגן דער שטעלונג פון פאַראיין צו די קאָנגרעסן און אין וועלכן פון זיי ער דאַרף נעמען אַן אָנטייל. די דיסקוסיע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף זייער אַ הויכן אידעאָלאָ־גישן ניוואָ.

מיט אַ מערהייט פון איין שטימע איז אַ באַשלאָסן געוואָרן

צו באַטייליקן זיך אין קאָנגרעס פון לאַנדראַט, — אין הגם כמעט די צווייטע העלפט פון פאַראיין האָט געהאַט בדעה צו דעלעגירן אירן אַ פאָרשטייער (נ. ווייניג) אויפן צווייטן קאָנגרעס, איז דער פאַראיין דאָך ניט געבראָכן געוואָרן און צו קיינע שום שפּאַלטונגען אָדער אפילו צו וועלכע ניט איז ערנסטע פּראָטעסטן איז ניט געקומען, ווייל דער באַשלוס פון פאַראיין איז רעספּעקטירט געוואָרן אַלס אָפיצעלער און די גאַנצקייט פון פאַראיין איז אָפּגעהיט געוואָרן. דערמיט איז ווידער אַמאָל באַשטעטיקט געוואָרן דער פּראָפעסיאָנעלער און געזעלשאַפטלעך-דעמאָקראַטישער כאַראַקטער פון פאַראיין.

נאָך אַ גרעסערע און איינשטימיקערע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט האָט דער פאַראיין אַנטוויקלט פאַר דעם קולטור-קאָנגרעס אין יאָר 1937.

די פאַרוואַלטונג פון פאַראיין האָט פון ערשטן מאָמענט אָן, ווען די צאָל סקעפּטיקער און צווייפלער, אָפענע אָדער באַהאַלטענע קעגנער, איז געווען גענוג גרויס, — זיך געשטעלט אויפן פּאָזיטיוון שטאַנדפּונקט צו שטיצן יעדע פאַראייניקונג פון יידישע קולטורעלע כחות און האָט פה אחד און מיט פרייד אָנערקענט די וויכטיקייט און נויטיקייט פון אַזאַ קאָנגרעס.

דער ווילנער ליטעראַטן-פאַראיין איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט דעם געדאַנק וועגן צונויפרופן דעם קולטור-קאָנגרעס און פּראַקטיש אים צו פאַרווירקלעכן געשטיצט מיט אַלע מעגלעכקייטן און געהאָלפן ביי זייער שווערע באַדינגונגען צו פּאָפּולאַריזירן און פאַרשפּרייטן. ס'זיינען אויפגערופן געוואָרן עטלעכע באַראַטונגען און זיצונגען מיט דעם אָנטייל פון כמעט אַלע ווילנער קולטור-געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס און — כדי צו פאַרברייטערן די באַזע — האָט דער ליטעראַטן-פאַראיין צום סוף איבערגעגעבן זיין איניציאַטיוו אַ באַזונדערן פאַרגרעסערטן אָרגאַניזיר-קאָמיטעט, וועלכער האָט אויך זיין מ'סיע דערפירט ביזן סוף און איז געווען אויפן קאָנגרעס רעפּרעזענטירט.

דער גלענצנד איינגעגעבענער און שטאַרק אימפּאָזאַנטער קאָנגרעס און זיין זייער אינטערעסאַנטער באַריכטס-בוך („ערשטער

אַלוועלטלעכער יידישער קולטור-קאָנגרעס", פּאַריז 17—21 סעפּט. 1937. סטענאָגראַפישער באַריכט. צענטראַל - פאַרוואַלטונג פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-פאַרבאַנד (איקו"ף), פּאַריז — ניו-יאָרק — וואַרשע. — ז"ז 372) זיינען די בעסטע עדות פון דעם ערשטן ענדלעך דורכגעפירטן עטאַפּ אויף דעם וועג צו דער פאַראייניקונג פון די יידישע קולטור-כחות, וואָס פאָדערט אַזוינע גרויסע אָנשטרענגונגען, קען שוין אָבער אָנווייזן אויף די ערשטע פּאַקטישע דערגרייכונגען, הגם, צום באַדויערן, ניט ווייניק אָנגעזעענע שול- און קולטור-אָרגאַניזאַציעס האָבן נאָך געפעלט.

אין דעם דאָזיקן פאַרווירקלעכטן ערשטן פּרוואו האָט אויך אַ חלק דער ווילנער ליטעראַטן-פאַראיין און ניט אומזיסט האָט ער געשריבן אין זיין באַגריסונג צום קאָנגרעס:

„מיר אָנערקענען די וויכטיקייט און נויטיקייט פון אָט דעם קאָנגרעס און האַלטן, אַז ער קומט אין דער ריכטיקער צייט. מיר זעען אין אים די פאַרווירקלעכונג פון אַ 20-יאָריקן חלום, צו וועלכן די יידישע קולטור-וועלט האָט געשטרעבט. מיר האָפן, אַז דעם קאָנגרעס וועט זיך ווירקלעך איינגעבן צו קאָנסאָלידירן און צו פאַראייניקן די צעזייטע און צעשפּרייטע יידישע שעפעריש-גייסטיקע כחות פון גאָר דער וועלט אין איין צענטער".

ו.

צום סוף איז כדאי צו פאַרצייכענען די אַקציע פון פאַראיין אין קאַמף קעגן שונד, וועלכער האָט ווידער אַ מאָל אויפגעבליט און האָט פאַרפלייצט מיט פאַרשיידענע „ראָמאַנען" אַ גרויסן טייל פון דער פּרעסע, — און קעגן שמענדריקיזם, וואָס האָט זיך אַריינגעגעסן אין יידישן קערפּער, ווי דער ערגסטער מין קול-טורלאָזיקייט און מינדערווערטיקייט.

דער קאַמף קעגן די דאָזיקע גאַנגרענעס איז געווען דער געבאָט פון געוויסן און דער חוב פון דער ליטעראַרישער קאָר-פּאָראַציע, וואָס דאַרף שטיין אויף דער וואַך פון דער יידישער קולטור און ריינקייט פון געדרוקטן וואָרט.

אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון פאַראיין אין נאָוועמבער 1937 זיינען די פּראָבלעמען ברייט באַהאַנדלט געוואָרן און ס׳איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע (ש. בײליס, י. טעפּער, מ. פּופּס, ש. קאַהאַן און ד. קאַמינסקי) ביי דער פאַרוואַלטונג פון פעראיין, וואָס האָט זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבעט און האָט אויך פאַרווירקלעכט אַ ריי קאָנקרעטע פּראָיעקטן.

קודם כל האָט דער פאַראיין אַרויסגעשיקט צו אַ ריי אָרגאַניזאַציעס און צייטונגען דעם אויסגעאַרבעטן דורך דער קאָמיסיע און אַקצעפּטירטן דורך דער פאַרוואַלטונג באַזונדערן בריוו *) וועגן די מיטלען אָפּצושטעלן די וואַקכאַנאַליע.

---

*) מיר ברענגען דאַ דעם פולן טעקסט פון בריוו.

„די כוואַליע פון שונד האָט זיך ווידער אַ הייב געטאָן אויף דער יידישער גאַס. שרייבער און כלל-טוער האָבן שוין ווידער מיט די בעסטע אַרגומענטן דעם שונד געטאַדלט און אויף עפנטלעכע משפטים איז דער שונד — צום וויפלטן מאָל? — געוואָרן געמשפּט און פאַרמשפּט.

„אָבער גערעדט וועגן שונד האָט מען שוין גענוג. פון דעם ריידן איז נאָך דערווייל דעם שונד גאָרנישט ניט אָפּגעקומען. עס וואָלט שוין ענדלעך צייט געווען קעגן שונד עפּעס צו טאָן.

„דער פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווילנע, ווי אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז צוזאַמען מיט אייך, חשובע פריינד, פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן יידישן וואָרט, פאַרן יידישן בוך, האַלט, אַז מען קען ניט שטיין ווייטער מיט פאַרלייגטע הענט און אַנמעכטיק זיך צוקוקן, ווי דאָס יידישע וואָרט, דאָס יידישע בוך ווערט געטראָטן און באַליידיקט דורך דעם שונד און די שונדמאַכער. און מיר גלויבן, אַז אויך איר האָט זיך אויסגעאַרבעט די זעלביקע מיינונג. מיר לייגן אייך דעריבער פאָר אַ געמיינזאַמע קאָנקרעטע אַקציע אין קאַמף קעגן שונד.

„אין וואָס זאָל די אַקציע באַשטיין? מיר האַלטן, אַז מיט קיין האַלבמיטלען וועט מען דעם שונד ניט באַקעמפן. מען דאַרף מיט אַט דער מיאוסער מכה אויף דער יידישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק, איין מאָל פאַר אַלע מאָל און אויף אַ ראַדיקאַלן אופן מאַכן אַ סוף. אונדזער פאָרשלאָג איז: אַלע אָרגאַניזאַציעס פון

אויף דעם ברייוו האָבן זיך פּאָזיטיוו אָפּגערופן דער וואַרשעווער דרוקער־פאַראיין, פּען־קלוב און זשורנאַליסטן־סינדיקאַט.

מעגלעך, אַז שוין דער ברייוו גופא האָט געהאַט אַ ווירקונג, אַלנפאַלס איז ניט צו באַשטרייטן זיין געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע באַדייטונג און די נויטיקייט פון אָט דער איניציאַטיוו.

די קאָמיסיע האָט אויך אָרגאַניזירט אַן אויסשטעלונג פון גוטע יידישע ביכער פאַר קינדער און יוגנט און האָט צונויפגעשטעלט און אַרויסגעגעבן אין נאָמען פון פאַראיין אַ רשימה פון אינטערעסאַנטע יידישע ביכער, וואָס ווערן רעקאָמענדירט צום לייענען אין ביבליאָטעקן און צו פאָדערן אין די בוכקראָמען.

ליטעראַטן, זשורנאַליסטן, דרוקער און צייטונגס־פאַרשפּרייטער, אַלע קאָלעקטיוון, וואָס גיבן אַרויס צייטונגען און ביכער, ריידן זיך אויף און באַשליסן אין איינשטימיקער פּרימאָרגן אויפהערן צו דרוקן שונד־ראָמאַנען אין די צייטונגען, אויפהערן אַרויסצוגעבן די „סאַבינעס" מיט די „רעגינעס".

„מיר האַלטן, חשובע פריינד, אַז עס זיינען נאָך דאָ גענוג אינטערעסאַנטע און פאַרכאַפּנדיקע קינסטלערישע ראָמאַנען אין דער יידישער און אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס צייטונגען קענען דרוקן אין המשכים, און ס'איז ניט מסיני, אַז די יידישע פּרעסע מוז ניט אַנדערש קאָרמענען דעם לעזער ווידער און אָבער מיט דעם מיסט פון די „שפּאַנענדיקע" ראָמאַנען. עס זיינען אויך פאַראַן גענוג קינסטלערישע ווערק, וואָס מען קען פאַרשפּרייטן אין העפטן צו 5, אָדער 10 גר. און געבן די מאַסן גייסטיקע שפּייז, ניט דעם סם און שטרוי פון שונד.

„אָבער אָט דעם ראַדיקאַלן פאָרשלאָג דורכפירן קען מען נאָר מיט געמיינזאַמע געשלאָסענע כוחות פון אַלע אָרגאַניזאַציעס און פאַרלאַגן, וואָס האָבן אין דער פראַגע עפּעס אַריינצוזאָגן. די אונטערשטע שורה: דער פאַראיין פון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווילנע לייגט אייך פאָר אַ קאָנפערענץ פון פּען־קלובן, ליטעראַטן־פאַראיינען, זשורנאַליסטן־סינדיקאַטן, דרוקער־פאַראיינען, צייטונגס־פאַרשפּרייטער און צייטונגס־פאַרלאַגן, כדי ענדלעך אָפּצוהאַקן דעם קאָפּ דער הידרע פון שונד. שרייבט אונדז, וואָס טראַכט איר וועגן דעם, גיט פאָרשלאָגן. מיר וואַרטן מיט אומגעדולד אויף אייער תּכפדיקן ענטפער."

די רשימה איז בלויז אַן אָנהויב. זי הייסט טאַקע — „ערשטע רשימה: ראָמאַנען און דערציילונגען". זי איז געדרוקט אין אַ גרויסער צאָל עקזעמפּלאַרן און פאַרשפּרייט געוואָרן אַן שום געצאָלט.

דער פאַראיין האָט באַגעגנט אין זיין אַרבעט אַלץ נייע געביטן און דער קרייז פון זיין טעטיקייט איז אויך אידעאָלאָגיש־געוואַקסן און זיך געשטאַרקט.

*

אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1938 איז געוואָרן באַוואוסט, אַז ס'דראָט אַ געפאַר צו פאַרלירן די שטאָטישע סובסידיעס פאַר די יידישע שולן פון אַלע ריכטונגען.

די גאַנצע ווילנער יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט אַנט־וויקלט אַ שטאַרקע פאַרטיידיקונגס־אַקציע, כדי צו ראַטעווען די ביזאַהעריקע פּאָזיציעס.

דער ווילנער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין, וואָס האָט געלאָזט הערן זיין שטים שוין ביים אָנהויב פון דער אַקציע, האָט דעם 14 מערץ 1938 אויך אָפּגעשיקט צום ווילנער מאַגיסטראַט פאָלגנדיקן שריפטלעכן אַפּעל.

„דער פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווילנע באַדויערט זייער, וואָס דער מאַגיסטראַט האָט פאַר־קלענערט די סובסידיע פאַר די עפנטלעכע יידישע שולן. צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט האַלטן מיר די יידישע שולן פאַר אַן אויסערסט וויכטיקן באַשטאַנדטייל פון אונזער קולטור. מיר ווענדן זיך דעריבער צום מאַגיסטראַט מיט אַ הייסן אַפּעל צוריקצושטעלן די סובווענצן פאַרן יידישן שולוועזן אין דער ביזאיצטיקער גרויס. מיר האָפן, אַז די שטאָט־פאַרוואַלטונג וועט אונז פאַרשטיין און וועט פאַרריכטן די באַגאַנגענע לגבי אונז עוולה".

א. י. גראָדזענסקי

געשיכטע פון ליטעראַטן־פאַראיין

1.

נאָך פאַרן איצטיקן פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשור־נאַליסטן אין ווילנע, וועלכער ווערט אין 1938 אַלט 20 יאָר, האָט אין ווילנע עקסיסטירט אַ פאַראייניקונג פון יידישע שרייבער, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1916 דורך דעם פאַרשטאָרבענעם בונדישן פ״רער יוסף איזביצקי (ב. מיכאַלעוויטש), וועלכער איז אויך געוועזן דער פאָרזיצער פון אָט דעם ערשטן שרייבער־פאַראיין אין ווילנע.

מיכאַלעוויטש האָט זיך געפונען אין ווילנע נאָך פאַר דער דייטשער אינוואַזיע. ער איז געקומען אומלעגאַל פון פעטערבורג כדי צו באַהאַלטן זיך פון די פאַרפאָלגונגען פון דער צאַרישער פאָליציי. ער איז שוין אין ווילנע פאַרבליבן ביזן סוף 1917, ווען די דייטשן האָבן אים אַרויסגעשיקט קיין וואַרשע. ער איז אין ווילנע געווען זייער אַקטיוו און האָט אויך אַנטוויקלט אַ גרויסע קולטור-טעטיקייט אויף דער דעמאָלט דערשלאָגענער יידישער-גאַס. ער איז געווען פּאָפּולער אַפילו ביי די דייטשן, אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן אים געוואָלט געבן אַ פּאַס צו פאָרן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין שוועדן צוצואיילן דעם שלום. זיי האָבן דערנאָך חרטה געהאַט און געוואָלט אים אַרעסטירן. ער האָט זיך אָבער אויסבאַהאַלטן עד יעבור זעם און שפּעטער האָט מען אים דעם אַרעסט פאַרביטן אויף אַרויסשיקן פון ווילנע (ז. שאַבאַדס אַרטיקל אין פּנקס פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געז. (הע״ג) אויפן נאָמען פון ש. אַנ–סקי, ווילנע 1922).

פון מיכאַלעוויטשעס שרייבער־פאַראיין זיינען ניט פאַרבליבן קיין פּראָטאָקאָלן, אַזוי אַז וועגן זיין טעטיקייט איז גאָר ווייניק באַוואוסט. איבעריקנס, האָט ער אויך קיין סך וואָס צו טאָן ניט געהאַט. שרייבער זיינען אין ווילנע דאַן געווען גאָר ווייניק. דאָס

רוב יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן זיינען געווען צעפּאָרן פון ווילנע אין פאַרשיידענע טיילן פון רוסלאַנד סיי באַלד נאָכן פאַר־מאַכן דורך ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשן די יידישע פּרעסע און פאַר־לאַגן, סיי פאַרן אָנקומען פון די דייטשן. איבערגעבליבן זיינען אין ווילנע בלויז געציילטע: אליהו הלוי לעווין, יהושע מזח, מרדכי יעקב האָבער, ברוך משה בראַז, בער ראַטנער, ש. ל. ציטראָן, דן קאַפּלאַנאָוויטש (שוין אַלע טויט), משה שאַליט, א. י. גאָלדשמידט, יאַשע ראָזנבוים (ער איז דאָס טאַקע געווען דער סעקרעטאַר פון ערשטן פאַראיין און אין זיין דירה (גר. פּאָהולאַנקע, דאָן נומ׳ 15) פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן די זיצונגען). שפּעטער איז פון וואַרשע געקומען זלמן רייזען און ס׳זיינען אויך געווען ד״ר אליהו אַל־שוואַנגער, דוד רויכל, א. פרידקין און דער יונג־פאַרשטאָרבענער דיכטער לייב ניידוס, וועלכער איז ערב די דייטשן אָפּגעפאָרן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, נאָר האָט אין מיטן וועג חרטה געהאַט און איז צוריק געקומען קיין ווילנע. זיי האָבן זיך כמעט אַלע גרופּירט אַרום דער איינציקער יידישער צייטונג „לעצטע נייס", וועלכע די דייטשן האָבן קוים מיט צרות נאָך לאַנגע השתדלותן ערלויבט אַרויסצוגיין פון 31 יאַנואַר 1916. הגם די צייטונג גופא האָט גע־האַט ניט שלעכט, האָבן אָבער די מיטאַרבעטער קיין גליקן ניט געמאַכט. זיי האָבן באַקומען אַ קאָפּיקע אַ שורה און קוים געצויגן חיונה. פונדעסטוועגן זיינען זיי מיט זייערע תביעות און טענות צום דעמאָלטיקן פאַראיין ניט געגאַנגען. צו יענער צייט זיינען נאָך די שרייבער ניט געווען געוווינט צו רעגולירן פּראָפעסיאָנעלע ענינים דורך אַ פאַראיין. האָבן זיי זייערע סיכסוכים וועגן לוין, אַרבעטס־צייט, צאָל שורות אאַז״וו, דערליידיקט צווישן די פיר ווענט פון דער רעדאַקציע גופא. אַפילו אַ שטרייק האָבן זיי אויך דורכגעפירט אָן דעם פאַראיין. און ווען די מיטאַרבעטער איז אויסגעקומען צוצונעמען די צייטונג פון באַלעבאָס און איר אַרויס־געבן אַליין אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, האָבן זיי דאָס אויך גע־מאַכט אָן דעם פאַראיין (זע א. י. גאָלדשמידטס אַרטיקל אין הע״ג־פּנקס).

און ווי באַלד קיין פאַרלאַגן זיינען אויך ניט געווען, איז

בכלל יענער שרייבער־פאַראיין געווען פריי פון פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט. ער האָט ניט געהאַט פון וועמען צו מאָנען האָנאָראַר פאַר שרייבער און וועמען אַרויסצושטעלן פאָדערונגען. די „ווילנער זאַמלביכער" אונטער ד"ר צ. שאַבאַדס און משה שאַליטס רעדאַקציע האָבן סיי ווי די מחברים געצאָלט מיט דער ברייטער האַנט, אַזוי אַז דעם פאַראיין איז ניט אויסגעקומען אָנצונעמען זיך פאַר זייערע אינטערעסן און קיין אַנדערע דרוק־אויסגאַבן חוץ די צוויי בענדער פון די דערמאָנטע „ווילנער זאַמלביכער" און צוויי נומערן „ליטעראַרישע העפטן" זיינען אין ווילנע צו יענער צייט ניט דערשינען.

צוליב דעם, וואָס סיי זשורנאַליסטן סיי ליטעראַטן זיינען דאַן געווען זייער ווייניק אין ווילנע, האָט דער שרייבער־פאַראיין אַריינגענומען אויך אַ פּאָר לערער—פּראָפעסער פון לערן־ביכער און אַ פּאָר קולטור־טוער אַלס מחברים פון אַרטיקלען אויף געזעלשאַפטלעכע אָדער קולטור־טעמעס, וועמען דער היינטיקער ליטעראַטן־פאַראיין האָט געירשנט פון יענעם פאַראיין. במילא איז שוין זינט דאַן פאַרבליבן אַ „טראַדיציע", אַז דער ליטעראַטן־פאַראיין זאָל נעמען אין שוץ אויך די פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון לערער—מחברים פון לערן־ביכער און די ניט פּראָפעסיאָנעלע שרייבער—כלל־טוער אָדער קולטור־טוער.

מחמת דעם, וואָס דער ערשטער פאַראיין איז ניט געווען לעגאַליזירט, האָט ער זיך געטוליעט צום דעמאָלטיקן יידישן לערער־פאַראיין, צום קאָמיטעט פאַר קינדער־פאַרזאָרגונג און צו דער געז. „מפיצי־השכלה", אין וועמענס לאָקאַלן ער פלעגט אַמאָל אויך אָפּהאַלטן זיצונגען, באַהאַנדלענדיק אָבער מער געזעלשאַפטלעכע, פּעדאַגאָגישע און קולטור־ענינים איידער ריין שרייבערשע פּראַגן.

געציילט האָט יענער פאַראיין בערך 15 מיטגלידער: י. איזביצקי, ד"ר א. אָלשוואַנגער, דוד נאָטיק, יאַשע ראָזענבוים, ש. ל. ציטראָן, אייזיק פרידקין, י. לונעווסקי, מ. ב. שניידער, מאיר שיבה, דן קאַפּלאַנאָוויטש, זלמן רייזען, א. י. גאָלדשמידט, דוד רויכל, מ. חיימסאָן און משה שאַליט.

אַ 2—3 מאָל האָט דער פֿאַראײן אויך באַקומען, דורך הערמאַן שטרוק, שטיצע פֿון הילפֿס-פֿאַראײן פֿון די דײַטשע ײדן פֿאַר נויט-באַדערפֿטיקע שרײַבער, איבערגעגעבן דורך ה׳ אליהו סופֿר, בײַ וועמען שטרוק האָט געוווינט.

.2

מער באַוווּסט איז שוין וועגן דער טעטיקייט פֿון פֿאַראײן באַלד נאָך דער דײַטשער רעוואָלוציע (נאָוועמבער 1918), ווען עס האָט אָפּגעלאָזן דער יאָך פֿון דער אָקופּאַציע. צו יענער צײַט זײַנען געקומען פֿון רוסלאַנד ש. אַנ—סקי (6 אָקטאָבער) און א. ווײַטער (27 נאָוועמבער). אַנ—סקי איז געוואָרן דער פֿאַקטישער און אויך דער ערן-פֿאָרזיצער פֿון פֿאַראײן און א. ווײַטער דער סעקרעטאַר. ס׳איז דאַן אויך צוריק געקומען פֿון פּעטערבורג ש. ניגער (25 נאָוועמבער).

ש. אַנ—סקי איז געווען דער מחבר פֿון סטאַטוט פֿון פֿאַראײן, וועלכער איז אויך נאָכדעם אָנגענומען געוואָרן אויף דער גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג (אין יאַנואַר 1919).

די גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג איז פֿאָרגעקומען אין זעלבן לאָ-קאַל, ווו ס׳איז געווען דער ניט לעגאַלער פֿאַראײן. אָבער וועגן יענעם פֿאַראײנס - פּעריאָד, וועגן די אָפּגעהאַלטענע זיצונגען פֿון דער פֿאַרוואַלטונג און וועגן אירע אויפֿטוען, איז גאָרניט צו גע-פֿינען סײַ אין אַרכיוו פֿון פֿאַראײן, סײַ אין די דעמאָלט דער-שינענע צײַטונגען. אויך אין די שפּעטערדיקע דרוק-אויסגאַבן, אין „אונדזער טאָג—פֿאַר אַמעריקע״ (מערץ 1921), און אין דעם פֿריער דערמאָנטן גרויסן ווילנער „פּנקס״ פֿון 1922, איז גאָרניט צו געפֿינען וועגן יענעם פּעריאָד פֿון פֿאַראײנס-לעבן. ס׳איז מערק-ווירדיק, וואָס וועגן אַלע געזעלשאַפֿטן אין ווילנע האָבן די ליטע-ראַטן געשריבן גאַנץ גענוי, אָבער גראָד וועגן זײער אײגענעם פֿאַראײן, וועגן זײַן אַנטשטייאונג, האָבן זײ פֿאַרגעסן צו פֿאַר-צייכענען כאָטש אין נאָטיצן. אין „אונדזער טאָג—פֿאַר אַמעריקע״ געפֿינען מיר אַ באַריכטס-אַרטיקל ערשט וועגן שפּעטערדיקן פּעריאָד פֿון פֿאַראײן (1919—1921). אין „פּנקס״ איז דערמאָנט בלויז דער

נאָמען פון פאַראיין און דאָס אויך נאָר אין דער הקדמה. (אין מאָריץ גראָסמאַנס אילוסטרירטן אַלמאַנאַך „די יידישע ווילנע אין וואָרט און בילד" 1925 איז אָפּגעדרוקט אַ קורצע כראָניק פון בס"ה אַ 40 שורות וועגן דער געשיכטע פון פאַראיין מיט אַ בילד פון 23 מיטגלידער פון פאַראיין).

ערשט מיט 10 יאָר שפּעטער אין 1932 האָט דער שרייבער פון די שורות פאַרעפנטלעכט אין די „ליטעראַרישע בלעטער" נומ' 47 (18-טן נאָוועמבער) צום ערשטן מאָל אַזאַ אַרטיקל, אָבער אויך ניט קיין גענוג אויסשעפּנדיקן.

און גראָד וואָלט געווען וויכטיק צו פאַרגעשיכטלעכן יענעם פּעריאָד שוין צוליב דעם אַליין, וואָס בראש פון ווילנער ליטע-ראַטן-פאַראיין זיינען דאַן געשטאַנען אַזעלכע ליטעראַרישע פּערזענ-לעכקייטן, ווי ש. אַנ—סקי, א. ווייטער, שפּעטער אויך ש. ניגער.

לויט אַנ—סקיס סטאַטוט האָבן צום פאַראיין געמעגט געהערן אויך העברעאישע שרייבער און אַפילו יידן שרייבער אין אַנדערע שפּראַכן (רוסיש, פּויליש, ווייסרוסיש א. א. וו.)

דער פאַראיין האָט זיך דער עיקר פאַרנומען מיט קולטור-אַרבעט און דאָס אויך אין הפסקות, צווישן איין מאַכט און דער צווייטער. מער ווייניקער איז טאַקע באַוווסט, אַז אָט די קולטור-אַרבעט פון פאַראיין איז באַשטאַנען אין ליטעראַרישע פאָרלעזונגען פאַר אַן ענגן קרייז אינטעליגענץ אין דער „דוואָראַנסקאָיע סאָב-ראַניע", וואָס די ראַטן-מאַכט האָט אָפּגעגעבן פאַר אַלע קולטור-אָרגאַניזאַציעס אין ווילנע אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט. האָבן זיך דאָרטן טאַקע געפונען דאָס רוב יידישע קולטור-אינסטי-טוציעס, בתוכם אויך דער ליטעראַטן-פאַראיין.

מען פלעגט זיך דאָרט צוזאַמענקומען אויף „גלעזלאַך טיי", פירן שמועסן וועגן ליטעראַטור, יידיש טעאַטער, קולטור-פראַגן וכדומה.

א. ווייטער האָט געבויט פּלענער וועגן אַ גרויסן פאַרלאַג, פון וועלכן יידישע שרייבער וועלן מאַכן אַ לעבן. מען האָט באַ-גייט די אויסגאַבע פון געווענעם וואָכנבלאַט אונטער ש. ניגערס

רעדאַקציע „די וואָך“, וואָס איז דעם 20־טן יולי 1915 פאַרמאַכט געוואָרן צוזאַמען מיט דער גאַנצער ייִדישער פּרעסע. אַלס מיט־רעדאַקטאָר איז צוגעצויגן געוואָרן א. ווייטער. מען האָט אויך באַנייט אונטער ש. ניגערס רעדאַקציע דעם בשעתו צוגעמאַכטן חודשדיקן זשורנאַל „די יידישע וועלט“, וועלכן מען האָט משנה שם געווען אויף די „נייע וועלט“. יידישע ליטעראַטן האָבן געהאַט ווי צו דרוקן זיך און האָבן אויך באַקומען ברייט באַצאָלט. אָבער דער פּעריאָד האָט לאַנג ניט געדויערט. פון דער „וואָך“ זיינען דערשינען בלויז 4 נומערן און פון דער „נייער וועלט“ — 3. די באָלשעוויקעס זיינען אינגיכן אַוועק און אַנ—סקיס סטאַטוט פון פאַראיין האָט מען אַפילו ניט באַוויזן צו דערלאַנגען צו דער מאַכט אויף צו באַשטעטיקן. ער איז בכלל ניט צוגעשטעלט גע־וואָרן צו וועלכער עס איז מאַכט צום באַשטעטיקן. מען האָט איי־פאַך ניט באַוויזן עס צו טאָן צוליב די אָפטע בייטענישן פון די מאַכטן. און אַזוי איז טאַקע דער סטאַטוט געבליבן ליגן ביי אַנ־סקין, וועלכער האָט אים אין יוני 1919 אַוועקגעפירט מיט זיך קיין אָטוואָצק.

שפּעטער, ווען פאָרזיצער פון פאַראיין איז שוין געווען זלמן רייזען און סעקרעטאַר חיים לעווין, לייענען מיר אין פּראָ־טאָקאָל נומ׳ 13 (22 פעברואַר 1920) אַ באַשלוס אין פונקט 2: „אַרויסצופאָדערן פון געוועזענעם פאָרזיצער פון פאַראיין ה׳ אַנ—סקי דעם אַלטן סטאַטוט פון פאַראיין און צושטעלן דעם פּראָיעקט צו דער קינפטיקער זיצונג פון פאַרוואַלטונג“, כדי מען זאָל קע־נען אויף דעם סמך רעגיסטרירן דעם פאַראיין ביי דער מאַכט.

צי האָט ש. אַנ—סקי באַוויזן צוצושיקן זיין סטאַטוט איז פון די שפּעטערדיקע פּראָטאָקאָלן ניט באַוווּסט. מען דאַרף דרינ־גען אַז ניט. מחמת דער, דורך דעם שרייבער, שפּעטער געפונענער פּראָיעקט איז געווען געשריבן שוין ניט מיט דער האַנט פון ש. אַנ—סקי און בכלל שוין ניט אין אַנ—סקיס גייסט. איבעריקנס האָט זיך די פּוילישע מאַכט באַנוגנד מיט רעגיסטרירן דעם פאַראיין אין מערץ 1920 אויפן סמך פון אַ מעלדונג (שפּעטער דעם 5־טן דעצעמבער 1922, איז דער פאַראיין שוין לעגאַליזירט געוואָרן

אונטערן נומ׳ 79 ביים ווילנער קרייז-אַרבעטס-אינספּעקטאָר אויפן יסוד פון דעקרעט פון 8 פעברואַר 1919 לויט די צייטווייליקע פאַרשריפטן וועגן פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער-פאַראיינען, פאַרעפנט-לעכט אין דז. אוסטאַוו נומ׳ 15 פאַז. 209).

דער קורצער אַנ—סקי-פעריאָד פון פאַראיין האָט געדויערט בסך-הכל 8 חדשים (אָקטאָבער 1918 — יוני 1919). ער איז אָבער געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע. שוין אַנ—סקיס פערזענ-לעכקייט אַליין האָט צוגעגעבן דעם פאַראיין גאָר גרויס חשיבות. אַנ—סקי האָט אַלעמען ווי פאַרכישופט. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו געפינען זיך אין זיין געזעלשאַפט, הערן אים ריידן און נהנה זיין פון זיין תורה שבעל-פה. הגם ער איז שוין געווען גרוי און אַלט, ווייס ווי אַ טויב און שוין אַביסל איינגעבויגן, האָט נאָך געשפּראָצט פון אים מיט געגנוג יוגנטלעכקייט און לעבעדיקייט (זע „אונזער טאָג—פאַר אַמעריקע", מערץ 1921, אין באַריכטס-אַרטיקל וועגן ליטעראַטן-פאַראיין).

דער פעריאָד האָט זיך אָבער געענדיקט מיט א. ווייטערס טראַגישן אומקום אין די אַפּריל-טעג 1919 (שביעי של פסח — 21 אַפּריל), ווען עס זיינען אויך שיר ניט דערשאָסן געוואָרן ש. ניגער און ל. יפה (זע ד"ר שאַבאַדס זכרונות אין „פנקס"). מיט א. ווייטערס אומקום זיינען ווי סימבאָליש אויך אומגעקומען אַלע ליטעראַרישע ברייטע פּלענער. א. ווייטערס גרויזאַמער טויט האָט שטאַרק געווירקט אויף דער ווילנער שרייבער-משפחה און דערהויפּט אויף אַנ—סקין. פּלוצלונג האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן זיין ענערגיע. זיין געזונט איז געוואָרן אַרונטערגעריסן. ער האָט מער ניט געקענט פאַרבלייבן אין ווילנע, האָט זיך אינגיכן גע-זעגנט מיט די ווילנער שרייבער און אין יוני 1919 פאַרלאָזט ווילנע און אָפּגעפאָרן אין אָטוואָצק פאַריכטן זיין געזונט. אין די צייטונגען פון יענער צייט געפינען מיר נאָך אַ באַריכט פון אַן אָפּשייד-באַנקעט מיט ש. אַנ—סקין אין אַ מסיבה פון שרייבער איינגעאָרדנט דורכן פאַראיין און אויך אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון אַנ—סקין מיט אַ גרופּע דעמאָלטיקע ווילנער שרייבער. דאָס איז שוין געווען אַנ—סקיס לעצטער פאַרברענגען צוזאַמען מיט די

ווילנער שרייבער. פון אָטוואָצק האָט ער נאָך באַוויזן צוצושיקן אַן אויפשריפט פאַר דער ווייטער-מצבה, וואָס דער פאַראיין האָט דאַן באַשלאָסן צו שטעלן. אַנ-סקיס אויפשריפט האָט געהייסן: „געשטאָרבן על קידוש השם" און איז טאַקע אָנגענומען געוואָרן דורך דער דעמאָלטיקער פאַרוואַלטונג. אַנ-סקי האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז אין אַ יאָר אַרום וועט ער אַליין שוין ניט זיין צווישן די לעבעדיקע און אַז דער ווילנער ליטעראַטן פאַראיין, וועמעס פאָרזיצער ער איז געווען, וועט אויך נאָך אים אַליין דאַרפן איינאָרדנען אַ טרויער-אָוונט.

באַלד נאָך א. ווייטערס טויט האָט זיך דער פאַראיין פאַרנומען מיט שטעלן אַ מצבה אויף זיין קבר. וועגן דעם געפינען מיר אין „יידישע צייטונג" נומ׳ 7 פון 16 מאַי 1919 אַ קאָמוניקאַט פון פאַראיין, וועלכער איז אַגב דער ערשטער פאַרעפנטלעכטער קאָמוניקאַט, זינט דער פאַראיין עקסיסטירט. אין קאָמוניקאַט לייענען מיר וועגן אַן אָפּגעהאַלטענער זיצונג פון פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט באַהאַנדלט 4 פונקטן: א) אַ געלט-סובסידיע פון צען טויזנט מאַרק פאַרן פאַראיין; ב) גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיוו ביים פאַראיין ג) אַרויסגעבן אַ זאַמלבוך צום אָנדענק פון טראַגיש-אומגעקומענעם א. ווייטער; ד) בילדן אַ פאָנד צו שטעלן אַ מצבה אויף ווייטערס קבר.

פון אַ ווייטערדיקן קאָמוניקאַט דערוויסן מיר זיך, אַז די ערשטע דריי טויזנט מאַרק האָט אַראָפּגעבראַכט פון וואַרשע יצחק גרינבוים.

פון דעם געלט איז מען דאָס צוגעטראָטן צום אַרויסגעבן דעם „ווייטער-בוך", וואָס איז ערשינען צו ווייטערס ערשטן יאָרצייט (תר"פ — אַפּריל 1920).

3.

נאָך ש. אַנ-סקיס פאַרלאָזן ווילנע קומט פאַר אונטערן פאָרזיץ פון ש. ניגער און דן קאַפּלאַנאָוויטשעס סעקרעטאַרשאַפט דעם 24 יוני 1919 אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון פאַראיין, וועלכע האָט אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער פון פאַראיין ש. ניגערן און אַלס

סעקרעטאַר חיים לעווינען, וועלכער איז שוין דאַן אויך געווען געקומען פון רוסלאַנד.

אונטער ניגערס פאָרזיץ האָט זיך ביים פאַראיין צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן פירן, דורך דעם סעקרעטאַר חיים לעווין, אַ רע־גולערער פּראָטאָקאָל־בוך.

דער סדר היום פון אָט דער ערשטער, פאַרפּראָטאָקאָלירטער אונטערן נומ׳ 1, פאַרזאַמלונג איז געווען: 1) וועגן זאַמלבוך אויף ווייטערס נאָמען; 2) באַריכט וועגן דער פינאַנסיעלער לאַגע פון פאַראיין; 3) וועגן פאַררעגיסטרירן דעם פאַראיין ביי דער מאַכט; 4) וואַלן פון אַ נייער פאַרוואַלטונג; 5) וועגן אָננעמען נייע מיטגלידער.

די נייע מיטגלידער, וועלכע זיינען אויף דער פאַרזאַמלונג אָנגענומען געוואָרן, זיינען געווען: משה קולבאַק און ש. גאָרדאָן (איצט ביידע אין ראַטן־פאַרבאַנד). וויפיל עס זיינען בכלל דאַן געווען מיטגלידער און ווער פון זיי עס האָט זיך אויף דער פאַר־זאַמלונג באַטייליקט איז אין פּראָטאָקאָל ניטאָ. ווייזט אָבער אויס, אַז די צאָל איז געווען זייער אַ קליינע, מחמת מער ווי פון 4 מיטגלידער איז די דעמאָלטיקע פאַרוואַלטונג ניט באַשטאַנען. חוץ ש. ניגער און חיים לעווין זיינען דאַן אין דער פאַרוואַלטונג אויך אויסגעקליבן געוואָרן י. ח. ראָזנבוים אַלס וויצע־פאָרזיצער און דן קאַפּלאַנאָוויטש אַלס נאמן.

כדאי צו ברענגען אַ פּאָר אויסצוגן פון פּראָטאָקאָל וועגן יענער פאַרזאַמלונג:

„ח׳ ניגער גיט אָפּ אַ באַריכט וועגן דער פראַגע (וועגן ווייטער־בוך). דער זאַמלבוך איז אונטערגענומען מיטן צוועק צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אומגעקומענעם חבר און שריפטשטעלער א. ווייטער. דער זאַמלבוך דאַרף אגב זיין אַ התחלה פון אַ סיסטעמאַטיש־דורכגעפירטער אַקציע צו שאַפן פאַר די ווילנער יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פּראָדוקטיווע הילף דורך אַרבעט. צו דעם צוועק זאָל אָנגעווענדט ווערן בתורת הלואה די געלט, וואָס זיינען צוגעשיקט געוואָרן דורך דעם וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין. רעדאַגירן דעם מאַטעריאַל, וואָס איז

באַשטימט פאַרן זאַמלבוך, איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ קאָלעגיע, וואָס באַשטייט פון די שריפטשטעלער ש. אַנ—סקי, ש. ניגער, ל. יפה און זלמן רייזען. מחמת ש. אַנ—סקיס אָפּפאָרן פון ווילנע ווערט דערוועקט די פראַגע וועגן דער ווייטערדיקער צוזאַמענ-שטעלונג פון דער קאָלעגיע און אויך וועגן האָנאָראַר פאַר די אָנ-געגומענע ווערק. עס ווערן אָנגענומען פאָלגנדיקע באַשלוסן:

„א) איבערלאָזן די אַלטע רעדאַקציע-קאָלעגיע, אויף ש. אַנ—סקיס אָרט ווערט קיינער ניט אויסגעווײלט [שפּעטער איז צוגעקליבן גע-וואָרן ש. ל. ציטראָן]; ב) צאָלן האָנאָראַר פאַר דעם אָנגענומענעם מאַטעריאַל צו 400 רוב' אַ בויגן פאַר פּראָזע און פון 5 ביז 6 הונדערט פאַר פּאָעזיע; פּובליציסטיש - וויסנשאַפטלעכע ווערק ווערן באַצאָלט גלייך ווי פּראָזע - בעלעטריסטיק; ג) אין משך פון 2 וואָכן מוז פאַרטיק ווערן דער גאַנצער מאַטעריאַל צום דרוק.

„דער נאַמן פון פאַראיין ה' קאַפּלאַנאָוויטש באַריכטעט וועגן די אָנגעקומענע געלטער פאַרן פאַראיין. בסך הכל זיינען ביז איצט דערהאַלטן געוואָרן: פון וואַרשע פון דינעזאָנען, דורך י. גרינ-בוימען, 3 טויזנט מאַרק און דורך אַן אַנדער פּערזאָן נאָך 3000 מ' צוזאַמען 6 טויזנט מ'. דורך ראָזנטאַל 5000 רוב' דומע. פון דעמ-דאָזיקן געלט איז אַ טייל אויסגעצאָלט געוואָרן אַלס האָנאָראַר פאַר דעם אָנגענומענעם מאַטעריאַל אין זאַמלבוך. אויסער דעם ווערן פון דעם געלט אַרויסגעגעבן פאַר די נויטבאַדערפטיקע מיטגלידער הלואות ניט העכער פון 300 ר' אויף אַ פּערזאָן, לויט דעם באַ-שלוס פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

„עס ווערט באַשלאָסן: א) רעזערווירן 1000 רוב' פון די אָנגעקומענע געלטער אַלס רעזערוו-קאַפּיטאַל פאַר די הלואות-אָפּעראַציעס פון פאַראיין; דאָס איבעריקע געלט, וואָס וועט בלייבן אין קאַסע, אָנווענדן פאַר די אויסגאַבן אויפן זאַמלבוך; ב) זיך ווענדן אין פּרעזידיום פון ועד-הקהלה מיט אַ בקשה אויסצולייען דעם פאַראיין פון די אַמעריקאַנער געלטער, וואָס געפינען זיך אין רשות פון קהלה, טויזנט מאַרק, בתנאי, אַז דאָס געלט זאָל אומ-געקערט ווערן דער קהלה, ווען ס'וועט אָנקומען. פאַרן פאַראיין דאָס געלט, וואָס דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן-פאַראיין זאַמלט

פאַר די גויטבאַדערפטיקע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פון פוילן און ליטע.

„היות ווי דער באַשלוס פון די פאָריקע זיצונגען וועגן רעגיסטרירן דעם פאַראיין איז נאָך לעת־עתּה ניט דורכגעפירט געוואָרן, ווערט איבערגעגעבן דער נייער פאַרוואַלטונג, וואָס וועט אויסגעקליבן ווערן, צו פאַררעגיסטרירן דעם פאַראיין".

קנאַפּע 2 חדשים איז ש. ניגער געווען פאָרזיצער פון פאַראיין. סוף אַווגוסט 1919 האָט ער פאַרלאָזן ווילנע און אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. בעת זיין קאַדענץ זיינען פאַרפּראָטאָקאָלירט געוואָרן 5 געוועגלעכע און פלענאַרע זיצונגען פון פאַרוואַלטונג או פאַראיין (24-טן יוני, 5, 11, 25 יולי און 19 אַווגוסט). אַ שאָד נאָר, וואָס די פּראָטאָקאָלן זיינען ניט אונטערגעשריבן ניט פון פאָרזיצער און ניט פון סעקרעטאַר. צווישן די באַשלוסן לייענען מיר וועגן גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיוו פאַר די מיטגלידער פון פאַראיין; וועגן דינגען אַ לאָקאַל; מען זאָל צאָלן מיטגלידס-אָפּצאָל; וועגן איינאָרדענען אינטימע אָוונטן פאַר ליטעראַרישע געשפּרעכן (פאָרשלאָג פון ש. ניגער); אויסקלייבן אַ רעווידיר-קאָמיסיע (עס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן ד"ר א. ווירשובסקי, א. מאָרעווסקי, משה שאַליט); אָפּדרוקן מיטגלידס-קאַרטן א. אַנד.

די דריטע זיצונג האָט באַזוכט אַלס גאַסט דער רעדאַקטאָר פון ניו-יאָרקער „פאָרווערטס" אַב קאַהאַן, וואָס האָט דאַן דעם ערשטן מאָל באַזוכט ווילנע זינט זיין באַזעצן זיך אין אַמעריקע. באַגריסט האָט אים דער פאָרזיצער ש. ניגער.

אויף דער 4-טער זיצונג זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פאָלגענדיקע כּללים, לויט וועלכע מען זאָל אָננעמען נייע מיטגלידער:

1) ליטעראַטן, וועלכע האָבן אייגענע ווערק. 2) זשורנאַליסטן מיט אַ פּראָפעסיאָנעלן סטאַזש, וועלכע זיינען מיטאַרבעטער אין אַ יידישער אָדער העברעאישער צייטשריפט, 3) וועלכע שרייבן אין אַנדערע שפּראַכן נאָר וועגן יידישע פראַגן, 4) כראָניקערן מיט אַ סטאַזש, 5) כּלל-טוער, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט ליטעראַטור.

.4

נאָך ניגערס אָפּפאָרן קיין אַמעריקע ווערט אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער פון פאַראיין זלמן רייזען (3-טער סעפּטעמבער 1919). אַלס סעקרעטאַר איז ווייטער פאַרבליבן חיים לעווין.

בעת זלמן רייזענס קאַדענץ האָט זיך פאַרשטאַרקט די פאַר־לעגערישע טעטיקייט פון פאַראיין. ש. ניגער האָט דאַן געהאַט צוגעשיקט פון אַמעריקע 500 דאָלאַר, וואָס דער ניו־יאָרקער שרייבער־פאַראיין האָט געזאַמלט פאַר די ווילנער חברים. חוץ דעם „ווייטער-בוך" האָט דער פאַראיין אַרויסגעלאָזן צום ערשטן מאָל די לידער פון משה קולבאַק; יוסף בעקערס 2 טיילן די „גרויסע רוסישע רעוואָלוציע"; צוויי ביכער ערציילונגען פון דן קאַפּלאַ-נאָוויטש: „אין אַ פאַרגליווערטער שטאָט" און „איינזאַמע מענטשן"; חייקל לונסקיס 2 ביכער „פון יידישן געטאָ" און „מהגיטו הוילנאי"; א. י. גאָלדשמידטס אַ בוך יידישע לעגענדעס „פון לויטערן קוואַל"; 10 קינדער־ביכלעך פון פאָלק האַלפּערין.

דער הויפּט-יסוד פון פאַרלאַג איז געווען, אַז די ביכער גופא געהערן צו די מחברים, נאָכן אַראָפּרעכענען די זעלבסט-קאָסטן פון זאַץ, דרוק און פּאַפּיר. טייל אַרויסגעלאָזטע ביכער זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן צום פאַרשפּרייטן דעם „יעקאָפּאָ"-פאַרלאַג.

ביים פאַראיין האָט זיך דאַן אויך געבילדעט אַ פּראָפעסיאָ־נעלע סעקציע צו דערליידיקן סכסוכים צווישן שרייבער און פאַר־לעגער, וועלכע האָבן אויסגעאַרבעט טאַריפן פאַר זשורנאַליסטישע, ליטעראַרישע און קאָרעקטור־אַרבעט, סיי פאַר די מיטאַרבעטער אין די 2 ווילנער צייטונגען, סיי פאַר די מחברים פון ווערק. די טאַריפן פלעגן פאַרעפנטלעכט ווערן אין דער דעמאָלטיקער ווילנער יידישער פּרעסע. צוליבן שטייגן פון יקרות און צוליבן אָפּטן בייטן זיך פון דאָלאַר-קורס זיינען אויך כסדר געשטיגן די טאַריפן.

די פּראָפעסיאָנעלע סעקציע האָט געפּרובט זיך אָנשליסן אָן צענטראַל־ביוראָ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, די צ. ב. האָט אָבער די סעקציע ניט אָנגענומען מיטן מאָטיוו, אַז זי נעמט אָן נאָר גאַנצע פאַראיינען. שפּעטער איז די פּראָפעסיאָנעלע סעקציע בטל געוואָרן, מחמת דער פאַראיין גופא האָט זיך ערקלערט פאַר

אַ פּראָפעסיאָנעלן און אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון 25 מערץ 1921 (פּראָטאָקאָל נומ׳ 8) אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון קלאַסנקאַמף. ס׳האָבן זיך ווייטער געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אַרייננעמען דעם פאַראיין אין צ. ב. פון די קלאַסן-פאַראיינען. די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך געפירט יאָרן און האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרניט, ווייל די צ. ב. האָט באַטראַכט דעם ליט. פאַראיין ניט פאַר אַן עכטן פּראָפעסיאָנעלן קלאַסן-פאַראיין.

דער פאַראיין האָט דעמאָלט אויך אָנטייל גענומען אין פאַרשיידענע אַקציעס ווי, למשל, אין דער אַקציע פון ברענגען אין אָרדנונג די ברידערלעכע קברים פון די געפאַלענע אין 1905, אין גרינדן די ווילנער „קולטור-ליגע״, אין דער אַקציע צו שטעלן אַ דענקמאָל דעם פּוילישן דיכטער סיראָקאָמלאַ א. אַנד. האָט אָרגאַניזירט אַ ריי טרויער-אָוונטן צו שלושים פון יעקב דינעזאָן, צו די ערשטע יאָרצייטן פון ש. אַנ–סקי, מענדעלע און לייב ניידוס.

דער פאַראיין האָט דאַן צום ערשטן מאָל אויך באַשטימט חודשדיקע פּענסיעס פאַר שריפטשטעלער אויף דער עלטער, פאַר אינוואַלידן און אַלמנות פון שרייבער. פון די ערשטע פּענסיאָנערן זיינען דאַן געווען די אַלמנה פון אהרן ליבערמאַן (רחל), דער פאָלקס-בדחן זיזמאַר, דער אַלטער יידישער שרייבער צבי ניסן גאָלאָמב (איצט שוין אַלע דריי טויט) און די אַלמנה פון העברעאישן שריפטשטעלער און לערער אליהו הלוי לעווין.

ווילנע איז דעמאָלט געווען אַ מין טראַנזיט-פּונקט פאַר די רעעוואַקואירטע יידישע שרייבער פון רוסלאַנד, ועמען דעם פאַראיין איז אויסגעקומען צו שטיצן מיט הלוואות אויף הוצאות-הדרך. צווישן די, וועלכע דער פאַראיין האָט געגעבן די ערשטע הילף נאָכן קומען פון רוסלאַנד, איז אויך געווען בעל-מחשבות

קיין ווילנע זיינען דאַן געקומען די שריפטשטעלער: ש. ראָזענפעלד, יוסף בעקער, משה קאַץ, יוסף אליהו טריוואוש (8-טער אַפּריל 1920) א. אַ., וועלכע האָבן אַ קורצע צייט אויך מיטגעאַרבעט אין פאַראיין, ביז זייער אָפּפאָרן פון ווילנע (חוץ טריוואושן, וועלכער איז שוין דאָ פאַרבליבן).

פון צייט צו צייט פלעגט דער פאַראיין אויך אויפנעמען געסט פון אויסלאַנד, ווי אַלעקסאַנדער הרכבי פון אַמעריקע א. א.

צווישן די נייע מיטגלידער, וועלכע זיינען דאַן אָנגענומען געוואָרן, זיינען געווען: ש. באַסטאָמסקי, ד״ר י. רעגענסבורג, ד. בערעזאָווסקי (דודל), ה. אַבראַמאָוויטש א. א.

צום פאַראיין פלעגן זיך ווענדן נאָך אינטערווענץ סיי שרייבער סיי פאַרלעגער. ס'האָבן אויך ניט געפעלט קיין טשע־קאַווע ענינים, ווי אַ שטייגער, עס האָט זיך געווענדעט צום פאַר־איין דער באַוואוסטער ווילנער מלמד פערלמאַן (איצט שוין טויט), אַז דער פאַראיין זאָל אים ערליידיקן דעם סכסוך מיטן פאַרלעגער מאַץ, וועלכער האָט איבערגעדרוקט אָן זיין רשות אַ נייע אויפ־לאַגע פון זיינעם אַ סידור „קול יהודה״ (דער ענין איז טאַקע דערליידיקט געוואָרן לטובת פערלמאַנען). צבי ניסן גאָלאָמב איז גע־קומען אין פאַראיין מיט אַ פאָרשלאַג, מען זאָל אַרויסלאָזן זיינעם אַ פירוש אויף חומש א. אַז. וו. (דער פאָרשלאָג איז ניט אָנגענומען געוואָרן).

דער פאַראיין איז אויך געווען טעטיק פאַר דער צייט פון די ליטווינער (פאַרצייכנט אין פראָטאָקאָל נומ׳ 17). אַ קורצע צייט איז סעקרעטאַר פון פאַראיין דאַן געווען בועז וואָלפסאָן (איצט אין אַמעריקע).

דער פאַראיין פלעגט באַקומען פון צייט צו צייט אָנפּראָ־צענטיקע הלואות פון דער קהילה און פון „יעקאָפּאָ״, וועלכע ער האָט נאָכדעם צוריקגעצאָלט.

דעם 19 דעצ. 1921 האָט די אַלגעמיינע פאַרז. פון פאַראיין אויסגעוויילט אַלס דעלעגאַטן צום ערשטן יידישן לאַנד־צוזאַמענ־פאָר פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע אין וואַרשע (24—26 דעצ.) די ח״ח א. י. גאָלדשמידט, דן קאַפּלאַנאָוויטש און ש. דרייער. דעם 9 יאַנואַר 1922 ווערט אויסגעוויילט אַלס פאָר־זיצער פון פאַראיין דן קאַפּלאַנאָוויטש. אַלס סעקרעטאַר בלייבט ווייטער חיים לעווין. אַלס ערן־פאָרזיצער ווערן אויסגעקליבן ש. ל. ציטראָן און אליהו טריוואוש (פעברואַר 1922).

.5

צו יענער צייט, זינט סעפטעמבער 1921, האָבן זיך שוין אין ווילנע אויך געפונען די פון רוסלאַנד צוריקגעקערטע שריפטשטע־לער פאַלק האַלפּערין, א. י. גראָדזענסקי, בן־ציון רובשטיין, א. ליט־וואַק, וועלכע האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די אַרבעטן פון פאַראיין, שפּעטער זיינען צוגעקומען שרה רייזען און אברהם קאָטיק.

אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון 2 פעברואַר 1922 ווערט דער שרייבער פון די שורות געוויילט צום ערשטן מאָל אין פאַרוואַלטונג און ווערט שפּעטער אויך סעקרעטאַר פון פאַראיין (אין פאַרוואַלטונג זיינען אויך אַריין קאַפּלאַנאָוויטש, גאָלדשמידט, לעווין, דרייער, פּ. שיפּמאַן און פרידקין).

די ערשטע אויפגאַבע פון אָט דער פאַרוואַלטונג איז געווען צו דערפירן צו אַ סוף די אַקציע פון שטעלן די ווייטער־מצבה, מחמת ס'זיינען שוין אַריבער דריי יאָר נאָך ווייטערס טויט און די מצבה איז נאָך אַלץ ניט געווען פאַרטיק צוליב דוחק אין געלט־מיטלען. צו דעם צוועק איז פאַרגעקומען אַ ווייטער־אָוונט אין קולטור־הויז און ס'איז באַנייט געוואָרן די זאַמל־אַקציע פאַרן ווייטער פאָנד, וואָס איז ענדלעך פאַרענדיקט געוואָרן דעם 1 יאַנואַר 1923. ס'איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן אַ סומע פון העכער אַ האַלבן מיליאָן פּוילישע מאַרק (גענוי: 553 טויזנט מיט 100 מ.). אין שטעלן די מצבה האָט זיך באַטייליקט די גאַנצע יידישע געזעלשאַפט. מיר ברענגען דאָ די רשימה פון די באַשטייערטע:

די גרעסטע סומע האָט געגעבן די „ווילנער טרופּע": 147 טויזנט מאַרק; דאַן „יעקאָפּאָ": 70 ט. מ', וואַרשעווער לי־טעראַטן־פאַראיין — 65 ט. מ', ווייטערס קרובים — 60 ט. מ', וויל־נער דאָקטוירים־פאַראיין — 50 ט. מ', ווילנער קהילה — 40 ט. מ', ווילנער ליטעראַטן־פאַראיין — 40 ט. מ', „אָרט" — 25 ט. מ', צ.ב.ק.— 20 ט. מ', קלעצקין—פאַרלאַג — 15 ט. מ', „אָזע" — 10 ט. מ', לאַנדוי (סאָלעטשניק) געבראַכט קיין ווילנע דורך א. י. גאָלדשמידט—10 ט. מ', „מכבי" — 10 ט. מ', ד"ר צ. שאַבאַד 1 ט. מ'; די פאַרוואַלטונג האָט אָבער ניט געוואַרט ביז ס'וועט זיך אָנזאַמלען די גאַנצע

טומע און האָט די מצבה אַוועקגעשטעלט פריער, סוף זומער 1922 (27 אַווגוסט — ג׳ אלול תרפ״ב). די אַנטהילונג איז פאָרגעקומען מיט גרויס פייערלעכקייט און מיט דער באַטייליקונג פון דער גאַנצער יידישער קולטור־וועלט. עס זיינען אויך אָנוועזנט געווען די יידישע שולן. ס׳זיינען אָנגעקומען טעלעגראַמעס פון פיל גע־זעלשאַפטן אין לאַנד און אויסלאַנד.

געעפנט די אַנטהילונגס - צערעמאָניע האָט דן קאַפּלאַנאָ־וויטש. דאַן האָבן געגומען ווערטער וועגן ווייטערן ז. רייזען, א. י. גאָלדשמידט, מ. מאַזאָ, ד״ר י. וויגאָדסקי, י. גערשטיין, מ. שור, י. גיליגיטש, פּ. קאָן, הרב סראָעלאָוו, חנה בלאַנקנשטיין, ד״ר שאַבאַד, אַנאַ ראָזנטאַל און י. זשעלעזניקאָוו.

דער פאַראיין האָט שוין דאַן געציילט ביי אַ 40 מיט־גלידער. ליידער האָבן זיך שפּעטער אָנגעהויבן רייבונגען צוליב פּערזענלעכע און אַנדערע סיבות. מחמת דעם פלעגן אָפט צונויפגע־רופן ווערן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, וועלכע פלעגן כסדר אויס־ווילן נייע פאַרוואַלטונגען. ס׳פלעגן זיך אָפט בייטן די פאָרזיצערס (אַ קורצע צייט זיינען דאַן אויך געווען פאָרזיצער ש. ל. ציטראָן, פאַלק האַלפּערין א. א.). די אָפּאָזיציע איז באַשטאַנען פון אַ קליינער גרופּע מיטגלידער (זלמן רייזען, א. ליטוואַק, יונה שפּער, א. פרידקין, ש. דרייער, שרה רייזען, אברהם קאָטיק א. א.), פון וועלכע אייניקע זיינען סוף 1922 ארויס פון פאַראיין, געפּרוווט אים שפּאַלטן און בילדן אַ צווייטן פאַראיין, און זיי האָט זיך אויך איינגעגעבן צוצושטעלן דעם אַרבעטס-אינספּעקטאָר אַ באַזונדערן סטאַטוט.

דאָך האָט דער פאַראיין במשך פון 1922 ניט אָפּגעשטעלט זיין טעטיקייט און ניט געקוקט אויף די סיכסוכים פאָרגעזעצט די לויפיקע אַרבעט: געמאַכט אָוונטן, אויפגענומען שריפטשטעלער (דעם 14 יוני איז אין פלאָטניקאָווס רעסטאָראַן פאָרגעקומען אַ גרוי־סער באַנקעט לכבוד שלום אַש). די ניי - געשאַפענע לאַגע האָט אָבער פאָרט געבראַכט ניט ווייניק שאָדן דעם פאַראיין (אַ שאַרפער קאָנפליקט איז געווען אויך צוליב אַן אַרטיקל פון נ. גערבאָווסקי, קעגן 1 מאַי אין „אונזער פריינד״, וואָס

האָט אויפגערעגט אַ טייל מיטגלידער). ס׳איז געשטאַנען אין סכּנה די גאַנצקייט פון דער ווילנער שרייבער-קאָרפּאָראַציע. כּדי צו מאַכן אַ סוף צו אַזאַ לאַגע האָט זיך די פאַרוואַלטונג דאַן געווענדעט צום וואַרשעווער ליטעראַטן-פאַראיין, ער זאָל זיך אַריינמישן און פאַרמיטלען אין קאָנפליקט. די לאַגע האָט זיך געצויגן אַ חדשים דריי. דערווייל האָט זיך ווידער אַ פּאָר מאָל געביטן דער צוזאַמענשטעל פון דער פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט צוליב די רייבונגען דעמיסיאָנירט, מחמת אַ טייל מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג און פון רעווידיר-קאָמיסיע איז אַוועק צום צווייטן פאַראיין (נ. קאַסטעלאַנסקי, א. י. גאָלדשמידט, ש. דרייער). ש. ל. ציטראָן האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פאַרוואַלטונג ביז ס׳וועט ניט ווערן שלום, און עס זיינען געבליבן אין פאַרוואַלטונג בלויז קאַפּלאַנאָוויטש, חיים לעווין און דער שרייבער פון די שורות. צוליב אָט דער ניט נאָרמאַלער סיטואַציע איז דעם 20 יאַנואַר 1923 פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער די דריי דערמאָנטע האָבן געשילדערט די געשאַפענע לאַגע און, ליגנדיק זייערע מאַנדאַטן, פאָרגעשלאָגן צו וויילן אַ דערווייליקע נײַע פאַרוואַלטונג אין די פּערזאָנען פון די ח״ח טריוואוש, שניידער, שאַראַפאַן און שבולת. דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן און אַלס פאָרזיצער פון פאַראיין ווערט געוויילט א. טריוואוש און אַלס סעקרעטאַר—שבולת.

בינו לבנו האָט זיך דער נייער פאַראיין אַרויסגעוויזן פאַר ניט אַרבעטספעאיק און איז זיך ביסלעכווייז צעפאַלן. א. ליטוואַק האָט אַפילו איבערגענומען אויף זיך די שליחות פון וואַרשעווער ליטעראַטן-פאַראיין צו מאַכן שלום צווישןביידע פאַראיינען און זיי ווידער צונויפגיסן אין איין קערפערשאַפט. נאָך אַ ריי אונטערהאַנדלונגען איז ענדלעך ליטוואַקן זיין מיסיע געלונגען. און פּסח 1923 האָט זיך דער צווייטער פאַראיין ליקווידירט, איבערגעבנדיק דעם אַלטן פאַראיין זיין „אינווענטאַר״, וועלכער איז באַשטאַנען אין דעם סטאַטוט און אַ פּעקל געלט-חובות.

גלייך נאָכדעם איז ווידער צונויפגערופן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט אויסגעקליבן אַ נייע פאַרוואַלטונג (סוף אַפּריל 1923) שוין אין באַשטאַנד פון 7 פּערזאָן: די דאָזיקע

צאָל ווערט זינט דאַן, אין הסכּם מיטן פּ׳ 17 פון נייעם סטאַטוט, שוין געוויילט אויף יעדער יערלעכער אַלגעמיינער וואַל-פאַרזאַמלונג.

אין דער פאַרוואַלטונג זיינען דאַן אַריין: משה שאַליט, ש. ל. ציטראָן, א. י. גראָדזענסקי, שרה רייזען, א. י. גאָלדשמידט, דן קאַפּלאַנאָוויטש און חיים לעווין.

אויף איר ערשטער קאָנסטרואירונג-זיצונג איז דורך אַ געהיימער אָפּשטימונג איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון פאַראיין משה שאַליט און אַלס סעקרעטאַר א. י. גראָדזענסקי.

6.

מיטן אויסוויילן די נייע פאַרוואַלטונג האָט זיך צוריק אָנגעהויבן אַן אויפלעבונג אין פאַראיין. עס האָט זיך פאַרענדיקט די ניט נאָרמאַלע לאַגע פון צוויי פאַראיינען און עס איז אַריינגעטראָטן אַ תּקופה פון געזונטמאַכונג פון דער איינהייטלעכער קאָרפּאָראַציע סיי פינאַנסיעל, סיי פּראָפעסיאָנעל.

די נייע פאַרוואַלטונג האָט געווענדט איר גאַנצע ענערגיע צו באַקומען מיטלען פאַרן פאַראיין, מחמת צוליב די אָפטע בייטענישן פון די פאַרוואַלטונגען איבער די פסדרדיקע סיכסוכים איז שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן די קאַסע פון פאַראיין. עס זיינען פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן מעמאָראַנדומס צו דער דעמאָלטיקער וועלט-הילף-קאָנפערענץ אין פּאַריז, צום דזשוינט אין אַמעריקע, צום י. ל. פּרץ-פאַראיין אין נויאָרק. די רעזולטאַטן האָבן ניט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן. די דריי דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס האָבן שנעל און וואַרים זיך אָפּגערופן מיט זייער הילף, וואָס האָט געגעבן ווידער אַ מעגלעכקייט צו באַנייען די איבערגעריסענע פאַרלאַגס-טעטיקייט.

במשך פון 1923 זיינען דורכן פאַראיין אַרויסגעגעבן געוואָרן 4 נייע ביכער: „לעבן" (ראָמאַן) פון א. י. גראָדזענסקי, „געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע" פון ש. ל. ציטראָן, אַ בוך לידער פון שרה רייזען און אַ בעלעטריסטיש בוך פון אברהם איוועניצקי: „וואו די וועגן קרייצן זיך".

אין זעלבן יאָר איז אויך דורכן פאַראיין געפייערט געוואָרן אין זאַל „פּאַלאַס" (איצטיקע „קאָנסערוואַטאָריע") דער 100־יאָריקער יובילײ פון דער יידישער פרעסע. עס זיינען פאָרגעקומען 2 פול באַזוכטע, גראַנדיעזע אָוונטן מיט אַן אויסשטעלונג (וואָס איז געווען אָפן גאַנצע 2 וואָכן) פון יידישע צייטונגען פאַר די 100 יאָר.

עס איז אויך אין יענעם יאָר דורכגעפירט געוואָרן אַ באַ־קליידונגס־ און באַשוכונגס־אַקציע פאַר די באַדערפטיקע מיטגלידער פון פאַראיין אין גאָר אַ ברייטן מאַסשטאַב, ווי אויך פאַר די צוריקגעקומענע שריפטשטעלער פון רוסלאַנד און פאַר די דורכ־רייזנדיקע שרייבער, וועלכע זיינען פון רוסלאַנד געקומען אָן זאַכן און אָן וועש, — אויך אַ מעבל־אַקציע אינגאַנצן בייגעשטייערט פון „יעקאָפּאָ".

עס זיינען פאָרגעקומען אַ ריי אַנדערע פאַראַנשטאַלטונגען און אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן אַרייגגעבראַכט דער קאַסע פון פאַראיין אַ היבשן ריווח, וואָס האָט אויך געגעבן אַ מעגלעכקייט צו באַנייען די הלוואות־קאַסע און שטיץ־קאַסע פאַר די מיטגלידער און פענסיאָנערן. עס איז דאַן פיל געטאָן געוואָרן אויפן פּראָפעס־יאָנעלן געביט. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן דערפאָלגרייכע שטרייקן אין די רעדאַקציעס פון „אונזער פריינט" און „אונזער טאָג" פאַר הוספות, צוליב ניט אויסגעצאָלטע טאָפּלטע פאַר יום־טובדיקע וואָכן, א. ד. גל. עס איז אויך אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גענויער פּראָפעסיאָנעלער רעגולאַמין און אַ באַוועגלעכער לוין־טאַריף פון ליטעראַריש־זשורנאַליסטישער אַרבעט פאַר רעדאַקציע־אָנגעשטעלטע (וועכנטלעכע שכירות), צייטונגס־מיטאַרבעטער (האָ־נאָראַר פאַר שורות), פרייע אַרבעט (פאַרלאַגן און זשורנאַלן); עס זיינען איינגעפירט געוואָרן אורלויבן, געצאָלט פאַר קראַנקן־טעג, פאַר פאַרבייטעונישן, פאַר איבערשעהן, טעג פאַר אַרבעטס־לאָזע. עס זיינען דאַן אין פאַרשטענדיקונג מיטן וואַרשעווער פאַר־איין גענוי פעסטגעשטעלט און דעטאַליזירט געוואָרן די פאַרשיי־דענע פונקציעס פון די באַשעפטיקטע זשורנאַליסטן און ס׳זיינען באַשטימט געוואָרן די פרייזן פאַר בעלעטריסטיק, פּובליציסטיק, וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, קריטיק א. א. לויטן פאָרמאַט פון

בויגן, צאָל שורות און זייער מאָס, טעקסט, פעטיט, רעדאַגירונג, סטיליזאַציע, סטאַטיסטיק, יידישע און העברעאישע אָריגינאַלן, איבערזעצונגען, דראַמע, טאַנטיעמע פון טעאַטער־שטיק א. א. וו. עס האָבן נאָך דאַן ניט עקסיסטירט קיין קאָאָפּעראַטיוון. מען האָט כּסדר געהאַט צוטאָן מיט אונטערנעמער, פאַרלעגער. מען האָט איינגעפירט דעריבער, אַז אָן דעם פאַראיין קען ניט אַגאַנזשירט ווערן אין צייטונגען און פאַרלאַגן קיין מיטאַרבעטער. מחברים האָבן געמוזט זייערע אָפּמאַכן מיט פאַרלעגער שליסן דורכן פאַראיין. אויף דעם באָדן פלעגן אויך אַנטשטיין קאָנפליקטן צווישן די אַרבעטס־געבער און אַרבעטס־נעמער, וועלכע זיינען אָבער שטענדיק דערליידיקט געוואָרן דורכן פאַראיין.

עס איז אויך פאַרשטאַרקט געוואָרן דער פינאַנסיעלער באַזיס פון פאַראיין דורך איינפירן דאָס נעמען מיטגלידס־אָפּצאָל לויט די פאַרדינסטן. דער אָפּצאָל איז אויך געווען אַ באַוועגלעכער. מחברים, למשל, וואָס פלעגן אַליין פאַרקויפן זייערע ביכער צו די מוכרי־ספרים, האָבן ביי יעדער טראַנזאַקציע געמוזט געבן אַ געוויסן אָפּצאָל פאַר דער קאַסע פון פאַראיין, אָפּהענגיק פון דער סומע, וואָס זיי פלעגן לייזן.

אין דער גרויסער צאָל פאַרשיידענע ענינים און קאָנפליקטן, וועלכע דער פאַראיין האָט דאַן דערליידיקט צווישן שרייבער און פאַרלעגער, זיינען אויך געווען פאָלגנדיקע: אַ סיכסוך צווישן שלום אַש און דעם קלעצקין־פאַרלאַג צוליב מאַטריצן (פון אַש'ס ווערק), וועלכע דער פאַרלאַג האָט ניט געוואָלט אַרויסגעבן. דעם פאַראיין איז ענדלעך געלונגען די מאַטריצן אַרויסצובאַקומען און זיי איבערצושיקן צו אַשן; אַ תּביעה פון נאָמבערגן צום זעלבן פאַרלאַג; פון בעל־דמיונען, וועלכער האָט געמאָנט האָנאָראַר פאַר איבערדרוקן זיין אַרטיקל אין דער צווייטער אויפלאַגע פון ניגערס „פנקס״; אַ טענה פון בערגעלסאָנען, אַז דער קלעצקין־פאַרלאַג דרוקט זיינע ווערק, אָן שום רעכט, מחמת זיי זיינען פאַר־קויפט צו אַן אַנדער פאַרלעגער; פון י. ל. פּרצעס אלמנה וועגן אַן אָפּרעכענונג מיטן קלעצקין־פאַרלאַג און וועגן האָנאָראַר פאַר איר מאַנס ביכער; פון ש. ל. ציטראָן אַ תּביעה צום שרעבערק־פאַרלאַג

א. ג. פיל אַנדערע, וואָס דער פאַראיין האָט דאַן אַלץ דערליידיקט לטובת די דערמאָנטע שריפטשטעלער, האָט פאַר זיי אויפגעמאָנט דעם האָנאָראַר, דורכגעפירט רעוויזיעס אין די ביכער־לאַגערס וועגן דער צאָל געדרוקטע, פאַרקויפטע און פאַרבליבענע עקזעמפּלאַרן וכדומה. ס׳איז געווען אַ בקשה פון דער טאָכטער פון מענדעלע מוכר ספרים, וועלכע האָט פאַר דער מלחמה געוואוינט מיט איר מאַן ד״ר אַבראַמאָוויטש אין ווילנע און זיך נאָכדעם עוואַקואירט צו איר פאָטער אין אָדעס, מען זאָל זען פאַרקויפן דאָס איבערגעלאָזטע מעבל אין איר דירה אויף קאַלוואַרייסקע אין קאַמבערס הויז און איר צושיקן דאָס געלט, מחמת זי לעבט אין נויט. דער פאַראיין האָט ליידער געפונען אַ גאָר קליינעם טייל פון די מעבל, וואָס איז געווען צוואָרפן ביי פאַרשיידענע שכנים. ס׳זיינען געווען נאָך פיל אַנדערע ענינים, וועלכע דער פאַראיין האָט דערליידיקט.

אין ווילנע האָט זיך צו יענער צייט שוין געפונען משה קולבאַק, וועמען דער פאַראיין האָט איינגעאָרדנט אַ קבלת־פנים־אָוונט, נאָך זיין צוריקקומען פון בערלין, שפּעטער איז פון ווין געקומען משה זילבורג. עס איז אויך געווען דער גאַסט פון פאַראיין פּרץ מאַרקיש. אין לאָקאַל פון „יעקאָפּאָ״ אויף פּאָהולאַנקע 3 (5) פלעגן פאָרקומען חוץ די זיצונגען פון פאַרוואַלטונג, אויך ליטעראַרישע אָוונטן און באַנקעטן פאַר שרייבער. אַזוי זיינען דאָרט איינגעאָרדנט געוואָרן „גלעזלעך טיי״ לכבוד ל. יפה, אַב. קאַהאַן, אפרים קאַגאַנאָווסקי (וועלכער האָט אויך געהאַט אַ ליטעראַרישן אָוונט), א. ליטוואַק, וועלכער האָט אין „יעקאָפּאָ״ געהאַלטן איי̈ניקע רעפעראַטן (וועגן שפּענגלערס פילאָזאָפיע). ס׳האָבן אויך געהאַלטן דאַן רעפעראַטן אין לאָקאַל פון „יעקאָפּאָ״ ד״ר רעגענסבורג (וועגן שרייבערשער עטיק), ד״ר ווירשובסקי (וועגן גייסטיקע קראַנקהייטן) און נאָך פיל אַנדערע.

7.

ביי די נייע וואַלן, אָנהויב 1924, זיינען אין דער פאַרוואַלטונג אויך אַריין משה זילבורג און משה קולבאַק. פאָרזיצער איז

ווידער פאַרבליבן משה שאַליט און סעקרעטאַר—א. י. גראָדזענסקי. עס איז דאַן פאָרגעקומען אן איבערגעגיסטראַציע פון די מיטגלידער.

צו יענער צייט האָט שוין דער פאַראיין געציילט 47 מיטגלידער ואילו הם: אברהם איוועניצקי, יוסף אַראָנאָוויטש (מיטאַרבעטער פון אַ. ליטוואַקס „אונזער גערדאַנק"), הירש אַבראַמאָוויטש, ש. באַסטאָמסקי, בן - ציון מאַכטיי, יצחק ברוידעס (זשורנאַליסט אין „אונזער פריינד", זאַמלער פון פאָלקס - מעשיות), גאָלדשטיין (זשורנאַליסט), א. י. גאָלדשמידט, א. י. גראָדזענסקי, ישראל גורעוויטש (מחבר פון לער-ביכער און שולטוער), ש. דרייער (מיטאַרבעטער אין „טאָג"), פאַלק האַלפערין, ד"ר מאַקס ווײַנרייך, ד"ר א. ווירשובסקי (מחבר פון אַרבעטן אויף מעדיצינישע טעמעס), ד"ר יעקב וויגאָדסקי, משה זילבורג, ח. א. חזן (מחבר פון העבר. לערביכער און איבערזעצער פון פיעסן), אליהו טריוואוש, יוסף יאַשונסקי ש. ידידאָוויטש (רעדאַקטאָר פון „חבר"), חיים לעווין, חייקל לונסקי, אברהם מאָרעווסקי, י. נאַדל (מחבר פון העברעאישע לער - ביכער), ראָזע סימכאָוויטש (שולטוערין און מחברטע פון אַרבעטן אויפן שול-געביט), ל. סטאָצקי (מיטאַרבעטער אין „צייט"), ג. פלודערמאַכער, ש. ל. ציטראָן, דן קאַפּלאַנאָוויטש, נ. קאַסטעליאַנסקי (זשורנאַליסט אין „טאָג"), מ. קאַרפּינאָוויטש (געוו. מיטאַרבעטער פון צייטונגען), אברהם קאָטיק, משה קולבאַק, ב. קיט (מיטאַרבעטער פון צייטונגען), ד"ר ראָזנטאַל—אַנ-מאַן, זלמן רייזען, שרה רייזען, אברהם ראָזעט (אַלטער שרייבער), מנחם רודניצקי (העבר. פעדאַגאָג. שרייבער), ד"ר י. רעגנסבורג (שרייבער אויף וויסנשאַפטלעכע טעמעס), משה שאַליט, ש. שאַראַפאַן (מיטאַרבעטער אין „צייט"), ד"ר צ. שאַבאַד, מ. ב. שניידער (מחבר פון לער-ביכער, העברעאישער פילאָלאָג), יונה שפער (זשורנאַליסט), פנחס קאָן, דוד האַלבערשטאַם (בעלעטריסט).

די פאַרוואַלטונג האָט דאַן געפּלאַנט אַ „ווילנער אָוונט" מיטן אָנטייל פון אַלע מיטגלידער (יעדערער צו 5 מינוט). דער

אָוונט איז אָבער ניט פֿאָרגעקומען. שפּעטער איז אַזאַ אָוונט פֿאָר־געקומען אין אַ קלענערן מאַסשטאַב אויפֿן חנוכת־הבית פֿון אייגע־נעם לאָקאַל, וואָס דער פֿאַראיין האָט געדונגען אין דירה פֿון די האַנטווערקער (ווילנער 8). ביז דאַן האָט דער פֿאַראיין קיין לאָ־קאַל ניט געהאַט. אויפֿן אָוונט האָט געהאַלטן אַ באַגריסונג אין נאָמען פֿון ווארשעווער ליטעראַטן־פֿאַראיין ז. סעגאַלאָוויטש.

די פֿאַרוואַלטונג האָט אין לאָקאַל אייגעאָרדנט אַ לייענזאַל. דאָרט פֿלעגן פֿאָרקומען די זיצונגען און פֿאַרזאַמלונגען פֿון פֿאַראיין, זיינע ליטעראַרישע אָוונטן א. אַנד. אונטערנעמונגען.

דער פֿאַראיין האָט דאַן דורכגעפֿירט אַ שטרייק אין „פֿריינד", וואו מען האָט געדאַרפֿט אַראָפּנעמען שטרייק־ברעכער. דער שטרייק איז געווען צוליב אַ חוב שכירות און איז פֿאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ נצחון פֿון די שטרייקנדיקע חברים. דער פֿאַראיין האָט דאַן אויך דערליידיקט אַ ריי אַנדערע קאָנפֿליקטן: אין „טאָג", צווישן חברים גופא. צו יענער צייט איז צום ערשטן מאָל אָנגעבונדן געוואָרן אַ קאָנטאַקט מיטן דרוקער־פֿאַראיין בנוגע אַ ריי געמיינזאַמע אַקציעס אויפֿן פּראָפֿעסיאָנעלן געביט.

במשך פֿון 1924 זיינען אויך פֿאָרגעקומען אַ ריי שטורמישע אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען, ווי למשל, וועגן דער אָפּשטימונג פֿון יידישן קאָלאָ אין פּוילישן סיים מכח דעם יידישן שול־וועזן א. א. צווישן די אונטערנעמונגען איז ווערט צו פֿאַרצייכענען די דריי דיספּוט־אָוונטן וועגן יידישן טעאַטער, אין וועלכע, חוץ די מיט־גלידער פֿון פֿאַראיין, האָבן אויך זיך באַטייליקט געסט פֿון עולם.

במשך פֿון זעלבן יאָר האָט דער פֿאַראיין אויפֿגענומען אַלס געסט: ד"ר משה זילבערפֿאַרבן, שלום אַש, נאָמבערגן, ברוך גלאַזמאַנען, ב. וולאַדעקן, ז. סעגאַלאָוויטשן, וועמען דער פֿאַראיין האָט איינגעאָרדנט אָוונטן, עפֿנטלעכע אַרויסטריטן, קבלת פּנימס און באַנקעטן. אַ גרויסער באַנקעט איז אויך געווען לכבוד ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, אויך זיינער אַ רעפֿעראַט: „דער זין פֿון לעבן". עס האָט דאַן באַזוכט ווילנע פּרץ הירשביין, וועמען דער פֿאַראיין האָט איינגעאָרדנט אייניקע רעפֿעראַטן וועגן זיינע ווייטע נסיעות. עס איז אויך דאַן פֿאָרגעקומען אַן

אָוונט צום 15־טן יאָרטאָג פון יעקב גאָרדין (עס איז געשטעלט געוואָרן זיין פּיעסע „כאַסיע די יתומה". די טיטל־ראָלע האָט געשפּילט שרה רייזען).

אין יענעם פּעריאָד האָט זיך אויף אַ קורצע צייט געהאַט אָפּגעשטעלט דער „טאָג", מחמת דער אַרויסגעבער זלמן רייזען האָט זיך צוליב שלעכטע געשעפטן אָפּגעזאָגט פון זיין ווייטער דער אייגנטימער פון דער צייטונג. דעם פאַראיין איז דאַן אויסגעקומען צו דערמעגלעכן די אַרבעטסלאָזע־פאַרבליבענע מיטאַרבעטער איבער־צונעמען די צייטונג אויף קאָלעקטיווע יסודות. היות אין ווילנער יידישן צייטונגס-וועזן איז דאָס צו יענער געווען דאָס ערשטע מאָל (זינט דעם לעצטן פּעריאָד פון די „לעצטע נייס"), וואָס אַ צייטונג הויבט אָן אַרויסצוגיין אָן אַ בעל־הבית, איז דער פאַראיין אַוועק־געשטעלט געוואָרן פאַר נייע נסיונות, מחמת עס האָט געמוזט גע־פונען ווערן אַ מאָדוס וועגן די נייע אופנים פון אַרבעט אין דער רעדאַקציע און פון די שכירות. דאָס איז געטאָן געוואָרן אין קאָנטאַקט מיטן דרוקער־פאַראיין. די מיטאַרבעטער האָבן אויך געמאָנט קאָמ־פּענסאַציע פאַר 4 — 5 יאָר אַרבעט אין „טאָג", און וועגן דעם האָבן זיך אויך לאַנג געפירט אונטערהאַנדלונגען.

אַ קורצע צייט איז דאַן געווען פאָרזיצער משה זילבורג.

סוף 1924 (4 נאָוועמבער) קומט פאָר אַן אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונג, אויף וועלכער עס ווערט געוויילט אַ נייע פאַרוואַלטונג אין באַשטאַנד פון: משה שאַליט, ש. ל. ציטראָן, דן קאַפּלאַנאָוויטש, משה קולבאַק, ש. דרייער, ח. לעווין און א. י. גאָלדשמידט.

משה שאַליט ווערט ווידער פאָרזיצער, סעקרעטאַר ווערט ש. דרייער.

8.

אין ווילנע זיינען שוין דאַן געווען דריי יידישע צייטונגען (עס איז צוגעקומען דער „אָוונט־קוריער"). עס האָט אויך דאַן פאַר־שטאַרקט זיין אַרויסגעברישע טעטיקייט דער קלעצקין־פאַרלאַג. דער פּראָפעסיאָנעלער געביט פון פאַראיין האָט זיך צוליב דעם פאַרברייטערט און עס איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ באַזונדערע

פראָפעסיאָנעלע קאָמיסיע אויף צו דערליידיקן ספעציעל פראָפע־סיאָנעלע ענינים, איבערלאָזנדיק פאַר דער פאַרוואַלטונג די אַלע אַנדערע אַרבעטן.

די נייע פאַרוואַלטונג האָט אָנגעהויבן איר קולטור־טעטיקייט מיט אַ גראַנדיעזן ליטעראַריש־קינסטלערישן „ראַוט" אין טעאַטער „פּאַלאַס", מיטן אָנטייל פון קינסטלער און אַרטיסטן. אין יענעם „ראַוט", געעפנט דורך משה שאַליט, האָבן זיך באַטייליקט די שטאַרקסטע כּוחות פון דער ווילנער שרייבער־קאָרפּאָראַציע, ווי משה קולבאַק, ד. קאַפּלאַנאָוויטש, ש. ל. ציטראָן א. אַנד.

חוץ דעם ראַוט האָט דער פאַראיין אין 1925 איינגעאָרדנט אַ פייערלעכע אַקאַדעמיע לכּבוד דעם 20 יאָריקן יובל פון ש. ניגער, פּרץ־פייערלעכקייטן צום 10־טן יאָרצייט, אַ טרויער־אַקאַדעמיע צו שלושים פון מרדכי ספּעקטאָר, אַ פאַרלעזונג פון דוד פרישמאַנס אלמנה, אַ יובילײ־אָוונט צו צבי ניסן גאָלאָמבס אַלט ווערן 75 יאָר, אַ סעאַנס פון בעל־זכּרון און טעאַטער־דירעקטאָר נחום ליפּאָווסקי, אַ טרויער־אָוונט צו אַנ—סקיס 5־טן יאָרצייט א. אַנד.

צווישן די פּראָפעסיאָנעלע ענינים זיינען געווען: אויפמאָנען האָנאָראַר פאַר מענדעלעס קינדער פון די פאַרלאַגן „צענטראַל" און „קולטור־ליגע", וועלכע האָבן ניט געצאָלט די יורשים; אַ קאָנפליקט מיט די אַרויסגעבער פון „אָוונט־קוריער" צוליבן אָפּזאָגן דעם איבערזעצער; אַ קאָנפליקט אין „טאָג" צוליבן אָפּזאָגן אַ מיטאַרבעטער, אַ ענין וועגן קאָמפּענסאַציע פאַרן געקינדיקטן כראָניקער; אַ תּביעה וועגן טאַנטיעמע פאַר חזנס איבערזעצונג פון דער אָפּערעטע „גראַף לוקסענבערג", אַ סיכסוך מיטן פאַרלאַג „אוניווערס", אַ תּביעה פון „צייט" צו דער ציונ. אָרגאַנ., אַ סיכסוך מיטן „אָוונט־קוריער" צוליבן נעמען אַ נייעם מיטאַרבעטער אָן פאַראיין. א. אַנד.

דער פאַראיין האָט זיך דאַן אויך באַטייליקט אין שטעלן אַ ניידוס־מצבה און האָט דעלעגירט אויף דער אַנטהילונג אין גראָדנע דעם ח' גאָלדשמידט, אין שטעלן אַ מצבה אויפן קבר פון א. ב. גאָטלאָבער אין ביאַליסטאָק, אין דער אַקציע פון שטעלן דעם אוהל פון י. ל. פּרץ אין וואַרשע.

אין מערץ ווערט פאַרזיצער ש. ל. ציטראָן. סעקרעטאַר בלייבט ש. דרייער.

דער פאַראיין אָרדנט איַין אַ לייוויק-אָוונט, ערטיילט הלוואות די נויטבאַדערפטיקע מיטגלידער, נעמט אָן אַלס נייע מיטגלידער פּ. צונזער, א. אַלק, נחמה עפּשטיין, ד"ר דויערמאַן, י. בודזאָן, האָט אונטערהאַנדלט וועגן ביליקער מעדיצינישער און ,יורידישער הילף פאַר מיטגלידער. אַדוו. יוסף טשערניכאָוו ווערט דאַן איינגעלאַדן אַלס יוריס-קאָנסול פון פאַראיין. ס'זיינען אויך ערליידיקט געוואָרן אַ ריי פּראָפעסיאָנעל ענינים וועגן קאָמפּענ-סאַציע, האָנאָראַר, טאַנטיעמע, געצאָלט פאַר קאָרעספּאָנ-דענצן א. א.

די זעלבע פאַרוואַלטונג בלייבט טעטיק אויך אין יאָר 1926.

אין יענעם יאָר באַקומט דער פאַראיין ווידער אַ באַדייטנדיקע סובסידיע פון דזשוינט דורך „יעקאָפּאָ", וואָס גיט די מעגלעכקייט צו קומען צו הילף די נויטבאַדערפטיקטע מיטגלידער מיט שטיצעס און הלוואות. צווישן די פּראָפעסיאָנעלע ענינים זיינען אויסגעגליכן געוואָרן אַ ריי קאָנפליקטן.

אַלס נייע מיטגלידער ווערן דאַן אָנגענומען: נפתלי וויינִיק, י. וואָלק, מאַקס עריק, האַלבערשטאַט.

צווישן די אונטערנעמונגען און אָוונטן פון יענעם יאָר איז ווערט אויסצוטיילן: אַ קבלת-פּנים לכּבוד ראובן בריינין, אַן אָוונט לכּבוד משה נאַדיר, אַ מנחם-אָוונט, אַ שלום-עליכם-אַקאַדעמיע, אַן אברהם רייזען-אַקאַדעמיע, אַ טשערניכאָווסקי-אָוונט, אַ קאָראַל-ניק-אָוונט, „גלעזלעך טיי" לכּבוד רחל פייגנבערג, יולוס אַדלער, „אַזאַזעל" א. אַנד.

עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אַנקעטע צווישן די מיט-גלידער. אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען פון פאַראיין איז אָנגענומען געוואָרן אַ פּראָטעסט-רעזאָלוציע קעגן דעמאָלט דער-שינענעם פּרעסע-דעקרעט, עס זיינען אויך אָנגענומען גע-וואָרן פּראָטעסט-רעזאָלוציעס קעגן די עוולות לגבי דער יידישער שול א. א. וו.

אויף דער יערלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג דעם 2 יאַ-נואַר 1927 איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג, אין וועלכער ס'זיינען אַריין: משה שאַליט, ש. ל. ציטראָן, ז. רייזען, ה. אבראַמאָוויטש, א. י. גאָלדשמידט, חיים לעווין און ש. דרייער.

אַלס פאָרזיצער ווערט ווייטער געוויילט מ. שאַליט, אַלס סעקרעטאַר ח. לעווין.

דער אַקטיוו פון אַט דער קאַדענץ איז געווען אַ גאַנץ גרויסער. דער הויפּטאויפּטו איז געווען די אָרגאַניזירונג און צונויפרופונג פון דעם לאַנד-צוזאַמענפאָר פון דער יידישער פרעסע אין פוילן דעם 12, 13 און 14 יוני אין ווילנע, אין בנין פון קהילה.

אין צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט 39 דעלעגאַטן פון ווילנע, וואַרשע, לאָדז, ביאַליסטאָק, בריסק, שעדלעץ, ראָוונע, כעלם, ראַדאָם, ביאַלע, אָפּט, וואָלקאָוויסק, טשענסטאָכאָוו, גראָדנע, לעמבערג, מעזריטש, סלאָנים. געעפנט דעם צוזאַמענפאָר האָט דער עלטסטער מיטגליד פון פאַראיין ש. ל. ציטראָן מיט אַ קורצן וואָרט וועגן דער לאַגע פון דער יידישער פרעסע און ליטעראַטור אין לאַנד. דעם פאָרזיץ האָט געפירט משה שאַליט. נאָכן אויס-הערן און איבערלייענען ביי אַ האַלבער מאה באַגריסונגען איז דער צוזאַמענפאָר צוגעטראָטן צום סדר-היום: 1) וועגן דער יידישער פרעסע—רעפעראַט פון זלמן רייזען; 2) וועגן יידישן בוך—רעפעראַט פון נחמן מייזיל; 3) וועגן פראָפעסיאָנעלע ענינים—רעפעראַט פון חיים לעווין; 4) וועגן דער אַרבעטסלאָזיקייט צווישן שרייבער—רעפ. א. י. גאָלדשמידט; 5) וועגן גרינדן יידישע זשורנאַליסטן-סינדיקאַטן—רעפעראַט פון משה שאַליט; 6) וועגן דער רעכטלעכער לאַגע פון דער יידישער פרעסע—רעפ. ש. דרייער; 7) וועגן דער אָרטאָגראַפיע אין דער ייד. פרעסע — ד"ר מ. ווינרייך; און אַ ריי אַנד. אַרום די אַלע רעפעראַטן האָבן זיך אַנטוויקלט וויכוחים מיט דער באַטייליקונג פון דאָס רוב דעלעגאַטן. עס זיינען אויך אויסגעהערט געוואָרן צענדליקער

באַריכטן פֿון די ערטער וועגן מצב פון די פּראָווינץ-בלעטער, וועגן לעבן פון די זשורנאַליסטן, וואָס האָט געגעבן אַ פולשטענדיק בילד, ווי עס האָט דאַן אויסגעזען דער יידישער צייטונגס וועזן. אויפן יסוד פון די רעפעראַטן און באַריכטן זיינען געמאַכט געוואָרן פאָרשלאָגן און עס זיינען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס. אויף אויסצופירן אין לעבן די באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ צענטראַל-ראַט פון משה שאַליט, א. י. גראָדזענסקי, ש. ל. ציטראָן, ח. לעווין און ד. קאַפּלאַנאָוויטש פון ווילנע; ישראל קאהאן און לאַזאַר פוקס פון לאָדז; פסח קאַפּלאַן און מ. וויסאָצקי פון ביאַליסטאָק; משה פראָסטיק פון לעמבערג; ש. סטופּניצקי פון לובלין; דוד בערעזאָווסקי (גראָדנע); אורי גליקליך (וואָלין); ה. דראַכלע (פּאָלעסיע). 8 ערטער אין צ. ר. זיינען איבערגעלאָזט געוואָרן פאַר וואַרשע.

ניט אַלע באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר האָט דער צ. ר. געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן, ווי אַ שטייגער וועגן איינפירן אַן איינהייטלעכע אָרטאָגראַפיע אין דער ייד. פּרעסע. ניט גענוג קלאָר איז געבליבן די שטעלונג פון וואַרשע צום צ. ר. מען האָט דעריבער געמוזט דעלעגירן קיין וואַרשע די ח"ח ציטראָן און לעווין וועגן אויפקלערן די באַציאונג פון די וואַרשעווער חברים צום צ. ר. פון די אונטערהאַנדלונגען האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וואַרשע האָט ניט קיין אינטערעס פאַר דער פּראָווינצער פּרעסע. דאָס פּאָזיטיווע, וואָס דעם צ. ר. האָט זיך איינגעגעבן פאַר די 6 חדשים פון זיין עקסיסטענץ אויפצוטאָן, איז געווען די גרינדונג פון יידישע זשורנאַליסטן-סינדיקאַטן אין ווילנע, לאָדז און ביאַליסטאָק, וועלכע האָבן זיך שפּעטער אויך געדאַרפט פאַראייניקן מיט די פּוילישע זשורנאַליסטן-סינדיקאַטן אַלס יידישע סעקציעס אויף אויטאָנאָמע יסודות. דעם ערשטן זשורנאַליסטן-סינדיקאַט האָט דער צ. ר. געגרינדעט אין ווילנע. די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג פון ווילנער ייד. זשורנאַליסטן-סינדיקאַט איז פאָרגעקומען דעם 12 דעצעמבער 1927 אונטערן פאָרזיץ פון משה שאַליט אין וואוינונג פון שרייבער פון אַרטיקל (בענעדיקטינער 4). עס זיינען

דערנאָך אויך געבילדעט געוואָרן 4 צענטערס פאַר דער יידישער פּרעסע אין פּוילן: וואַרשע, לאָדז, לעמבערג און ווילנע. די אַלע געשאַפענע סינדיקאַטן האָבן זיך שפּעטער פאַראייניקט מיט די פּוילישע אַלס יידישע סעקציעס, חוץ דעם ווילנער, וועלכער עקסיסטירט אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע אָרגאַניזאַציע עד־היום, צוליב פאַרשיידענע פון אים ניט אָפּהענגיקע סיבות. דער צ. ר. האָט אויך דערליידיקט אייניקע פּראָפעסיאָנעלע ענינים אין פּראָווינץ (צווישן זיי אין כעלם אין דער דאָרטיקער „שטימע" לטובת דעם רעדאַקטאָר פריד).

גלייכצייטיק מיטן שאַפן דעם יידישן זשורנאַליסטן־סינדיקאַט אין ווילנע איז דעם 12 דעצעמבער אין וואוינונג פון משה קולבאַק אויך פאָרגעקומען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דעם אַל־וועלטלעכן יידישן פען־קלוב מיטן זיץ־אָרט אין ווילנע.

מיט דער שאַפונג פון זשורנאַליסטן־סינדיקאַט איז פון פאַראיין אַראָפּגענומען געוואָרן אַ טייל פּראָפעסיאָנעלע ענינים אין די צייטונגען, וועלכע זיינען איבערגעגאַנגען צום סינדיקאַט. דער פאַראיין האָט זיך בלויז פאַרנומען מיט די פּראָפעסיאָנעלע ענינים בנוגע פאַרלאַגן פון ביכער.

בעת יענער קאַדענץ האָט דער פאַראיין איינגעאָרדנט אַ יהואָש־אַקאַדעמיע (שלושים), אַ טרויער־אָוונט צו נאָמבערגס טויט, אַ אסתּר־רחל קאַמינסקי־אַקאַדעמיע אין פאָלקס־טעאַטער, האָט געפּייערט די 70יאָריקע יובילייען פון אליהו טריוואוש און ד"ר יעקב וויגאָדסקי, האָט אויפגענומען אַלס געסט מיט אָוונטן און „גלעזלעך טיי" די שרייבער שמואל לעווין, בער האָראָוויץ, אלישבע, דניאל פּערסקי, פּראָפעסאָר פישל שניירסאָן (געלייענט אין „יעקאָפּאָ" זיינס אַ דערציילונג), דוד בערגעלסאָן, בן־ציון כּץ; עס זיינען אויך פאָרגעקומען אָוונטן לכּבוד שרה רייזען, רחל פייגנבערג, ברוך גלאַזמאַן, אַ באַנקעט פאַר זיגמונד טורקאָווס „וויקט". די אַרטיסטין ל. פּאָטאָצקאַ האָט אין פאַראיין געלייענט בערקאָוויטשעס אַ דראַמע, אויך מאַסטבוים איז געווען דער גאַסט פון פאַראיין.

נייע מיטגלידער זיינען דאַן אָנגענומען געוואָרן: אורי

גליקליך, חנה בלאנקשטיין, ד״ר קראסנאָסעלסקי, א. מ. בערנשטיין, ש. לאַקערמאַן און י. ריקלעס.

צווישן די פּראָפעסיאָנעלע ענינים זיינען געווען: אויפמאָנען האָנאָראַר פאַר איבערדרוקן אַרטיקלען און איבערזעצונגען אין די צייטונגען מעבר לים, אויסגלייכן סכסוכים צווישן שרייבער און פאַרלעגער א. א.

10.

דעם 24 דעצ׳ 1927 קומט פאָר די יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. אַזוי ווי אויף דער פערזאַמלונג האָט מען ניט געקענט מושוה ווערן וועגן די באַציאונגען צווישן דעם פאַראיין און די צוויי ניי-געשאַפענע קערפּערשאַפטן—דעם פען-קלוב און זשורנאַליסטן סינדיקאַט—זיינען די פאַרוואַלטונגס-וואַלן אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ צווייטער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען, דעם 21 יאַנואַר 1928. הגם צו קיין הסכם וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען איז אויך דאַן ניט געקומען, האָט מען אויסגעוויילט אַ נייע פאַרוואַלטונג אין באַשטאַנד פון: א. י. גאָלדשמידט, ז. רייזין, ה. אַבראַמאָוויטש, א. י. גראָדזענסקי, ל. סטאָצקי, ש. ל. ציטראָן און חיים לעווין.

די דאָזיקע פאַרוואַלטונג האָט געהאַט במשך פון איר קאַדענץ סיי פינאַנסיעלע שוועריקייטן, סיי אינערלעך-אָרגאַניזאַציאָנעלע. עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט די סובווענצן פאַרן פאַראיין פון אַמעריקע און דער פאַראיין האָט זיך געמוזט צום ערשטן מאָל אויסהאַלטן אויף אייגענע מיטלען דורך אַ ריי באַשטייערונגען פון די מיטגלידער פון פאַראיין אויף אַ דירה-פאָנד (דער פאַראיין האָט זיך דאַן אַריינגעקליבן אין אַ נייעם לאָקאַל אויף פּאָהולאַנקע 18 צוזאַמען מיט אַ ריי אַנדערע קולטור-אינסטיטוציעס), אויף שטיצן מיטגלידער מיט הלואות א. א. וו. די אינערלעכע שוועריקייטן זיינען באַשטאַנען אין די ניט איינגעשטעלטע באַציאונגען צווישן דעם פאַראיין, פען-קלוב און סינדיקאַט. מען האָט געזען איינע אין די אַנדערע קאָנקורענטן און עס איז געווען אַ מיינונג, אַז דער פאַראיין אַלס גאַנצער זאָל זיך ליקווידירן. די פראַגע

האָט פאַרנומען כמעט אַלע זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג אין יאָר 1928 און איז ערשט בשלום דערליידיקט געוואָרן אין 1929, דורך אַ ריי געמיינזאַמע זיצונגען פון אַלע דריי פאַרוואַלטונגען, וועלכע זיינען געקומען צו אַן איינשטימיקן באַשלוס, אַז אַלע דריי קערפּערשאַפטן בלייבן ווייטער עקסיסטירן אויטאָנאָם, אָבער לויטן מאָדוס, אַז אין דער פאַרוואַלטונג פון פאַראיין דאַרפן גע- קליבן ווערן פערזאָנען פון אַלע דריי קערפּערשאַפטן (פּראָטאָקאָל 34; 20 — פעברואַר 1929). אויף דעם יסוד זיינען דעם 3-טן פעברואַר און 10-טן מערץ 1929 ווידער פאָרגעקומען צוויי אַלגע- מיינע פאַרזאַמלונגען און עס איז אויסגעווילט געוואָרן אַ פאַר- וואַלטונג פון אַלע דריי דערמאָנטע קערפּערשאַפטן אין די פערזאָנען פון: ש. ל. ציטראָן, ד. קאַפּלאַנאָוויטש, ה. אַבראַמאָוויטש, מ. שאַליט, א. י. גראָדזענסקי א. י. גאָלדשמידט און ל. סטאָצקי.

אין די יאָרן 28—29 איז פאָרזיצער פון פאַראיין געווען ש. ל. ציטראָן. דער סעקרעטאַריאַט איז באַשטאַנען פון א. י. גראָדזענסקי און ל. סטאָצקי.

פאַר די צוויי דערמאָנטע יאָרן האָט דער פאַראיין געהאַט געפייערט ז. סעגאַלאָוויטשעס יובליי, האָט איינגעאָרדנט אַ יונה ראָזנפעלד-אָוונט, אַ מלך ראַוויטש-פרימאָרגן, אַן אַפּאַטאָשו-אָוונט, אַן אברהם רייזין-אָוונט, אַ געזעגענונגס-אָוונט צו קולבאַקס פאַר- לאָזן ווילנע, אַ רעפעראַט פון זלמן רייזען וועגן זיין רייזע אין ראַטן-פאַרבאַנד, אַ רעפעראַט פון ש. דרייער וועגן זיין באַזוך אויף דער קעלנער פרעסע - אויסשטעלונג, אַן אָפּשייד - אָוונט פאַר קאַפּלאַנאָוויטשן, וועלכער איז געפאָרן קיין אַמעריקע, אַ קבלת-פנים פאַר דניאל טשאַרני, וועלכער איז דאַן געקומען פון בערלין—ריגע, לכבוד קאַלמאַנאָוויטשן, וועלכער איז געקומען פון ליטע, לעקציעס פון ד״ר וויגאָדסקי (וועגן זיין באַזוכן רוסלאַנד), ד״ר רעגנסבורג, חנה בלאַנקנשטיין, י. מאַגנער, נחמן מייזיל, זלמן זילבערצווייג א. אנד.

עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אינטערווענצן אין דער ווילנער ראַדיאָ-סטאַנציע וועגן יידישע אודיציעס, ס'איז אָנגענו-

מען געוואָרן אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן די אַראַבישע אָנפאַלן אויף יידן אין ארץ־ישראל א.א.וו.

צווישן די פּראָפּעסיאָנעלע ענינים זיינען געווען: אַ תביעה פון דער טאָכטער פון דעם בעל „האמת" אהרן ליבערמאַן צו מ. בערקאָוויטש וועגן דער ירושה פון איר פאָטערס כתבים; אַ תביעה פון צבי ניסן גאָלאָמב צו פערעלמאַן; אַ פאַרשלאָג פון אַ פריי־וואַטן אונטערנעמער איבערצונעמעןביידע קאָלעקטיווע צייטונגען „טאָג" און „צייט" (וועלכע איז שוין דאַן אויך געווען אַ קאָלעקטיוו); וועגן טאַריפן, אורלויבן און קאָמפּענסאַציעס; אַ תביעה פון גראָדזענסקי צו מ. זילבורג, למאי זילבורג איבערזעצט גאָרקיס „פאָמאַ גאָרדעיעוו" בעת ער, גראָדזענסקי, האָט עס שוין לאַנג געטאָן; וועגן קאָרעקטור אין „ווילנער פאַרלאַג" און אין פאַרלאַג „טאָמאָר"; וועגן מאָנען האָנאָראַר פאַר קולבאַקן פון קלעצקינען; וועגן קאַפּלאַנאָוויטשעס שכירות בעת זיין אָפּוועזנהייט אין אַמע־ריקע; א.אַנד.

.11

אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון 9 פעברואַר 1930 ווערן געוויילט אין פאַרוואַלטונג: ש. ל. ציטראָן, מ. שאַליט, ב. וויינינג, א. י. גאָלדשמידט, ח. לעווין, א. י. גראָדזענסקי און ל. סטאָצקי. אַלס פאָרזיצער ווערט איינשטימיק אויסגעקליבן משה שאַליט, אַלס סעקרעטאַר—א. י. גראָדזענסקי.

אָט די פאַרוואַלטונג האָט אויסגעפועלט ביי דער קהילה צום ערשטן מאָל אַריינצושטעלן אין ביודזשעט אַ פּאָזיציע פאַר אינוואַלידן־ליטעראַטן און אלמנות פון ליטעראַטן. די פּאָזיציע פיגורירט זינט דאַן אין קהלה־ביודזשעט. פון דער קליינער סובסידיע געניסן טאַקע די עלטסטע מיטגלידער פון פאַראיין, וועלכע זיינען שוין מערנישט אַרבעטספעאיק, ווי אויך אלמנות פון פאַרשטאָרבענע יידישע שרייבער, אינוואַלידן־ליטעראַטן, שרייבער, אין אויסנאַם־פאַלן (קראַנקהייטן), און אויך ליטעראַטן און זשורנאַליסטן עמיגראַנטן.

דער פאַראיין האָט אין דעם יאָר געהאַט אַ זייער גרויסע אבידה

מיטן טויט פון ש. ל. ציטראָן. דער ווייטאָג איז געווען נאָך גרע־סער, וואָס פונקט מיט אַ חודש פריער האָט דער פאַראיין גע־פייערט דעם 70־יאָריקן יובל פון ערן־פאַרזיצער (די יובל־פייערונג איז פאָרגעקומען דאָנערשטאָג דעם 9 אָקטאָבער און דער טויט איז געקומען שבת דעם 8 נאָוועמבער). צוליב דעם האָט מען זיך דאַן געמוזט אָפּזאָגן פון פייערן דעם 10־יאָריקן יובל פון פאַראיין, וואָס איז אויסגעפאַלן יענעם יאָר, ווי אויך פון אַ ריי אַנדערע אונטערנעמונגען, ווייל די הויפּט־זאָרג פון פאַראיין איז געווען צו באַזאָרגן די פאַמיליע פון פאַרשטאָרבענעם, וועלכע איז געבליבן אָן שום מיטלען. דער פאַראיין האָט דאַן אויסגעפּועלט פאַר דער אלמנה אַ חודשדיקע סובווענץ פון דער מאַץ־פונדאַציע אין נויאָרק. מען האָט געמוזט ערליידיקן מיט ציטראָנס פאַרלע־גער וועגן זיינע פאַרבליבענע כתבים און מיטן וואַרשעווער „מאָמענט" וועגן קאָמפּענסאַציע, וואָס איז אבער ניט געגעבן געוואָרן.

אייניקע אָוונטן האָט דער פאַראיין דורכגעפירט פאַר ציטראָנס טויט צוזאַמען מיטן פּען־קלוב, ווי אַן אימבער־אָוונט, אַן אָפּשייד־אָוונט צו ז. רייזענס אָפּפאָר קיין אַמעריקע, אַ משה סטאַווסקי־אָוונט, אַ לעקציע פון אַגראָנאָם פייגין אין „יעקאָפּאָ".

די פאַרוואַלטונג האָט געהאַט אַ שווערע עובדא צוליב דעם, וואָס זינט 1927 האָט דער פאַראיין מערניסט באַקומען קיין מיטלען פון אַמעריקע און האָט כסדר געמוזט בויען אויף זיך גופא. דאָך איז די הילפס־אַרבעט געטאָן געוואָרן. פאַר די פענסיאָנערן איז אונטערגענומען געוואָרן אַ ווינטער־אַקציע און אַ פסח־אַקציע.

דער פאַראיין האָט אויך אינטערווענירט אין פיל פאַלן וועגן אומזיסטע, אָדער ביליקע פּעסער און וויזעס פאַר זיינע מיטגלידער, ווען זיי האָבן געדאַרפט פאָרן אין אויסלאַנד אין שליחות פון זייערע צייטונגען אָדער צוליב ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. די אינטערווענצן האָבן תמיד געהאַט ערפאָלג.

צוליבן שווערן מאַטעריעלן מצב האָט זיך דער פאַר־איין דאַן געמוזט אָפּזאָגן פון דער דירה אויף פאַהולאַנקע 18

און די יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון 3טן פעברואַר 1931 איז שוין פאָרגעקומען אין „יעקאָפּאָ". עס ווערן דאַן אויסגעוויילט משה שאַליט, דן קאַפּלאַנאָוויטש, זלמן רייזען, א. י. גראָדזענסקי, הירש אַבראַמאָוויטש, א. י. גאָלדשמידט, ל. סטאָצקי. זלמן רייזען זאָגט זיך אָפּ און אויף זיין אָרט גייט אַריין פאַלק האַלפּערין. אַלס פאָרזיצער ווערט ווידער איינשטימיק אויסגעקליבן משה שאַליט, סעקרעטאַר — א. י. גראָדזענסקי.

.12

דער פאַראיין האָט זיך אין 1931 אַריינגעקליבן אַלס שכן צום לערער-פאַראיין אויף טראָקער גאַס און דאָרט געעפנט זיין לייען-זאַל.

יענעם יאָר האָט דער פאַראיין אויך אָפּגעהאַלטן איינציקע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען וועגן אויסגעבראָכענעם לערער-שטרייק קעגן דער קהילה, וועגן די אַרבעטסלאָזע מיטגלידער און וועגן אַן אַקציע צו שטעלן אַ מצבה אויף ציטראָנס קבר.

די פאַרזאַמלונג וועגן לערער-שטרייק איז פאָרגעקומען דעם 8 אָקטאָבער. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ פאַרמיטלונגס-קאָמיסיע פון פאַראיין, וועלכע זאָל אונטערהאַנדלען מיט דער קהילה צו דערליידיקן דעם שטרייק. די קאָמיסיע האָט טאַקע מיט דער-פאָלג ליקווידירט דעם שטרייק לטובת די לערער. אינטערעסאַנט איז די רעזאָלוציע, וואָס יענע פאַרוואַלטונג פון ליטעראַטן-פאַראיין האָט אָנגענומען וועגן לערער-שטרייק:

„די אַלגעמייגע פאַרזאַמלונג פון פאַראיין פון יידישע ליטע-ראַטן און זשורנאַליסטן אין ווילנע, דאָנערשטאָג דעם 8 אָקטאָבער, באַקענענדיק זיך מיט דער געשאַפענער לאַגע אין דעם אַלגעמיי-נעם יידישן שול-וועזן אין ווילנע, שטעלט פעסט:

„א) דאָס יידישע שול-וועזן איז דער יסוד פון אונזער גאַנצן קולטור-נאַציאָנאַלן לעבן און דאַרף דעריבער שטיין אין מיטלפּונקט פון דער זאָרג פון דער קהלה.

„ב) ליידער האָט די קהלה-פאַרוואַלטונג אין משך פון איר גאַנצער קאַדענץ ניט אַרויסגעוויזן די געהעריקע פאַרשטענדעניש פאַר

דעם יידישן שול-וועזן און זי טראָגט דעריבער די גאַנצע פאַראַנט-וואָרטלעכקייט פאַר דעם אויסגעבראָכענעם שול-שטרייק.

„ג) די פאַרזאַמלונג פאָדערט דעריבער אויף די קהלה צו באַפרידיקן תיכף ומיד די גערעכטע פאָדערונגען פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכער לערערשאַפט.

ד) „די פאַרזאַמלונג שטרייכט נאָכאַמאָל אונטער איר גרייט-שאַפט ווייטער צו קעמפן צוזאַמען מיט אַלע באַוווּסטזיניקע עלע-מענטן פון דעם יידישן קיבוץ אין פוילן פאַר דער פאַרמלוכהשונג פון יידישן שול-וועזן און דריקט אויס איר זיכערקייט, אַז אַלע פרוּוון אויסצונוצן דעם שטרייק אין די יידישע שולן כדי אָנצו-וואַרפן דער יידישער באַפעלקערונג די פרעמדשפּראַכיקע אַסימי-לירנדיקע שול וועלן פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אויפן שאַרפסטן אויפן און מיטן פולן נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין אָפּגעוואָרפן ווערן".

דעם 7 נאָוועמבער איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַר-זאַמלונג, וועלכע האָט פּראָקלאַמירט אַן אַקציע צו שטעלן אַ מצבה אויף ציטראָנס קבר. צו דעם צוועק איז געווײלט געוואָרן אַ ספּע-ציעלער קאָמיטעט אין באַשטאַנד פון אַ ריי געזעלשאַפטן, ווי קהלה, ייוואָ, תרבות, פּען-קלוב, זשורנאַליסטן-סינדיקאַט, ציוניסטי-שע אָרגאַניזאַציע א.אַנד.

צוליבן באַנקראָט פון קלעצקין-פאַרלאַג האָט זיך פאַרגרע-סערט די אַרבעטסלאָזיקייט צווישן די מיטגלידער פון פאַראיין. עס זיינען געבליבן אָן אַרבעט די איבערזעצער און די קאָרעק-טאָרן פון פאַרלאַג און פאַרן פאַראיין איז אַנטשטאַנען די פראַגע וועגן באַזאָרגן זיי מיט אַרבעט. אָט די זאָרג איז אָבער באַשוועָרט געוואָרן צוליב דעם, וואָס די פּאָסטנס אין אַלע 4 ווילנער צייַ-טונגען, וועלכע זיינען דאַן אַרויס אין ווילנע (ס'איז צוגעקומען פאַר דער צייט דער „ראַדיאָ"), זיינען שוין געווען באַ-זעצט. עס האָבן דעריבער בלויז געקענט קומען אין באַטראַכט אַ פּאָר געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי, למשל, ייוואָ, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט דרוק-אויסגאַבעס. עס האָבן זיך געפירט אונטער-האַנדלונגען מיטן ייוואָ וועגן אַרבעט פאַר די קאָרעקטאָרן. די פראַגע

איז אויך געשטאַנען אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אויך אין ייוואָ זיינען שוין אַלע פּאָסטנס באַזעצט. די פראַגע צו באַזאָרגן די אַרבעטסלאָזע איז דעריבער געווען די גרעסטע זאָרג פון פאַראיין במשך פון יענער קאַדענץ.

אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג איז אויך געשטאַנען די פראַגע וועגן דעם העברעאישן ליטעראַטן-פאַראיין, וועלכער האָט זיך דאַן געגרינדעט אין ווילנע און צו וועלכן ס'האָבן אויך גע־הערט אייניקע מיטגלידער פון יידישן ליטעראַטן-פאַראיין. מען האָט געפאָדערט צו רעגולירן דעם ענין, ווייל אין צוויי פאַראיינען קען מען נישט זיין: אָדער מען זאָל אַרויס פון העברעאישן אָדער פון יידישן. די פראַגע האָט אויך פאַרנומען אַ ריי זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג. לסוף איז די פראַגע אָפּגעפאַלן, ווייל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער העברעאישער פאַראיין טראָגט אַ כאַראַקטער פון אַ מין קלוב און שטעלט זיך ניט קיין שום פּראָפעסיאָנעלע אויפגאַבן. פאַרקערט, מיט זייערע פּראָפעסיאָנעלע ענינים קומען זיינע מיטגלידער צום יידישן ליטעראַטן-פאַראיין.

צווישן די אינטערוועגצן, וואָס דער פאַראיין האָט דאַן דורכגעפירט מיט ערפאָלג איז געווען: וועגן אַן אַרעסטירטן חבר (באַפרייט געוואָרן), וועגן אַ צווייטן חבר, וועלכער האָט געזאָלט לויט דער פאַראָרדנונג פון דער מאַכט אַרויסגעשיקט ווערן פון ווילנע (די פאַראָרדנונג איז געוואָרן אָפּגערופן). צווישן די אונטערנעמונגען און אָוונטן, וואָס דער פאַראיין האָט דאַן איינ־געאָרדנט, איז ווערט צו דערמאָנען די דריי רעפעראַטן פון ש. ני־גער, דער קבלת־פנים פאַר לאַצקי־בערטאָלדי, די אָוונטן פון אַפּאַטאָשו, ז. שניאור א.אַנד. עס זיינען אָנגענומען געוואָרן 5 נייע מיטגלידער: ראָזאַ פּרץ־לאַקס, שמשון קאַהאַן, אברהם גאָלאָמב, שמחה הערץ, ד. קאַמינסקי. צוזאַמען מיטן פען־קלוב איז איינגע־אָרדנט געוואָרן אין ד"רים־פאַראיין אַ באַגעגעניש מיט דער פּוי־לישער אינטעליגענץ וועגן די רעפרעסיעס קעגן דער יידישער שול. ס'איז אויך געווען אַ באַגעגעניש מיט חיים נחמן ביאַליק, וועלכער האָט דאַן באַזוכט ווילנע.

דעם 11-טן פעברואַר 1932 ווײלט די יערלעכע אַלגעמײנע פאַרזאַמלונג אַ נײַע פאַרוואַלטונג. עס גײען אַרײַן: מ. שאַליט, ח. לעווין, א. י. גאָלדשמידט, א. י. גראָדזענסקי, ל. סטאָצקי, ה. אַבראַמאָוויטש און א. פרידקין. פאָרזיצער בלײַבט ווײטער מ. שאַליט. סעקרעטאַר — א. י. גראָדזענסקי.

די נײַע פאַרוואַלטונג האָט איבערגענומען פון דער אַלטער די זאָרג פאַר די אַרבעטסלאָזע. די פראַגע איז נאָך געווען ניט געלײזט און האָט פאַרנומען כמעט אַלע אירע 31 זיצונגען. די פאַרזאַמלונג האָט דאַן אָרגאַניזירט אַ רײ גרעסערע אונטערנעמונגען, ווי די 2 פרעסע-בעלער, אַ ספּעציעלע זאַמלונג, 2 בערטע גערסטין־אָוונטן אַן אַזרא־עלמית־אָוונט, אַ דוד פינסקי־אַקאַדעמיע א. אנד., וועלכע האָבן אַרײַנגעבראַכט אַ באַדײַטנדיקע הכנסה לטובת דער קאַסע פאַר די אַרבעטסלאָזע.

אין יענעם יאָר האָט די פאַרוואַלטונג אויך פאַרענדיקט די אַקציע פאַר דער ציטראָן־מצבה, וועלכע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף זײַן קבר. די פאַרוואַלטונג האָט מיט פאַרביטערונג געמוזט פעסטשטעלן דעם טרויעריקן פאַקט, וואָס די ייִדישע וועלט האָט ניט אַרויסגעוויזן די מינדסטע פאַראינטערעסירונג מיט דער אַקציע צו באַזאָרגן די פאַמיליע פון פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער, אַרויסצוגעבן זײַנע ווערק, אַרויסצולאָזן אַ זאַמלבוך, שטעלן די מצבה וכדומה. אויף די 120 אַרויסגעשיקטע בריוו צו געזעלשאַפטן און יחידים און פון די אויפרופן געדרוקט אין 19 צײַטונגען אין לאַנד און אין אויסלאַנד איז קײן אײן גילדן ניט אָנגעקומען, וואָס האָט באַוויזן, אַז דער ייִדישער שריפט־שטעלער האָט זיך אויף קײנעם ניט צו פאַרלאָזן, ווי נאָר אויף זײַן אײגענער אָרגאַניזאַציע. די מצבה איז געשטעלט געוואָרן אויסשליסלעך אויף די אָרטיקע מיטלען.

אין יענעם יאָר האָט דער פאַראײן געליטן זײַן צווייטע גרויסע אבדה מיטן טויט פון דן קאַפּלאַנאָוויטש (29 סעפּטעמבער), וועלכער איז אַ לענגערע צײַט געווען קראַנק אויף אַ ראַק. צו

שלושים איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין רעאַל־גימנאַזיע אַ טרויער־אָוונט.

צווישן די פּראָפעסיאָנעלע ענינים זיינען דאַן געווען: אויסגלייכן קאָנפליקטן מיט אייניקע פאַרלאַגן וועגן קאָרעקטור־אַרבעט און אויסצאָלן קאָמפּענסאַציע; אַ תביעה פון א. מ. בערנשטיין צום חזן הערשמאַן וועגן האָנאָראַר פאַר אַריינזינגען אין גראַמאָפאָן־פּליטן בערנשטיינס קאָמפּאָזיציעס (דער האָנאָראַר איז אויפגעמאָנט געוואָרן); ערליידיגונג פון סכסוכים אין אייניקע יידישע און העברעאישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. ס'האָט זיך אויך פּראָיעקטירט צו שאַפן ביים פאַראיינאַ ספּעציעלן פּראָפעסיאָנעלן ראַט.

אין עטלעכע פּראָפעסיאָנעלע ענינים איז דער פאַראיין געווען אין אַ קאָנטאַקט מיט די פאַראיינען פון דרוקער און האַנדלס־אָנגעשטעלטע. דער פאַראיין האָט אַריינגעגעבן אין מושב זקנים דעם אַלטן שרייבער צ. נ. גאָלאָמב און די משכילים משה כּץ און נחום עפּשטיין. אַ קליינע סובסידיע האָט דעם פאַראיין דאַן צוגעשיקט דער אין ריגע געגרינדעטער ליטעראַטן־פאַראיין „אלף".

דער פאַראיין האָט אויפגענומען אַלס גאַסט דעם רעדאַקטאָר פון קאָוונער „יידישע שטימע" ר. רובינשטיין אין וואוינונג פון פאָרזיצער משה שאַליט, דאָרט איז אויך אויפגענומען געוואָרן אַלס גאַסט ש. ניגער.

צום פאַראיין האָט זיך דאַן געהאַט געווענדעט די ווייס־רוסישע שרייבער־גרופּע אין ווילנע מיט אַ ביטע, דער פאַראיין זאָל זיי אויפנעמען אַלס סעקציע. דאָס איז געווען ניט מעגלעך, אָבער דער פאַראיין האָט צוגעזאָגט צו העלפן זיי ביים אויסאַרבעטן אַ סטאַטוט פאַר אַן אייגענעם ווייסרוסישן שרייבער־פאַראיין.

ס'איז אויך אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, אַז דאָס געריכט האָט ביי באַטרעפנדיקע ענינים פאָרגעלייגט דעם פאַראיין צו שיקן אַן עקספּערט אויף די פּראָצעסן וועגן יידישע ביכער.

14.

די ווייטערדיקע פאַרוואַלטונג, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף די צוויי אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון 18 מערץ און

29טן אַפּריל 1933 איז באַשטאַנען פון: מ. שאַליט, א. י. גראָדזענסקי, ה. אַבראַמאָוויטש, ח. לעווין, א. י. גאָלדשמידט, אהרן מאַרק און ל. רובינאָוו. פאַרזיצער איז ווידער געבליבן מ. שאַליט און סעקרעטאַר א. י. גראָדזענסקי.

די פאַרוואַלטונג באַגריסט דאַן איר לאַנג-יעריקן פאָרזיצער צום אויסוויילן אים אַלס ערן-מיטגליד דורך דעם ריגער ליטעראַטן-פאַראיין „אלף”, וועלכן ער האָט געהאָלפן גרינדן, זייענדיק אייניקע זומערן אין לעטלאַנד.

צווישן די אויפטועװן פון דער פאַרוואַלטונג זיינען געװען די פייערלעכע גראַנדיעזע שלום-עליכם-אַקאַדעמיע אין „פאָלקס-טעאַטער” לכּבוד דעם 50 יאָריקן יובל, זינט שלום עליכם איז דערשינען אין דער יידישער ליטעראַטור. אין שייכות מיט דער אַקאַדעמיע זיינען אויך אונטערגענומען געוואָרן אַ ריי אַקציעס: זיך געווענדעט צום פּוילישן ראַדיאָ מכּוח אַ רעפּעראַט וועגן שלום-עליכם, צום שטאָטראַט וועגן אָנרופן אין ווילנע אַ גאַס אויף שלום-עליכמס נאָמען (ביידע אָן רעזולטאַטן). עס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ בראָשור וועגן שלום עליכמען מיט אַרטיקלען פון ז. רייזען, פּ. היילפּערין, א. מאַרעווסקי, א. י. גראָדזענסקי, אהרן מאַרק א. א.

דער פאַראיין האָט נאָך אַליין גענומען אויף זיך די זאָרג פון באַקעמפן די אַרבעטסלאָזיקייט צווישן די ווילנער שרייבער. אין פאַרשטענדיקונג מיטן זשורנאַליסטן-סינדיקאַט און פּען-קלוב האָט דער פאַראיין באַשטייערט אַלע רעדאַקציע-מיטאַרבעטער אין די ווילנער צייטונגען מיט אַ געוויסן פּראָצענט פון זייערע שכירות לטובת די אַרבעטסלאָזע חברים. עס האָט זיך אויך פּראָיעקטירט אַרויסצוגעבן אַ ספּעציעלע צייטונג מיט דער מיטאַרבעט פון די אַרבעטסלאָזע, אַ פּלאַן וועגן טעג פאַר אַרבעטסלאָזע אין די רעדאַקציעס לויטן מוסטער פון דרוקער-פאַראיין. דאָס האָט זיך אָבער בנוגע צייטונגס-אַרבעט אַרויסגעוויזן פאַר ניט דורכפירבאַר.

אייניקע אַרבעטסלאָזע, וועלכע האָבן זיך ניט באַפרידיקט מיט דער הילף פון פאַראיין, האָבן געהאַט געשאַפן אַן אייגענע צייטונג „מעסלעס” קעגן הסכם פון פאַראיין, דרוקער און סינדיקאַט. ס'איז אויסגעקומען צו באַקעמפן די נייע צייטונג ביז

ענדלעך די צייטונג האָט זיך אונטערן דרוק פון אַלע דריי פאַראייניגן געמוזט ליקווידירן.

שפעטער איז דער ענין אַרבעטסלאָזע געוואָרן אַביסל גע־לייזט דורך דעם, וואָס עס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אַ צייטונג „די שטימע״, עס איז אויך געלונגען דעם פאַראיין ווידער אַריינצוזעצן אַ קאָרעקטאָר אין צוריק באַנייטן קלעצקין־פאַרלאַג אויפצומאָנען אין זעלבן פאַרלאַג אַלטע חובות פאַר די ווערק פו די אַרבעטסלאָזע א. א. וו.

עס איז געווען אַ רעפעראַט פון ג. פלודערמאַכער וועגן געפינען אַ קאָנטאַקט צווישן יידישן און העברעאישן שול־וועזן, אַ דיסקוסיע־אָוונט וועגן קולטור־פראַגן, לעקציעס פון ד״ר י. קרוק, י. לעשטשינסקי, בערנאַרד זינגער, ד״ר ע. קאַרלעבאַך, אַ קבלת פנים לכבוד נחום סאָקאָלאָוו, אַ יובילײ פון משה בראָדערזאָן.

צוליב דעם, וואָס דער פאַראיין האָט דאַן ניט געהאַט קיין פאַר־לאַג, האָט ער געגעבן זיין פירמע די מחברים, וועלכע האָבן צו־ליבן קריזיס אין פאַרלאַגס־וועזן אַליין אַרויסגעבן זייערע ביכער. אַזוי האָט ער געגעבן זיין פירמע אויפן בוך פון א. י. גראָדזענסקי „אין אַ יידישן דאָרף״, וואָס איז צו יענער צייט דערשינען. ער האָט זיך שפעטער אויך באַטייליקט אין 25 יאָריקן יובל פון גראָדזענסקיס ליטעראַריש־זשורנאַליסטישער טעטיקייט און אונטער דער רעדאַקציע פון פאָרזיצער פון פאַראיין איז דערשינען אַ ספע־ציעלער יובילײ־נומ׳ פון דער צייטונג „אָוונט־קוריער״ לכבוד דעם יובילאַר. די יובילײ־אַרטיקלען זיינען נאָכדעם אויך אַרויסגעלאָזט געווען אין אַ באַזונדער יובל־העפט אונטער מ. שאַליטס רעדאַקציע.

דער פאַראיין האָט זיך באַטייליקט אין דער פייערלעכער פאָרשטעלונג פון פאַלק האַלפערינס „מרימי״ אין פוילישן טעאַטער און איינגעאָרדנט לכבוד האַלפערין אַ גלעזל טיי מיט דער באַטיי־ליקונג פון די פוילישע אַרטיסטן.

צוליב דער עקסמיסיע פון לערער־פאַראיין, מיט וועמען דער ליטעראַטן־פאַראיין איז געווען בשכנות, איז דער פאַראיין דאַן פאַרבליבן אָן אַ דירה. דאָך פלעגט ער פון צייט צו צייט אָפהאַלטן זיינע פאַרזאַמלונגען אין נייעם לאָקאַל פון די לערער

אויף זאַוואַלנע 32, וואוהין ער האָט אָפּגעגעבן פאַרן לייענזאַל די צייטונגען, וועלכע ער פלעגט באַקומען.

צווישן אַ גאַנצע ריי פּראָפעסיאָנעלע ענינים איז געווען אַ תביעה צום דרוקער-פאַראיין איבער דער קאָמפּענסאַציע פון קלעצקין-פאַרלאַג, וואָס די דרוקער האָבן אינגאַנצן צוגענומען פאַר זיך, ניט אויסטיילנדיק דערפון פאַרן מיטגליד פון ליטעראַטן-פאַראיין א. פרידקין, וועלכער האָט געאַרבעט אין זעלבן פאַרלאַג אַלס קאָרעקטאָר, הגם די אַקציע האָט זיך געפירט געמיינזאַם, — און פיל אַנדערע.

דער ליטעראַטן-פאַראיין האָט געהאָלפן שאַפן אַ ליטעראַטן-פאַראיין אין רומעניע, האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ פּראָטעסט קעגן היטלעריזם און קעגן די יידן-פאַרפאָלגונגען.

.15

אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון 24 מערץ 1934 נעמט אַראָפּ דער שרייבער פון די שורות זיין קאַנדידאַטור אין פאַרוואַלטונג. אין פאַרוואַלטונג גייען אריין: אַבראַמאָוויטש, גאָלד-שמידט, מאַרק, שאַליט, רובינאָוו, לעווין און האַלפּערין. צוליבן אָפּזאָגן זיך פון משה שאַליט ווערט אַלס פאָרזיצער אויסגעקליבן פאַלק האַלפּערין און אַלס סעקרעטאַר—א. י. גאָלדשמידט.

די פאַרוואַלטונג האָט געדונגען אַ נייעם לאָקאַל פאַרן פאַראיין אויף טראָקער 1, וואו זי האָט איינגעאָרדנט אירע פאַר-זאַמלונגען, זיצונגען און אָוונטן. צווישן אַנד. איז דאָרט פאַר-געקומען דער קבלת פּנים לכּבוד גראַנאַכן.

בעת דער דאָזיקער קאַדענץ איז אויך געפייערט געוואָרן דורכן פאַראיין דער 35 יאָריקער יובילײ פון שריפטשטעלער פאַלק האַלפּערין. ס'איז דאַן אויך באַשלאָסן געוואָרן צו באַטייליקן זיך אין 50 יאָריקן יובל פון שרייבער און פאָלקלאָריסט שמואל רובינשטיין.

די פאַרוואַלטונג האָט זיך במשך פון דער קאַדענץ כּסדר געראַנגלט מיט אַ געלט-מאַנגל אין קאַסע. ענדלעך האָט זיך איר ביים סוף פון איר קאַדענץ, נאָך אַן איבערייס פון פינף יאָר צייט, איינגעגעבן צו באַקומען ווידער אַ באַדייטנדיקע אונטערשטי-

צונג פון דזשוינט, וואָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו באַנייען די הלוואות־קאַסע און אַרויסצוגעבן שטיצע אַ ריי נויטבאַדערפטיקטע מיטגלידער.

צו יענער צייט איז קיין ווילנע געקומען דער שריפט־שטעלער דניאל טשאַרני, וועמען די פאַרוואַלטונג האָט איינגעאָרדנט אַ חברשן קבלת פנים. ער איז אויך באַלד געוואָרן אַן אַקטיווער מיטגליד פון פאַראיין.

די פאַרוואַלטונג האָט געהאַט אייניקע זייער שווערע פראָפעסיאָנעלע ענינים. עס איז געווען אַ קאָנפליקט מיט דער ליקווידירטער רעוויזיאָניסטישער צייטונג „פרימאָרגן" וועגן באַצאָלן אירע מיטאַרבעטער אַ חוב שכירות; אַ גאַנצע ריי קאָנפליקטן מיט די אַרויסגעבער פון „ווילנער עקספרעס", וועלכע האָבן זיך כסדר געביטן. אין דער צייטונג זיינען אויך געווען צוויי שטרייקן. לסוף איז די צייטונג געוואָרן אַ קאָאָפעראַטיווע, אָבער די קאָנפליקטן האָבן אַלץ ניט אויפגעהערט. ס'זיינען אויך געווען דאָרט אינעווייניקסטע רייבונגען צווישן די מיטאַרבעטער גופא צוליב דער אַרבעטס־פאַרטיילונג. מיט די אַלע ענינים האָט זיך דער פאַראיין כסדר פאַרנומען במשך פון די יאָרן 1934 — 1935.

נייע מיטגלידער זיינען דאַן אָנגענומען געוואָרן: א. וואָגלער, י. פרידלענדער, און ס'איז באַנייט געוואָרן די מיטגלידערשאַפט פון ב. קיט.

16.

דעם 15טן יוני 1935 איז אין לאָקאַל אויף טראָקער 1 פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון דניאל טשאַרני די יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון פאַראיין. אין דער פאַרוואַלטונג זיינען געוואָרן אויסגעקליבן: מ. שאַליט, א. י. גראָדזענסקי, ח. לעווין, א. י. גאָלדשמידט, ש. בייליס, ה. אַבראַמאָוויטש און א. פרידקין. אַלס פאָרזיצער ווערט ווידער געווילט משה שאַליט און אַלס סעקרעטאַר: א. י. גראָדזענסקי.

די קאַדענץ איז געווען זייער אַ פּראָדוקטיווע. די פאַרוואַלטונג האָט צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט אין יידיש דעם סטאַטוט פון פאַראיין, האָט דורכגעפירט אַן איבערעגיסטראַציע

פון די מיטגלידער מיט די געהעריקע אַנקעטעס און דעקלאַ־ראַציעס.

אין דער אַנקעטע האָבן זיך באַטייליקט 56 מיטגלידער פון פאַראיין. זי האָט אַנטהאַלטן ביי 30 פראַגן. די ענטפערס האָבן געגעבן אַ בילד וועגן דעם לעבן, אַרבעטס-באַדינגונגען און פאַר־דינסטן פון יידישן פען־אַרבעטער אין ווילנע. דאָס בילד האָט זיך באַקומען גאָרנישט קיין פריילעכס: 18 מיטגלידער (34 פראָצ׳) לעבן נישט פון שרייבן און האָבן ניט פון זייער פאַך קיין פאַרדינסט. די מערהייט ווילנער שרייבער פאַרדינט פון דער פעדער פון 72 ביז 150 גילדן אַ חודש, פון וואָס מען פירט, פאַרשטייט זיך, אַ לעבן בדוחק. צוליב דעם, וואָס דאָס רוב אַרבעטנדיקע געהערן צו ציַיטונגס-קאָאָפּעראַטיוון, זיינען זיי אויך ניט פאַרזיכערט אין די סאָציאַלע אינסטיטוציעס א. א. וו. (דער מחבר פון די שורות האָט אגב אויפן יסוד פון דער דורכגעפירטער אַנקעטע פאַרעפנט־לעכט אין די „ליטעראַרישע בלעטער" 1935, 1936 צוויי אַרטיקלען).

צו יענער צייט זיינען אין דער ווילנער זשורנאַליסטישער משפחה פאָרגעקומען גאַר שטאַרקע רייבונגען צוליב פּערזענלעכע, קעגנזייטיקע באַליידיקונגען אין די ציַיטונגען. די רייבונגען האָבן זיך אַזוי וויַיט פאַרשאַרפט, אַז עס איז פאָרגעקומען אפילו אַ שפּאַלטונג אין יידישן זשורנאַליסטן־סינדיקאַט. אַ טייל מיטגלי־דער האָבן געגרינדעט אַ צווייטן סינדיקאַט. דאָס האָט פאַר־שאַפט פיל בייז בלוט די ווילנער זשורנאַליסטן, גלייכצייטיק מיטגלידער פון ליטעראַטן־פאַראיין. דער פאַראיין האָט דעריבער אָנגעווענדעט אַלע כּוחות צוריק שלום צו מאַכן צווישן די זשור־נאַליסטן און צו פאַראייניקן ביידע סינדיקאַטן, וואָס ס׳איז ענדלעך אויך געלונגען. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון פאָרזיצער פון פאַראיין משה שאַליט, ד״ר מאַקס וויינרייך און נ. וויַיניג, ביי דער מיטהילף פון דניאל טשאַרני, האָט צונויפגעפירט ביידע סינדי־קאַטן אויף צוויי פאַרזאַמלונגען אין מאַי 1936 און זיי האָבן זיך צוריק צונויפגעגאָסן אין איין קערפּערשאַפט אונטערן נאָמען „פאַראייניקטער יידישער זשורנאַליסטן־סינדיקאַט אין ווילנע".

אין דעם יאָר זיינען פאָרגעקומען 9 אַלגעמיינע פאַרזאַמ־

לונגען, פון וועלכע 3 האָבן ספּעציעל באַהאַנדלט די ענינים וועגן באַטייליקן זיך אין קאָנגרעס קעגן אַנטיסעמיטיזם. די פאַרזאַמלונגען זיינען געווען שטורמישע, מחמת חוץ דעם קאָנגרעס, וואָס עס האָט גערופן דער לאַנדראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, האָבן אויך גערופן אַ קאָנגרעס קעגן אַנטיסעמיטיזם די רעכטע פּועלי-ציון. אַ טייל מיטגלידער האָבן דעריבער געהאַלטן, אַז אויס פּראָטעסט, וואָס אַזאַ פראַגע, ווי קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, האָט אַרויסגערופן אַ שפּאַלטונג צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט, זאָל זיך דער ליטעראַטן-פאַראיין ניט באַטייליקן אין קיין איין קאָנגרעס. אַ טייל מיטגלידער האָבן געהאַלטן, אַז מען זאָל זיך באַטייליקן אין ערשטן קאָנגרעס, אַ טייל, אַז אין צווייטן, און אַ טייל, אַז למען-השלום זאָל מען זיך באַטייליקן אין ביידע קאָנגרעסן. לסוף האָט מנצח געווען די מיינונג, אַז דער ליטע-ראַטן-פאַראיין אַלס אַ פּראָפעסיאָנעלער, דאַרף זיך באַטייליקן נאָר אין קאָנגרעס פון די פּראָפפאַראיינען און אַלס דעלעגאַט איז אויסגעקליבן געוואָרן שאול רייזען. דער צד שכּנגד האָט זיך פונ-דעסטוועגן ניט אָפּגעזאָגט פון שיקן אויך זיינעם אַ דעלעגאַט צום פּועלי-ציוניסטישן קאָנגרעס. ביידע דעלעגאַטן זיינען אָבער סיי-ווי געבליבן זיצן אין דער היים, מחמת די מאַכט האָט ביידע קאָנגרעסן ניט דערלויבט.

אין יענעם יאָר איז אויך געפייערט געוואָרן דער הונדערט-יאָריקער געבאָרן-טאָג פון זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור מענדעלע מוכר-ספרים. דער פאַראיין האָט זיך אין דעם יובל באַטייליקט אויף גאָר אַ גראַנדיעזן אופן מיט אַ פייערלעכער אַקאַדעמיע אין זאַל פון „קאָנסערוואַטאָריע", דעם 18 יאַנואַר 1936. אין שייכות מיט דער פייערונג איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אָנצורופן דעם פאַראיין אויפן נאָמען פון מענדעלע מוכר-ספרים. אויף דער אַקאַדעמיע האָבן געהאַלטן רעפעראַטן: שאַליט, טשערניכאָוו, רייזען, מאַרק. עס האָבן זיך אויך באַטייליקט לייזער וואָלף, דער כאָר פון ווילביג, דער אָרקעסטער פון מכבי, די אַרטיסטין פון דער ווילנער טרופּע פרידאַ וויטאַלינאַ. עס זיינען געוויזן געוואָרן אייניקע סצענעס פון „מסעות

בנימין השלישי", עס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן מענדעלע-מאַרקעס א.א.וו.

ווייטער זיינען אין פאַראיין פאָרגעקומען דריי דיסקוסיע-אָוונטן וועגן „פריילאַנד" מיט רעפעראַטן פון יוסף טשערניכאָוו, אַ רעפעראַט פון יצחק וואַלק וועגן זיין רייזע אין לעטלאַנד, פון אַ שולמאַן — וועגן דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע; פון יצחק מאַנגער—וועגן גראַדע. דער פאַראיין האָט אָנהויב יאָר אָנגענומען 15 נייע מיטגלידער (וואָס האָט פאַרגרעסערט די צאָל ביז איבער 60): מיכאל נאַטיש, חיים גראַדע, משה לעווין, ש. קאַטשערגינסקי (שמערקע), משה בלעכער, יצחק ליכטשטיין, ז. שיק, לייזער וואָלף, שאול רייזען, נתן יאָפע, גוטענבוים, אברהם אייזין, יוסף טעפער, אליהו שולמאַן און י. קלויזנער. די לעצטע צוויי זיינען אינגיכן אָפּגעפאָרן: דער ערשטער קיין אַמעריקע, דער צווייטער קיין ארץ-ישראל (קיין אַמעריקע איז אויך אָפּגעפאָרן דער מיטגליד סווערדלין). לכבוד די נייע מיטגלידער איז פאָרגעקומען אַן אָוונט, אויף וועלכן די ניי אָנגעקומענע זיינען אַרויסגעטראָטן מיט זייערע ווערק. עס זיינען דאַן אויך פאָרגעקומען דריי עפנטלעכע ליטעראַרישע אָוונטן פאַר די דריי „יונג-ווילנער": א. וואָגלער, חיים גראַדע און משה לעווין, וועלכע האָבן נאָר וואָס געהאַט אַרויסגעלאָזט זייערע ווערק צום ערשטן מאָל אין בוכפאָרם. עס זיינען אויך פאָרגעקומען אונטער דער פירמע פון פאַראיין 7 אַנדערע אָוונטן: 3 רעפעראַטן פון ד"ר י. קרוק; 2 פון בערנאַרד זינגער, אַ טונקל-אָוונט, רעפעראַט פון משה שאַליט וועגן נחום סאָקאָלאָוון (צו זיין טויט) א. אַ.

צוליב דער שווערער קראַנקייט פון מ. נאַטיש איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ הילפס-אַקציע. דער פאַראיין האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער שול-אַקציע, געגעבן הילף דעם „יונג-טעאַטער" א. אַנד.

די פאַרוואַלטונג האָט אָנגענומען באַשלוסן צו באַטייליקן זיך אין אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס אין פאַריז, אין אַלוועלטלעכן יידישן קאָנגרעס אין גענף.

עס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן באַגריסונגען די יובילאַרן: אברהם רייזען (60 יאָר), שאול גינזבורג (70 יאָר), אברהם ליעסין (40 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט), דרוקער־פאַראיין צו זיין 35 יאָריקן יובילײ, אין וועמעס יובילײ־בוך עס האָבן זיך אויך באַטייליקט אייניקע מיטגלידער פון ליטעראַטן־פאַראיין, אַ באַגריסונג ג. פּלודערמאַכערן צו זיין אַלט ווערן 60 יאָר. א. אַנד.

דער פאַראיין האָט רעאַגירט מיט געהעריקע פּראָטעסט־רעזאָלוציעס קעגן די עקסצעסן אויף יידן, קעגן די רדיפות אויף יידישע שולן, קעגן ווילנער מאַגיסטראַט פאַר אויסשליסן די יידישע שול־קינדער פון דער באַקליידונגס־אַקציע, א. אַ. וו.

דער פאַראיין האָט זיך באַטייליקט בעת דעם ייוואָ־קאָנגרעס אין דעם ליטעראַטן־טאָג פון יידישן פּען־קלוב, וועלכער איז פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון משה שאַליט, האָט געהאַט באַגעגענישן מיט די געסט צום ייוואָ־קאָנגרעס, ווי דובנאָוו א. אנד.

פון די פּראָפעסיאָנעלע ענינים זיינען געווען אַ ריי תּביעות וועגן האָנאָראַר, טאַנטיעמעס, געלט־סכסוכים. ס׳זיינען אויך געווען אייניקע אינטערווענצן וועגן ליטעראַרישע ענינים. דער פאַראיין האָט זיך דאַן אויך געזעגנט מיטן שריפטשטעלער דניאל טשאַרני אויף אַ גרויסן באַנקעט (אין קאַפע דאָרמאַן) צו זיין פאַרלאָזן פּוילן.

.17

אויף דער יערלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דעם 23 אָקטאָבער 1936 (אין לאָקאַל פון קליינהענדלער־פאַרבאַנד) איז אויסגעווילט געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג, אין וועלכער עס זיינען אַריין: משה שאַליט, ה. אַבראַמאָוויטש, א. י. גראָדזענסקי, א. י. גאָלדשמידט, י. טעפּער, חיים לעווין און ש. ביילים. פאָרזיצער ווערט ווידער משה שאַליט און סעקרעטאַר א. י. גראָדזענסקי.

די קאַדענץ האָט זיך אויסגעצייכנט דערהויפּט מיט גרינדן ביים פאַראיין די אָנפּראָצענטיקע ליי־קאַסע אויף געזונטע יסודות. ביז דאַן פלעגן די הלוואות פון פאַראיין אַרויסגעגעבן ווערן די מיטגלידער אָן שום פאַרזיכערונגען און זיי פלעגן טאַקע זעלטן ווען געדעקט ווערן. די הלוואות האָבן בלויז געטראָגן דעם נאָמען

„הלוואות", האָבן אָבער אין 99 פאַלן געהאַט דעם כאַראַקטער פון תמיכה. די פאַרוואַלטונג האָט דעריבער געמאַכט אַ סוף מיט אָט דער סיסטעם פון „הלוואות" און אָפּגעטיילט עס פון תמיכה. דאָס אַרויסגעבן שטיצע איז ווייטער געוואָרן פאַרגעזעצט, אָבער שוין ניט „בתורת הלוואה". אויף באַקומען אַ הלוואה האָט מען געמוזט צושטעלן אַ וועקסל מיט אַ זשירע און די הלוואה האָט שוין אויך געמוזט געדעקט ווערן צום טערמין דורך צאָלן וועכנטלעכע אָדער חודשדיקע ראַטעס. אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג דעם 20/12—1936 אין לאָקאַל פון „יעקאָפּאָ" האָט דער פאָרזיצער משה שאַליט צוגעשטעלט אַ רעגולאַמין פון דער ליי-קאַסע אין דעם זין. דער רעגולאַמין איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן. די גרויס פון דער הלוואה איז באַשטימט געוואָרן אויף מאַקסימום 50 גילדן, דער לענגסטער טערמין — 4 חדשים. דאָס בילדן די ליי-קאַסע איז פון אָנהויב געמאַכט געוואָרן אַלס אַ פּרווו, די רעזולטאַטן זיינען אָבער געווען אַזעלכע פּאָזיטיווע, אַז מען האָט די ליי-קאַסע פאַרוואַנדלט אין אַ שטענדיקע און זי פונקציאָנירט נאָרמאַל, מיט אויסגעצייכנטע רעזולטאַטן.

אַ צווייטע וויכטיקע אַרבעט פון דער פאַרוואַלטונג איז געווען דאָס בילדן אַן אָרגאַניזיר-קאָמיטעט פאַרן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס אין פּאַריז. עס זיינען געגרופן געוואָרן אַ ריי באַראַטונגען מיט אַלע ווילנער יידישע קולטור-אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו באַטייליקן זיך אין קאָנגרעס. עס איז געפירט געוואָרן וועגן דעם אַ ברייטע קאָרעספּאָנדענץ מיטן אָרגאַניזיר-קאָמיטעט אין פּאַריז, עס זיינען אויך געוואָרן פאַרשפּרייט די ביולעטענען פון קאָנגרעס און עס איז בכלל געפירט געוואָרן דורכן פאַראיין אַ ברייטע אויפקלערונגס-אַקציע. לסוף זיינען אויך אויסגעוויילט געוואָרן פיר דעלעגאַטן צום קאָנגרעס: משה שאַליט, ש. באַסטאָמסקי, ג. פלודערמאַכער (ער האָט זיך דאַן גראָד געפונען אין פּאַריז) און יוסף טשערניכאָוו, וועלכער האָט טאַקע אויפן קאָנגרעס רעפּרעזענטירט די ווילנער יידישע קולטור-וועלט (שאַליט און באַסטאָמסקי האָבן צוליב פּערזענלעכע סיבות ניט געקענט פאָרן, ג. פלודערמאַכער האָט זיך פון זיין מאַנדאַט אָפּגעזאָגט).

דער פֿאַראיין האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם פּראָפּאַגאַנדע-חודש פֿאַרן יידישן בוך דורך פֿאַרשפּרייטן דעם צוגעשיקטן מאַטעריאַל פֿון וואַרשעווער קאָמיטעט, די פּלאַקאַטן, האָט פֿאַרעפֿנטלעכט ווענדונגען און קאָמוניקאַטן אין דער ווילנער פּרעסע צו דער יידישער געזעלשאַפֿט וועגן קויפֿן דאָס יידישע בוך א. א. וו.

די פֿאַרוואַלטונג האָט צווישן אַנדערע אויך באַשלאָסן צוריק צו באַנייען די פֿאַרלאַגס-טעטיקייט ביים פֿאַראיין און אין דער ערשטער ריי אַרויסצוגעבן אין יאָר 1938 צום 20-יאָריקן יובל פֿון ליטעראַטן-פֿאַראיין אַן אַלמאַנאַך אונטער דער רעד. פֿון מ. שאַליט. די פֿאַרוואַלטונג האָט אויך גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו צו פֿייערן דעם 50 יאָריקן יובל פֿון דניאל טשאַרני און ביי דער געלעגנהייט אויך אָרגאַניזירן אַן אַקציע פֿאַר אַ פֿאָנד אַרויסצוגעבן טשאַרניס ווערק אין 5 בענד און אַ 6-טן וועגן יובילאַר גופא (דער דאָזיקער באַנד ווערט שוין אגב אויך צוגעגרייט צום דרוק).

דער פֿאַראיין האָט אין יאַנואַר 1937 פֿאַרלאָרן זיין יונגן מיטגליד, דעם דיכטער מיכאל נאַטיש. צו שלושים איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ טרויער-אָוונט, אויף וועלכן דער מיטגליד פֿון פֿאַרוואַלטונג ש. ביליס האָט געהאַלטן אַ פֿאָרטראָג וועגן פֿאַרשטאָרבענעם שרייבער. באַלד נאָך זיין טויט איז אונטערגענומען געוואָרן אַן אַקציע צו שטעלן אַ מצבה אויף זיין קבר.

עס איז אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין פֿאַראיין דער דיכטער א. סוצקעווער, ווען עס איז אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אָוונט צום דערשיינען פֿון זיין ערשטן לידער-בוך מיט דער מיטהילף פֿון וואַרשעווער פּען-קלוב.

דער פֿאַראיין האָט זיך אויך באַטייליקט אין 30 יאָריקן יובילײ פֿון ווילנער לערער-פֿאַראיין, אין 25 יאָריקן יובל פֿון ריגער שרייבער מ. גערץ, אין אידאַ קאַמינסקי-יובילײ און אין אברהם מאָרעווסקיס יובילײ, וועלכע זיינען ביידע געפֿייערט געוואָרן אין ווילנע. עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַגריסונג לכבוד דעם נאָבעל-לאַוראַט פֿאַר ליטעראַטור קאַרל אָסיעצקי.

אין לאָקאַל פֿון רעאַל-גימנאַזיע איז פֿאָרגעקומען אַן אָוונט

פון פאַראיין לטובת 2 קראַנקע מיטגלידער, אויף וועלכן אהרן מאַרק האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג וועגן זיין רייזע אין די באַל־טישע לענדער; אין לאָקאַל פון דאָקטוירים־פאַראיין איז איינ־געאָרדנט געוואָרן דורכן ליטעראַטן־פאַראיין אַ רעפעראַט פון יונגן וויסנשאַפטלער מיכאל אסטור (אוראַלטע געשיכטע פון יידישן פאָלק).

דער פאַראיין האָט אויך ערליידיקט אַ ריי פראָפעסיאָנעלע ענינים, תביעות וועגן מאַנוסקריפטן, האָנאָראַר, אַרבעטס־פונקציעס און אַנדערע.

עס איז געפירט געוואָרן אַן אַקציע פאַר אַ קראַנקן מיטגליד, וועלכער איז געשיקט געוואָרן אין אַ קוראָרט. עס זיינען אַסיגנירט געוואָרן סובווענצן פאַר מחברים אויף אַרויסצוגעבן זייערע ווערק, אַ סובסידיע פאַר אַ שריפטשטעלער אויף פאָרן קיין ארץ־ישראל, פסח־הילף א. אַנד.

כדי צו אילוסטרירן אין ציפערן די טעטיקייט פון ווילנער ליטעראַטן־פאַראיין איז כדאי צו ברענגען אַלס מוסטער דעם פינאַנסיעלן באַריכט פאַרן לעצטן יאָר, וואָס איז פאָרגעלייענט געוואָרן אויף דער לעצטער אַלגעמיינער יערלעכער פאַרזאַמלונג דעם 5־טן נאָוועמבער 1937:

הכנסה:

1) איבערגענומען פון דער אַלטער פאַרוואַלטונג: 40,46 גילדן. 2) ביוראָ־הכנסות (לעגיטימאַציעס, באַשטעטיקונגען א.אנד.): 20,90 ג. 3) מיטגלידס־אָפּצאָל: 234,50 ג. 4) צוריקגעקערטע הלואות: 1,117 ג. 5) אויפגעמאָנט האָנאָראַר פאַר מחברים: 148,50 ג. 6) דורכגעפירטע אַקציעס: א) פאַר קראַנקע מיטגלידער: 305 ג. ב) נאַטיש־מצבה: 200,60 ג. 7) סובסידיעס: א) פון דזשוינט: 3.060 ג. ב) פון קהילה (פאַר די פענסיאָנערן): 600 ג. ג) פון דער פסח־קאָמי־סיע: 200 ג. 8) אונטערנעמונגען (ליטעראַרישע אָוונטן און רע־פעראַטן): 292,75 ג. פאַרשיידענע: 2 ג. צוזאַמען הכנסה — זעקס טויזנט צוויי הונדערט צוואַנציק איין גילדן מיט 81 גר. 6.221,81 ג.

הוצאה:

1) הילף: א) הלוואות 1.660 גילדן. ב) קראַנקע מיטגלידער אויף קוראַציע א.א.וו. 709,50 ג. ג) אויסגעצאָלט פענסיאָנערן דורך דער קהילה: 600 ג. ד) פּסח-הילף: 395 ג. ה) סובווענצן פאַר מחברים אויף זייערע ווערק א. א. צוועקן: 270 ג. 2) אונטערנע-מונגען 138.30 ג. 3) פאַרשיידענע: א) אויסגעצאָלט אויפגעמאָנטע האָנאָראַר פאַר מחברים: 148,50 ג. ב) לויה-הוצאות (נאַטיש, קלעצ-קין): 33 ג. 4) דרוק-זאַכן (בלאַנקען קאָנווערטן, קאַרטלעך, ציר-קולאַר-בריוו): 13 ג. 5) ביוראָ-הוצאות (פּאָסט-מאַרקעס, שרייב-מאַשין-פּאַפּיר, לענטע, טינט, לעש, פּענעס, רעפּרעזענטאַנץ א. א.) 52,55 ג. 6) שכירות דעם אָנגעשטעלטן פון פאַראיין ה׳ ל. גאָרפיין: 198 ג. צוזאַמען הוצאה: פיר טויזנט צוויי הונדערט זיבעצן גילדן מיט 85 גראָשן — 4.217,85 ג.

געבליבן אין קאַסע אויפן 4-טן נאָוועמבער 1937: צוויי טויזנט דריי גילדן מיט 96 גראָשן — 2003,96 ג.

חוץ דעם קומט מען חובות דער ליי-קאַסע ע״ח הלוואות: 553 ג., צוזאַמען באַטרעפט דער קאַפּיטאַל פון פאַראיין 2556,96 ג.

די סומע איז רעזערווירט: 800 ג׳ פאַרן אַלמאַנאַך, 1,070 ג׳ ליי-קאַסע, 250 ג׳ נאַטיש-מצבה, 25 ג׳ גאָלאָמב-מצבה, 55 ג׳ סובווענצן פאַר מחברים, 2 ג׳ פאַרשיידענע, 100 ג׳ דירה-פאָנד, 50 ג׳ ביוראָ-פאָנד, 204,96 ג. פאַראיין-קאַסע—צוזאַמען: 2556,96 ג.

פּראָטאָקאָל פון דער רעווידיר-קאָמיסיע:

רעווידירט דעם קאַסע-בוך, די הכנסה און הוצאה-אָרדערס פון ליטעראַטן-פאַראיין מיט די באַווייז-דאָקומענטן פון 23-טן אָקטאָבער 1936 ביז 4-טן נאָוועמבער 1937 י. הכנסה: 6.221,81 גילדן, הוצאה: 4,217,85 גילדן.

סאַלדאָ: 2.003,96 מזומן, חוץ 553 גילדן חובות ע״ח הלוואות.

דער קאַסע-בוך, די הוצאה- און הכנסה-אָרדערס זיינען געפונען געוואָרן אין פולער אָרדענונג. די באַווייז-דאָקומענטן שטימען מיט דער בוכונג.

אונטערגעשריבן: ש. באַסטאָמסקי, ב. קיט.

אויף דער דערמאָנטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג איז באַ־שלאָסן געוואָרן צו פייערן דעם 20־יאָריקן יובילײ פון פאַראיין, וואָס פאַלט אויס אין 1938 און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז געוואָרן באַשטעטיקט דער באַשלוס פון פאַרוואַלטונג אַרויסצולאָזן דעם איצטיקן אַלמאַנאַך, אין וועלכן ס'זאָל אויך זיין אָפּגעדרוקט די געשיכטע פון פאַראיין.

אויף דער פאַרזאַמלונג איז אויסגעקליבן געוואָרן די זעלבע פאַרוואַלטונג אויף אַ צווייטער קאַדענץ.

די פאַרוואַלטונג איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן דעם אַלמאַנאַך אַלס ערשטן זאַמלבוך פאַר אַ ריי ווייטערדיקע אויסגאַבעס; האָט פאַרענדיקט די אַקציע פון דער גאַטיש־מצבה, וועלכע וועט גע־שטעלט אין פרילינג היי־יאָר; האָט זיך פאַרשטענדיקט מיטן דאָקטוירים־פאַראיין (אין דער פערזאָן פון ד"ר א. ווירשובסקי) וועגן ביליקער מעדיצינישער הילף; האָט אַפּעלירט צום „פאָרווערטס"־אַסאָסיישאָן אין ניו־יאָרק ניט אָפּצושטעלן די „צוקונפט"; האָט באַשלאָסן צו באַטייליקן זיך אין דער שפּראַך־קאָנפערענץ פון ייוואָ זומער 1938. עס איז אויך געווען אַקטיוו די קאָמיסיע צו באַקעמפן שונד און שמענדריקיזם, וועלכע האָט אויסגעאַרבעט אַ ריי באַטרעפנדיקע פּראָיעקטן. אויפן סמך פון דעם מאַטעריאַל האָט די פאַרוואַלטונג פונאַנדערגעשיקט אַ בריוו אין 60 עקז. וועגן אָפּשטעלן די שונד־ראָמאַנען אין דער פּרעסע; האט איינ־געאָרדנט אין „נײ־טעאַטער" אַ ביכער־אויסשטעלונג פון קינדער־ליטעראַטור. ווייטער האָט די פאַרוואַלטונג סובסידירט די אויסגאַבע פון לייזער וואָלפס לידער־בוך: „שוואַרצע פּערל"; אַרויסגעגעבן שטיצע און הלוואות; איינגעאָרדנט אַ „גלעזל־טיי" פאַר משה לעווין צו זיין באַקומען דעם צווייטן פּריז פון „פאָרווערטס"־קאָנקורס פאַר דער בעסטער דערציילונג; אויך אַ קבלת־פּנים פאַר פאַלק האַלפּערין צו זיין קומען פון ארץ־ישראל און שפּעטער אַ געזעגענונגס־באַנקעט צו זיין אָפּפאָרן אַהין אַ צווייטן מאָל, שוין אויף שטענדיק, מיט זיין פאַמיליע.

לסוף אַ רשימה פון אונזערע מיטגלידער אין פּען־קלוב און אין זשורנאַליסטן־סינדיקאַט: ס'געהערן צום יידישן פּען־קלוב

אין ווילנע (לויטן א״ב): א. י. גאָלדשמידט, א. י. גראָדזענסקי, חיים גראַדע, פאַלק האַלפּערין, א. וואָגלער, לייזער וואָלף, נפתלי וויינינג, ד״ר מ. וויינרייך, אהרן מאַרק, א. סוצקעווער, אייזיק פרידקין, ז. קאַלמאַנאָוויטש, זלמן רייזען און משה שאַליט.

זלמן רייזען האָט זיך באַטייליקט אין אינטערנאַציאָנאַלן פּען־קאָנגרעס אין ווין אין יאָר 1928. משה שאַליט — אין די אינטער־נאַציאָנאַלע פּען־קאָנגרעסן אין האַאַג (1931) און פּאַריז (1937).

צום יידישן זשורנאַליסטן - סינדיקאַט געהערן: הירש אַבראַמאָוויטש, א. אַלק, ש. ביילים א. י. גראָדזענסקי, א. י. גאָלדשמידט, י. האַלבערשטאַט, ש. זשאַלודסקי, י. יודעלעוויטש, חיים לעווין, א. מאַרק, ש. נאָוואָגרודסקי, ל. סטאָצקי, א. פרידקין, פּנחס קאָן, נ. קאַסטעלאַנסקי, ז. רייזען י. ריקלעס און ש. שאַראַפּאַן.

*

דער שרייבער פון אָט דער געשיכטע האָט לכתחילה בדעה געהאַט צו געבן אַ קורצן איבערבליק וועגן פאַראיינס־לעבן פאַר די 20 יאָר. אָבער פאָרשנדיק דעם אַרכיוו פון פאַראיין, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ער וועט מיט אַ קורצער איבערזיכט ניט יוצא זיין. אַ צו וויכטיקן פּלאַץ פאַרנעמט דער ווילנער ליטעראַטן־פאַראיין אין לעבן פון דער יידישער שרייבער־משפּחה בפרט און אין יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן בכלל, אַז מען זאָל עס אָפּפּטרן מיט אַ קורצן אַרטיקל. די אַרבעט איז זיך דעריבער צעוואַקסן, און דאָך זיינען פיל ענינים, פאַקטן, דאָקומענטן פאַר־בליבן צוליב דוחק אין אָרט ניט אויסגעניצט. מער־ווייניק, רעכע־נען מיר, איז אָבער די אויפגאַבע דערפילט. און דער איצטיקער אַרטיקל איז דער ע ר ש ט ע ר, וואָס פּרובט געבן אַ ברייטערן בילד וועגן לעבן און אַרבעט פון אונזער שרייבער־קאָרפּאָראַציע אין ווילנע פאַר 20 יאָר צייט.

סוף פעברואר 1938

לידער

דערציילונגען

אַרטיקלען

חיים גראַדע

איינמאָל שוין געזאָגט צום לעבן: יאָ!

איינמאָל שוין געזאָגט צום לעבן: יאָ!
און איבער שניי-בערג צו דעם בלאַנקן שפּיץ געבומען קלעטערן,
איז מער קיין וועג צוריק ניטאָ,
אַרויף דורך טויט-געפֿאַר, דורך שטורעם-ווינט, דורך אַלע וועטערן!

ניט איינמאָל האָב איך שוין מיין האַרץ און לשון
אַוועקגעשאָנקען צו דעם פייגל-כאָר, וואָס זינגט אין מיינע ווערק,
מיין מוט האָט ווי די זון זיך אויסגעלאָשן,
און בלויז אין ליד האָב איך געזעגנט, ווי שקיעה אויף די בערג.

איך האָב געקלאָגט — אַ בעטלער אויף די קני, אַ בלינדער,
און בין געבליבן בלויז ביי ווערטער — פּאַטשערקעס אין די פאַרשעמטע הענט
ווי ס'בלייבן אַלטע טאַטע-מאַמען פון די קינדער,
וואָס זיינען זיך צעפלויגן — פאָטאָגראַפיעס אויף די ווענט...

אָ, שרעקיק האַרץ, צו וואָס האָסטו געזוכט דעם זין,
דעם כישוף-שפּרוך, וואָס בינדט צונויף דאָס לעבן מיטן שטאַרבן?
געקענט האָסטו דאָך זיין דער פייגל פון באַגין,
וואָס זאָגט אָן פון זיין צווייג דעם שפּיל פון זריחה-פאַרבן.

מיר רופט אַ שטים, ווי רעגן רוי-ערד: זיי אַקטיוו! —
די שטים פון וועלטן חרובֿ פאַרקריצט אין שטיינעריקע טיפן,
ווי אַלע רעדער רייסן זיך נאָך דעם לאָקאָמאָטיוו,
רייס איך זיך צו טאַט דורך דעם געפּלאָנטער פון באַגריפן.

דער אָפּגרונט אין קאָשמאַר איז טיפער ווי אין וואָר.
ניט איינמאָל בין איך שוין אַרויף — און אויפגעכאַפּט אין טאָל זיך ווידער,
אָ, שווער איז מיר דער שפּאַן אין איינעם מיט מיין דור,
איך מוז אויך אַלע פריערדיקע דורות מיטשלעפּן פון אין דער נידער-

דער אָטעם — מילך, דאָס פּנים פלאַמט, עס בלענדט דער שניי,
אָהיי, ווער קומט עס מיר אַ פּראָסטיקער פון צווייטן זייט אַנטקעגן?
מיר וואַרפן זיך, ווי שטריק אַריבער אונזער פריידגעשריי, —
צוויי אָפּגרונטיקע הערצער האָבן אין די הויכן זיך באַגעגנט.

אָ, ברודער מיינער אין געפאַר, דערלאַנג דיין אָרעם,
לאָמיר זיין אַן אָנשפּאַר איבער תּהומען איינער פאַר דעם אַנדערן;
אַליין איז גוט זיך אויסוויינען אויף קברים,
צום ציל מוז מענטש מיט מענטש אין איינעם וואַנדערן.

מיר האָבן איינזאַמע געבלאָנדזשעט יעדערער באַזונדער,
דער תּהום האָט אונז צעשיידט, די הויך — דערמונטערט און
פאַראייניקט,
איצט זיינען מיר פאַר פייגל און פאַר בערג אַ וואונדער, —
מיר אויסגעפּרוווטע אין געפאַר, דורך פיין דערמוטיקט און געריייניקט.

אָ, ברודער מיינער אין געפאַר, די זון פאַרגייט,
זי פלאַקערט, ווי אַ פלאַם אויף אַ מזבח — אויף אַ יעדן היגל,
מיר האָבן אונזער האָפענונג די בערג פאַרטרויט,
און אונזערע צעשפּרייטע אָרעמס טרויען מיר, ווי פליגל.

די וועלט האָט איינגעדרימלט, ווי אַ קינד אויף מאַמעס הענט,
די שקיעה וויינט, און אירע רויטע טרערן אויף מיין פּנים פליסן,
די זון קוקט אויף דער ערד, ווי זי וואָלט ניט דערקענט
דאָס פייער־שטיק, וואָס האָט אַמאָל פון איר זיך אָפּגעריסן...

דער באַרג־שפּיץ ציט זיך אויסגעבענקט צום בלאָ.
שטיל. עס טונקלען צוויי געשטאַלטן אויפן שניי — צום באַרג־
שפּיץ קלעטערן.
אַרויף! מיר וועלן דאָרטן אָפּוואַרטן די שעה,
ווי בוימער פרילינג־צייט אַנטקעגן הימל זיך צעבלעטערן.

א. וואָגלער

דער אַלטער ווינט
און
דער יונגער ווינט

(קאַפּיטל פון בוך אין כ״י: „צווי בעריאָזעס ביים טראַקט״)

א.

אין גרינעם פּאַלאַץ — דעם יידישן בית-עלמין,
ביי אַן איינגעפאַלענער מצבה — אַ טיש פון מירמלשטיין,
זיצט דער אַלטער ווינט, דער בייזער אַלמן
און טרינקט בלויען שאַמפּאַניער — אַ מאַמעס געוויין.
זיין גאָלדענער שטול — דער קבר פון ליים איז,
און ווערים — פּעטש לאַקשן אויף אָנבייסן ער פרעסט,
און עס שפּילן די פליטן — עס קלאָגן די יתומות,
וואָס קומען אויף קבר-אבות צו געסט.
דער געוויטער שפּאַרט זיך אָן אויפן גראָז — זיין וויכן פּאָטעל
און הערט די יללה פון דער וויסטער אלמנה —
דעם טיפן וויינענדיקן וויאָלאָנטשעל,
וואָס שפּילט פאַר אים בעטהאָווענס סימפּאָניע.
דער אַלטער ווינט איז מלא-שמחה און שטאַרק בגילופין
און שיקט זיין פלינקן משרת — דעם זשוק,
ער זאָל צום קאָנצערט און הייליקן מאָלצייט רופן
דעם יונגן ווינטעלע — דעם בייסטרוק.
נאָר דער יונגער ווינט האָט פאַרלאָזט דאָס הויז,
ער זיצט אַ צינד אין בלויען בלומען-גאָרטן,

ער קושט אַ פריילין — אַ פורפור־רויטע רויז
און שפּילט מיט איר אין שטראַלן — קאָרטן.
דער אַלטער ווינט איז אַ נערוועזער כעסן, אַ למדן,
דער יונגער – דינט ביים קיניג – דעם פרילינג – אין קאַוואַלעריע;
כאַפּט דער רבי זיין קאַנטשיק — אַ הויפן זאַמדן
און פליט אין בלויען קלוב — אין אָראַנזשעריע.
דער יונגער ווינט גיט זיינע גאָלדענע קאָרטן אַ טאַש
און פאַרטיילט זיי צווישן די שלאַנקע פרינצעסינס — די בלומען,
און פון וואַסער־פאָנטאַן — זיין זילבערנער פלאַש —
באַשפּריצט ער די איידעלע דאַמען מיט פאַרפומען.
דער הולטאַי שפּילט אין אַן איינאונצוואַנציק
און פאַרלירט דעם זונאויפגאַנג ביי דעם טולפּאַן;
... נאָר פלוצים ווערן די אויגן גרויס און גלאַנציק
ביי דער קיניגין — דער ווייסער שוואַן.
עס וויינט די שוואַן, זי זיפצעט און זי שרייט —
דער יונגער ווינט קוקט אין סאַזשלקע, אין איר זילבערנער שפּיגל—
אָ, ער פאַרשטייט שוין וואָס איר געשריי באַדייט,
און קושט אירע הייסע ווייכע פליגל.

ב

דאָס ווינטל האָט דעם באַגינען געשטעלט אין קאָן,
ווען עס איז אויף אים אָנגעלאָפן דער געוויטער,
און די יונגע פאַרשייטע ציגיינערין — דער רויטער מאָן —
פאַר זיין דוך געגעבן האָט אַ ציטער.
ס'האָבן די צאַרטע גרעפינס — די מימאָזן
זיך אָנגעלענדט אָן די „פּאָדפּאָרעס" — זייערע בחורים,
און פאַר אימה זיך באַהאַלטן אין די טיפע גראָזן —
אין זייער הייכן גרינעם טורעם.
ס'האָבן די הענט פאַרבראָכן די ציבעלעס־וואַזאָנעס,
די רויז האָט דעם שפּינוועבס אויסגעטאָן — איר בלויען שלייער,
און די ליליאָווע מאַרגאַריטקעלעך — די יונגינקע אלמנות —

האָבן זיך אין שוואַרצע שאָטנס אָנגעטאָן — אין טרויער.
וועןביידע ווינטן זיינען אַרויס אין אַ דועל,
האָבן די פּיאָלקעס זיך פאַרטוליעט אין די בלעטער, זייערע זיידענע שאַלן,
פאַר שרעק איז די באַרמהאַרציקע שוועסטער — די רומיאַנעק געוואָרן געל,
און דער ריִיז איז אויף די קני געפאַלן.
ס'האָט זיך געשאָקלט דער ריִיז — דער הויכער באַראָן,
געזאָגט אַ תּפילה פאַר זיין חבר דעם דאָן-זשואַן,
און די פּרינצעסין — די ליליע, האָט אין טייך — אין איר ראָזן סאַלאָן
זיך פאַרשטעלט מיטן נעפל – דעם בלויען פאַראַוואַן.
דער רויטער מאָן האָט זיך די שוואַרצע האָר פון קאָפּ געפליקט,
די בלויע קאָרנבלימלעך — די אויערן מיט וואַטע זיך גענומען פאַרשטעלן,
און די רויטע דאָרפס-מוידן – די געאָרגינעס האָבן זיך געשטיקט
מיט די טויען — זייערע גרינע קרענץ קאַרעלן.
די מאַי-גלעקלעך האָבן די שפּינען אויסגעטאָן — די שוואַרצע אויערינגען,
ס'האָבן געחלשט די כריזאַנטעמען, די שוואַכע, בלייכע כלות,
און זייערע איידעלע חתנים — די ווייסע שמעטערלינגען
האָבן זיי געמינטערט, אונטערגעהאַלטן ביי די טאַליעס.
די בלויע פאַרגעס-מיך-ניט האָט דער געוויטער געשענדט,
צעפליקט איר פלושענעם מאַנטעלע דעם פּיאַלעטן,
און ביי די פּיאָלקעס אַראָפּגעריסן פון די בלעטער — די הענט —
די ראָסע – זייערע גאָלדענע בראַנזאַלעטן.
דער אַלטער ווינט איז דעם יונגן פון הינטן באַפאַלן,
און איידער דער שילויע האָט געשטעלט זיך אַנטקעגן —
האָט ער צעריסן זיינע טאַליעס קאָרטן – די גאָלדענע שטראַלן
און געשמיסן זיינע דאַמען מיטן שלאַקסרעגן.
דער געוויטער האָט אַראָפּגעריסן אַ שטרויענעם דאַך...
— נאָך דעם בליץ — זיין גאָלדענעם שאַרפן מעסער —
האָט דער יונגער אַראָפּגעלאָזן מיט אַ „ראַזמאַך"

אויף זיין טאַטן דעם אַלטן ווינט, דעם פּרעסער.
אַ צעמזיקטער איז דער געוויטער געפלויגן זיך רעטן,
זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען אויף אַ צעפּוילטער סטאָדאָלע,
און זיין פּיילנבויגן — דעם רעגנבויגן דעם פּיאָלעטן —
אַרויסגעשלעפּט פון הינטער אַ כמאַרע — זיין צעשפּילעטער פּאָלע
און ראַפּטום, האָט אַ פּייל — אַ שוואַרצע סאָווע —
אין קלוב — אין אָראַנזשעריע געטאָן אַ פּלי,
דאָס פאַרוואונדעטע ווינטל האָט געגעבן אַ ראָווע —
און די פירשטין, די ליליע, איז געפאַלן פאַר אים אויף די קני...
דער שילויע איז פון קלאַפּ געוואָרן בלינד...
און מיט וואָלקנס — באַנדאַזשן, פאַרוויקלען די מימאָזן
דעם אָוונטשיין — דאָס בלוט וואָס רינט
פון האָריזאָנט — זיין שיינעם פּנים דעם ראָזן...

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

און אין זיין שלאָס — דעם יידישן בית־עלמין,
ביי אַן איינגעפאַלענער מצבה — אַ טיש פון מירמלשטיין,
זיצט זיין טאַטע, דער אַלטער ווינט, דער אַלמן
און טרינקט בלויען שאַמפּאַניער — אַ מאַמעס געוויין.
זיין גאָלדענער שטול — דער קבר פון ליים איז,
און זיין מאָלצייט — פּעטע לאָקשן — ווערים — פרעסט ער,
נאָר ער הערט ניט די יללות פון די יתומות —
דעם סימפאָנישן אָרקעסטער...
ער הערט ניט דעם יתומלס כליפּענדיק קול — דעם קלאַרנעט...
דער געוויטער איז אויף אייביק פאַרבליבן אַ טויבער,
ווייל מיטן דונער — זיין פּיסטאָלעט —
האָט אים איבערגעשראָקן דער יונגער רויבער.

ג.

דער יונגער ווינט, דער ציגיינער, דער הולטאַי
שפּילט כּסדר מיט די בלומען אין אַן איינאונצוואַנציק;

נאָר דער אַלטער ווינט האָט אומשולדיקע ווייבער דריי
צום טויט פאַרשמיסן מיטן שלאַקסרעגן — זיין קאַנטשיק.
זיין ערשטער ווייב — דער נידעריקער ווערבע, דער צדקניות,
האָט דער געוויטער דעם קרומען קאָפּ צעשפּאָלטן —
הלמאַי ס׳האָבן די זלידנע פליי — די וואָראַנעס
געבויט אַ נעסט — אַ פּאָרך ביי איר אין קאָלטן...
נאָכן טויט פון דער ווערבע, דער האָרבאַטער יידענע,
האָט דער גזלן אויך זיינע קלייניקע קינדער פאַרשמיסן —
די קוסטעלעך — אירע קאַליקע יתומות, די בידענע,
פון זייער געבורטסאָרט — פון פעלד, אַרויסגעריסן.
דער טיראַן האָט זיי אין אַ ווייטן דאָרף פאַרטראָגן,
און איז מיט די יונגינקע מיידעלעך געווען מזנה...
נאָר אַ גויע האָט אויף דיביימעלעך רחמנות געקראָגן —
און זיי פאַרפלאַנצט אין איר גאָרטן אויף האָדעוואַניע...
דער טשערעסניכע — זיין צווייטער יונגער אשה
האָט דער רוצח סתם אַזוי איבערגעבראָכן די ריפּן,
און נאָכער אויסגעזויגן דאָס בלוט פון אירע זיסע,
תאוותדיקע פּורפּור־רויטע ליפּן...
די יתומות, וואָס זיינען נאָכן קאַרשן-בוים געבליבן,
האָט דער געוויטער אַרויסגעריסן פון זייער פּאַלאַץ — דעם סאָד;
די חנוודיקע מיידעלעך — די מאַלינעס-ביימעלעך פאַרטריבן
אין גלות — אין אַ ווייטער, פרעמדער שטאָט.
זייערע שוועסטער — די פּאַרעטשקע-ביימעלעך האָט דער טאַטע געשלאָגן,
אויסגעצאַפּט פון זייערע בעקעלעך דאָס ראָזע בלוט;
נאָר אַ הויזוועכטער האָט אויף די יתומהלעך רחמנות געקראָגן
און זיי פאַרזעצט אין שטיינערנעם הויף — אין שאַרן פריזוט...
ביי זיין דריטער ווייב — דער ווינטמיל, דער בלינדער עקרה,
האָט דער געוויטער די פליגלען — אירע הענט, אויסגעדרייט,
ווייל די פלעדערמויז האָט אויף זיין פלוניתטע גערעדט לשון-הרע,
אַז זי האָט מיטן יונגן ווינט אַ ליבע געפירט שטילערהייט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַרבליבן אַן אלמן, האָט דער געוויטער, דער רשע,

זיך געשדכנט צו דער יונגער פּאַניכע — דער גריקע — — —
— און חוצדעם — דערציילט פּאַרן שליאַך די הויכע בעריאָזע —
אַז מיט די טייכן — די קריסטיינס ער לעבט בשתיקא...
למשל, די אָזיערע — די בלאָנדע, רייכע ווייסרוסין,
איז אויך אַ געליבטע פון שיכורן ווינט דעם אַלטן —
ער לעבט דערוויל מיט איר אָן חופּה־וקדושין,
און זי האָט אירע ממזרימלעך — די פיש — באַהאַלטן.
זי, די אָזיערע, איז שיין און שטיל און קלוג,
זי האָט צו דעם הייליקן רבין חלילה ניט קיין תּביעה;
נאָר דער יונגער ווינט, דער צעלאָזענער בייסטרוק,
ליבט זיך אין דער ליטווישער קיניגין — דער ווילִיע...
ער נעכטיקט אויך ביי דער בלאָנדער שיקסע — דער גערשטן,
און דער געוויטער האָט אויף זיין זון ניט קיין דעה,
ווייל ער איז געבאָרן דורך זיינער אַ זינד מיט דער פירשטין,
דער משוגענער גויע — דער זאַווייע...
ס'האָט די בורלאַטשקע — די רוסישע מעצעלעצע
זיך באַקאָנט מיטן אַלמן דעם פאַריקן ווינטער —
און דעם אַלטן הער האָט די שיינע פּריצה
פאַרבעטן אין איר זילבערנעם פּאַלאַץ — דעם צווינטער...
די ווערמע האָט פאַר אים די לאַווינעס — אירע ווייסע בריסט
אַנטבלויזט,
און דער געוויטער איז נעבעך ניט בייגעשטאַנען דעם נסיון...
ביז... אין איר ניקלנער בעט — אין פאַרפראָרענעם רויסט —
האָט זי אים געבוירן אַ קינד אַ בלויען...
אין וויגעלע — אין שפּאַלט פון אַ צעבראָכענער מצבה,
איז דאָס ווינטעלע, איר זויגלינג איינגעשלאָפן — — —
דאָס האָט אים אונטערגעוואָרפן די פאַרשאָלטענע נקבה,
און איז צום שטורעם — צו איר רוסישן מאַן אַנטלאָפן...

ד.

דער רוס — דער שטורעם, פירט־אָן מיט אַ שיף,
די זאַווייע איז מיט אים אַוועקגעפאָרן איבער ווייטע ימען;

און אויפן הימל די שוואַרצע רויכן — לאַנגע בריוו —
פלעגט דאָס ווינטעלע באַקומען פון זיין מאַמען.
זי האָט געשריבן אַז: די הייסע פייער-פונקען —
איז איר געווין אויפן בריוו וואָס רינט;
דאָס ווינטל האָט דער מאַמעס רויטע טרערן איינגעשלונגען
און געקושט די כמאַרעס — אירע אותיות פון בלאָען טינט.
די זאַווייע פלעגט שיקן איין בריוו נאָך אַ צווייטן,
פאַר איר זון אַריינלייגן דאָרט אויך אַ געשאַנק:
וואָלקנס — לאַנגע, דינע זילבערנע קייטן,
און אַ גאָלדענעם זייגערל — דעם זונאויפגאַנג.
זי פלעגט אים געריסן פון דער זאַווערוכען — זיין מומען,
און פון פראָסט — זיין אַלטן, סיוון זיידן,
וועלכער וואַרט, אַז זיין אייניקל זאָל וואָס גיכער קומען
צו אים אין צפון-לאַנד, אין דעם גן-עדן.
זיין זיידע, דער פראָסט, איז אַ שטאָלצער קיניג,
ער זיצט אויפן צפון-פאָל — זיין זילבערנעם טראָן,
זיינע זעלנער — די ווייסע בערן זיינען אים אונטערטעניק,
און היטן אַלאַסקאַ — זייער מלכס סאַלאָן.
ער וואוינט אין אייז, אין בלויען פאַלאַץ פון קרישטאָל,
עס פינקלט די שקיעה — די סאַפּירענע קרוין אויף זיין קאָפּ,
און די לבנה — דער גאָלדענער זשיראַנדאָל
הענגט פון הויכן, טונקעלן סופיט אַראָפּ.
דער זיידע וועט זיין אייניקל שענקען אַ מתנה:
אים אָפּגעבן זיין קיניגרייך—סיביר,
און דער שטורעם, דער שיפּסקאַפּיטאַן, דער פּאָניע,
וועט אויף זיין שיף אים מאַכן פאַרן עלטסטן קאָמאַנדיר.
זי פלעגט שרייבן: ער זאָל איר ניט אָנטאָן קיין צער,
און קומען ירשענען דעם זיידנס מדינות,
דאָרט וועלן אים קרוינען פאַר זייער האַר
די שנייען — די יונגע, בלייכע קייסערינעס.
זי פלעגט שרייבן: אַז איר זון זאָל ערפילן איר ביטע,
וועט ער אויך איבער אַזיע ווערן אַ גענעראַל;

נאָר אויב איר קינד וויל אַ בעטלער פאַרבלייבן אין ליטע, —
זאָל ער זיך בעסער אויפהענגען אויף אַ לבנה־שטראַל.
... אָבער דער יונגער ווינט האָט ניט געפאָלגט זיין מוטער,
און ביז היינט פאַרבליבן אין ליטע — אין גלות,
ניט פאַרלאָזן זיין געבורטסאָרט — דעם שטילן כוטער,
און זיינע צעבראָכענע צאַצקעס — די געלע סטאַדאָלעס.
ער פלעגט אין וואַנט פון כוטער אויסשניצן אַ פלייט — אַ שפּאַרע,
זיין פייַן, זיין עלנט און זיין כעס דאָרטן אַריינגעבלאָזן,
און אויף די בלויע שייבעלעך — אויף זיין גיטאַרע —
געוויינט נאָך דער מאַמען, וואָס האָט אים פאַרלאָזן.
ער פלעגט גריזשען דעם שטרוי פון דאַך — דעם אַלטן טאָרט,
פאַר צער אויסגעזופּט די ברינימער — די גרינע לאָגלען ליקער
און אין זיין מאַיאָנטעק — אויפן הייליקן אָרט —
האָט אויך געהוליעט זיין טאַטע דער שיכור...
עס פלעגט אין שטערן — קאָרטן, שפּילן דער אַלטער געוויטער,
אויך זיין זון געוואָרן איז אַ קאָרטנשפּילער,
און די מאָהילניקעס — זיין מאַמעס רייכע גיטער —
האָט פאַרשפּילט ביי זיין רבין דער יונגער שילער...
אָ, ער האָט ניט געוואָלט ווערן דער קיסר פון סיביר,
און זיין טאַטע דער נערוועזער מלמד, דער אַלמן,
האָט אים אויך אַרויסגעטריבן פון זיין קוואַרטיר —
פון דעם אַלטן יידישן בית-עלמין...
ער פאַרלאָרן האָט דעם צווינטער — זיין מוטערס הויז,
פאַר נויט, נעבעך, געוואָרן איז ער אַ שאַרלאַטאַן;
גענעכטיקט ביי דער שיינער מויד — דער רויטער רויז,
אויפן בייט — איר גרינעם פלושענעם דיוואַן...
ער האָט פאַרשפּילט די קברים — זיינע גאָלדענע בעטן,
און די פלאַנקענער — זיינע אַלטע, ברוינע וויאָלאָנטשעלן,
און אויפן מאָרגנשטערן — זיין לעצטן טויז דעם פיאַלעטן —
געשטעלט אין קאָן די גראָזן — זיינע געלע פאַטעלן.
ער האָט אַפילו די מתּנה פון זיין מאַמען, דער זאַווייע —
זיין גאָלדענעם זייגערל — דעם זונאויפגאַנג,

און די שקיעה — זיין בריל̄אַנטענע קמיעה —
פאַרשפּילט אין קאָרטן שוין פון ל̄אַנג.
ביי זיין טאַטן דעם אכזר האָט דער הולטאַי
פאַרשפּילט דעם וואָל̄קן — זיין זיל̄בערנער קייט;
... נאָר דער אַל̄טער ווינט האָט אומשול̄דיקע ווייבער דריי
מיטן רעגן — זיין קאַנטשיק—פאַרשמיסן אויף טויט.

ה.

איצט, וויל̄ דער אַל̄טער אַ פערטן מאָל̄ שטעל̄ן אַ חופּה —
דערציי̄לט פאַרן ראָב דער בל̄ינדער שדכן, דער קאַרשון —
דעם געוויטער געפּעל̄ט די גראָבע עגונה, די ל̄יפּע,
אָבער זי איז גאָר פאַרל̄יבט אין זיין יונגן זון...
פאַר כעס של̄אָגט דער אַל̄טער זיין קינד, ער זאָל̄
ניט קריכן צו דער קאָנישינע — דער צעל̄אָזענער קריסטין;
נאָר דאָס ווינטל̄ שפּיל̄ט אויפן קוואַל̄ — זיין פייפיאָל̄,
און קושט דעם מיידל̄ס ל̄יל̄יאָווע קיל̄ע בריסטן.
די זשאַבע, וואָס וואוינט אין הייל̄ — אין בל̄אָטע —
האָט פאַרטרויט אַ סוד פאַרן ווינט דעם יונגן:
— ער זאָל̄ היטן די קאָנישינע, וויל̄ זי איז אַ קאָקאָטע,
זי ל̄יבט זיך אויך מיט די בינען און שמעטערל̄ינגען.
דאָס ווינטל̄ האָט געפאָל̄גט דער כשופמאַכערין:
ער האָט מיטן דונער — זיין האַרמאַט,
דערשאָסן דעם פל̄אַטערל̄ און דעם בין —
און נאָכער מיט דער קאָנישינע חתונה געהאַט.
נאָר אויב זיין ווייבל̄ וועט פון אל̄מן צערטל̄ען זיך ל̄אָזן
וועט ער מיטן בל̄יץ — זיין גאָל̄דענעם קינזשאַל̄ דעם שאַרפן —
צעפּערטל̄ען איר זינדיקן גוף דעם פיאָל̄עטן און ראָזן —
און פאַרן אַל̄טן ווינט אים וואַרפן!...

א. סוצקעווער

אין אַ דיכטערישן שענק

I

אָ, צווינגט מיך ניט צום טרינקען מערער,
ס'איז ניט פאַר מיר... כ'בין ניט געוואוינט.
מײַן פלאַנטער ווערט דערפון ניט קלערער, —
און מײַן געמיט ווערט ניט באַקרוינט
מיט לאָרבערבלעטער. שווערער, שווערער
פאַרזינקט מײַן קאָפּ. קאָלעגן, זעט,
איך גיי מיט אײַך אין אַ געוועט,
אַז כ'בין אַזוי שוין אויך באַטרונקען
פון טרויער, ליבע און געזאַנג.
עס לעשן זיך די לעצטע פונקען
פון מײַן באַוואוסטזײַן. ס'טוט מיר באַנג,
פאַרוואָס איר לאַכט מיט כיטרע וואונקען
און שפּאַרט צו מיר מיט שאַל און פּראַל
דעם רויטן, שוימיקן באָקאַל.

II

נו יע, איר זאָגט: פאַר אונזער מוזע,
פאַר פרײַהייט, ברודערשאַפט און מוט! —
נאָר וואו איז אונזער פרײַהייט-בלוזע,
און וואו איז אונזער זיג-מאַרשרוט?
ס'איז אונזער מוזע אַ מזוזה,
וואָס גליווערט אויף אַן אַלטער טיר
און היט פון טײַוול און סאַטיר
דעם אָפּגעזונדערט נודנעם טראַכטער,
וואָס זוכט אין זײַן געדאַנק דעם שם.
געפינט ער ניט — איז וויינט ער, לאַכט ער,
און טרייסט צו ביסלעך זיך מיט דעם;
זײַן צײַט — אַ פּאַלאַץ אַ פאַרמאַכטער,
ער וויל אים אויפשליסן און קען
צו אים ניט צופּאַסן זײַן פען.

III

אָט איך אַליין, אַליין קאָלעגן,
אַזוי ווי כ'שטיי מיר דאָ און רייד
פאַר באַקכוס'טוועגן, אייערטוועגן,
אַן אָנגעגנאָדלטער מיט פרייד —
זוך איך דעם וועג פון אַלע וועגן
וואו נאָר איך בין. און אומעטום
איז בלינדער, בייסיקער סאַמום.
נאָר כ'בין אַ נאַר, אַ טרוימענרויבער,
איך גלויב נאָך אַלץ, אַז ס'איז כּדאַי
צו זיין אַ וועלטישער באַגלויבער, —
און בלויז דער טויט איז ווערט אַ שפּיי,
ווייל ער צעשטויסט דעם צאַרטן צויבער
פון שמייכל, קוש, געזאַנג, מוזיק
און ווילדן רויזנקוסט פון גליק.

IV

איר לאַכט שוין ווידער? קינצלער, שמיכטער!
(פאַרדאָן, מיין געטין, כ'מיין עס זיי)
מיר דאַכט, די פלאַש איז מער שוין ניכטער
פון מיר. און איך — בין בלויז געשריי.
פאַרלעשט די לאָמפּישע געזיכטער
און זעצט די גרינע שויבן אויס!
און איך וועל אין מיין גאַנצער גרויס
צעפלאַנכען זיך פון טיפן האַרצן,
וואו ס'וואוינט אַ טרעלפויגל און טרעלט.
מיט וואָס די אויגן אייך פאַרשטאַרצן?
נו, ביטע, זאָגט וואָס אייך געפעלט!
איך וועל די אַרבל מיך פאַרשאַרצן
צום וואָרטגעפעכט; און טאַקע גלייך
מיין כּח אויספּרוּוון מיט אייך.

V

איך לאַך אַליין, כ׳בין דול אַוודאי,
נאָר ס׳איז מיין לאַכן הייסער גיפט.
איך בין אַ פּאַסטעך אָן אַ סטאַדע,
ביי וועמען בלויז דאָס בענקען טריפט
ווי אַ ציגיינערשע באַלאַדע,
וואָס פּייפלט ערגעץ אין דער פרעמד.
און גאָר מיין איינזאַמקייט פאַרנעמט
ניט דו, ניט ער און אפשר קיינער.
און מאָדנע, אָפטמאָל איז מיר זיס
די איינזאַמקייט, וואָס ביז די ביינער
דערגרייכט איר סמנדיקער ביס,
דערגרייכן אירע הייסע ציינער;
וואָס מער עס ראַנגלט זיך מיין זין,
אַלץ מערער ווייס איך, אַז איך בין.

VI

און דעמלט — כ׳בין זיך מודה ברידער —
כ׳טו דומפּ אַ פאַל אויף דר׳ערד און קני
מיט פאָרכט פאַר יעדן מענטש אַנידער,
אָט־ווי אַ זאַנג אין רייפן בלי,
וואָס פילט דעם האַרבסט אין זיינע גלידער...
עס דאַכט זיך מיר, איך טראָג די שולד
פון יעדנס פיין. איך בין פאַרפולט
מיט זינד, וואָס דו און ער און אַלע
באַגאַנגען זייט אַמאָל און היינט.
דאָס האַרץ פון וועלט ווערט מיר נתגלה.
געדאַנקען ווערן אויפגעשיינט
דורך אַלע וויטקייטן פאַטאַלע.
און איך — אַ לעבעדיקער קוואַל,
וואָס ריזלט, שטראָמט דורך אַלץ און אַל.

VII

עס טרעפט אַמאָל: כ׳ווער שלעכט און ערגער
צו זיך אַליין: — פאַרוואָס, פאַרוואָס
ביסטו דיין אייגענער דערווערגער
אַנשטאָט צו זיין דיין באַלעבאָס?!
פאַרנעמסט דעם שאָרך פון וועלדער, בערגער,
דו קניפּסט זיך אויף מיט גראָז און בלום,
נאָר דו אַליין ביסט אומעטום
אַ פרעמדער. פילט די ערד דיין ציטער
און פילט דאָס גרעזל דיין געפיל? —
און מענטש? פאַרנעמט ער כאָטש אַ שפּליטער
פון דיין געראַנגל, שטורעם, ציל? —
דו דאָן קיכאָט, דו וועלטנריטער,
ראָמאַנטיקער און דיכטער, — ווייסט?
ניטאָ קיין טרייסט, ניטאָ קיין טרייסט.

VIII

אַזעלכע רייד, ווען זיי באַפאַלן,
ווערט פינסטער אין געמיט און ענג.
די פיאָלעטע אָונטשטראַלן
פאַרוואַנדלען זיך אין דזשונגלשלענג
אויף אַלע וועגן. און שאַקאַלן
צעוואָיען זיך פון טיפסטער טיף.
עס העלפט אויך ניט קיין זילבּ-געשליף
און ניט דער שמייכל פון נאַראַנים.
נאָר דעמלט, ווי אַ העלער סנה
שלאָגט אָפּ אַ גלייבּן אויפן פּנים.
און זע, ער ווערט אַלץ קלערער, זע:
איך קען זיך ניט באַגיין אָן אים.
ער איז די לופט, וואָס כ׳אָטעם איין,
ביז אַלץ און אַל ווערט ווידער מיין.

IX

איר וואונדערט זיך, איר מיינט, כ׳בין שכּור,
ווי קומט צו מיר אַזאַ מין שוואונג?
נאָר זעט, עס גליט דער סאַמע עיקר
אין די געוועבן פון מיין צונג.
איך רייס פון לעבן מיינעם שטיקער,
צעשליידער עס פון רעכטס און לינקס.
און מיין געהיימען גורל־ספינקס
באַלאָרבער איך מיט פיינע גראַמען
אַלס ערנבירגער פון א לאַנד,
וואָס פּרווון פּרווו איך עס פאַרצאַמען
מיט קלאַנגענפלויטן נאָכאַנאַנד;
כּדי פאַרוואָרצלען און פאַרשטאַמען
מיין נאָמען דאָרט אויף אַלעמאָל —
ביז צייט פאַרלירט איר ציל און צאָל.

X

נאָר וואָס איז דאָס? ווער קריכט עס דאָרטן
אין פענסטער, ווּעמענס רויטער קאָפּ
מיט בלאָנדן בליק דעם אויפגעקלאָרטן,
וואָס מעקט די בלויע שאָטנס אָפּ?
חברים, וואַרפט אַוועק די קאָרטן,
און קלעטערט אויף די בענק אַרויף:
די זון גייט אויף, די זון גייט אויף,
גייט אויף, גייט אויף מיט וואונדער נייעם.
חברים, גיסט די בעכערס אָן,
לחיים פאַר דער זון, לחיים!
פאַר אונזער רויטער זונענפאָן —
לחיים— — — — — — — — — —
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

לייזער וואָלף

מאַטיווןן

1. דער ווילנער גאון און דער בעש"ט

דער ווילנער גאון זיצט און לערנט
אין דינעם דורשט, אין ווייסן ברען.
און ניט דער הימל, ניט די שטערן
די זכיה האָבן אים צו זען.
ער שלאָפט נאָר אַ שעה
און ווידער איז דאָ
זיין מוח צו פאָרשן, צו קלערן.

בייטאָג און ביינאַכט, דורך מעת-לעתן —
דאָס ליכטעלע פלעמלט און טריפט.
דאָס ווייב און די קינדער פאַרגעסן —
ער זוכט אין דער הייליקער שריפט.
אָפט דאַכט זיך אים אויס,
אַז ער איז גאָטס הויז,
אַז ער איז אין אים דאָ געזעסן.

און אָפט, ווען ער שטייט אין די תפילין
און דאַוונט מיט האַרץ און געבעט,
דערהערט ער אַ קול אַזאַ שטילן
אין זיך, ווי אַ טויב וואָלט גערעדט:
„הער, גאון, גלויב מיר —
דיין מויל איז מיין טיר" —
ער נעמט זיך אין טלית פאַרהילן.

*

דער גאון לערנט. ס'ווערן בלאָ אים
די אַלטע אותיות ערב נאַכט

און ס׳קומען אָן די שטאָט־גבאים.
וואָס האָט זיי גאָט אַהער געבראַכט?
—אָ, רביניו, העלף!
די חסידים די צוועלף —
זיי טאַנצן אין קלייזל ווי גויים!

דער גאון שטייט בליציק: די פּראים!
ישראלקע בעל־שם זייער גאָט!
איך רוף אויס אַ חרם, גבאים,
אויף זיי, און צעהענגט עס אין שטאָט!
איר הערט, וואָס איך זאָג?
אַ חרם, אַ קלאָג!
אַ קלאָג צו די חסידישע גויים!

*

דער גאון ליגט. דאָס ליכטל גוססט.
אַ זילבערנער לבנה־שטראַל
באַלייכט זיין שלאָף, די בלויע כּוסות,
דער וועג איז ווי אַ ווייסע שאַל.
ער פאָרט דורך אַ וואַלד
מיט יידן. ס׳איז קאַלט.
עס גליען די שטערן ווי אותיות.

און פּלוצלונג אַ שענק... פון באַנדיטן?
ניין, חסידים אין ראָד פון אַ טאַנץ,
און איינער אַ ייד איז אינמיטן
מיט אויגן אין גוייִשן גלאַנץ.
עס פלאַטערן הענט,
עס וויגן זיך ווענט.
אַלץ ווערט פון אַ ניגון צעשניטן.

נאָר פּלוצלונג באַמערקט מען דעם גאון.
ער שטייט אין אַ זייט און ער קוקט.

און איינער שרייט אויס: אַ בזיון!
אַ ייד זאָל זיך שטעלן פאררוקט!
— קום טאַנצן ר׳ ייד!
זיי נעמען אים מיט.
ער דרייט זיך מיט זיי אין שגעון.

ער פאַלט. בעת ער עפנט די אויגן,
דערזעט ער זיך הויך אויף אַ באַרג.
עס קומט אָן אַ ייד איינגעבויגן
מיט פרייד און מיט האָלץ אויפן קאַרק.
אַ פייער געמאַכט —
ער טאַנצט אין דער נאכט.
די פונקען ווי בינען צעפלויגן.

דער גאון באַמערקט: יענעמס באַק גליט
און רוקט זיך מיט ליפּן צו אים.
ער ציטערט: איך בין אַ מתנגיד!
אַוועק! — איז צעצאָרנט זיין שטים.
נאָר יענער באַקושט
זיין פּנים, זיין ברוסט
און זינגט אַזוי הייס, אַזוי נאַקעט...

*

דער גאון וועקט זיך אויף אין שווייסן,
דערשראָקן פון דעם ווילדן ייד.
ער פילט נאָך ווי אַ קוש אַ הייסן —
ער זיצט אין שטערן דאָרט און גליט.
אַ ניגון אין קאָפּ,
ער לאָזט אים ניט אָפּ,
אַ ניגון, וואָס חסידים נאָר ווייסן...

2. מאָנטעפּיאָרע אין ווילנע

יידן, קיין עין־הרע —
אַ מבול, אַ פאַרשאַט;
מע זאָגט, אַז מאָנטעפיאָרע
וועט דורכפאָרן די שטאָט.

מע זאָגט: ער האָט אַ פּאַלאַץ
פון עכטן, הוילן גאָלד;
מע זאָגט: ער קויפט אָפּ רוסלאַנד,
ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט.

מע זאָגט: ער זיצט ביים קיניג
און שפּילט מיט אים אין שאַך.
מע זאָגט: ער מאַכט אַ סוכּה,
געדעקט מיט זילבער־סכך.

מע זאָגט: ער איז אַ בייזער.
מע זאָגט: ער איז אַ גוטס.
מע זאָגט: ער קויפט ביים קייזער
די יידן אויפן טוץ.

מע זאָגט: ביי אים אין פּאַלאַץ
איז דאָ אַזאַ מין קנאָפּ;
מען גיט אַ דריק, באַווייזט זיך
דער טשאָלנט אין אַ טאָפּ.

מע זאָגט: ער איז אַ פרומער,
העברעאיש רעדט ער פריי.
זיין טלית איז אַ וואָלקן,
געפאַנגען אין טערקיי.

די תּפילין — שוואַרצע פּערל
און די רצועות — גאָלד.
מע זאָגט: ער קויפט אָפּ ענגלאַנד,
ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט!

אָט פֿאָרט ער דאָך, אַ קעטשל
אין רונדע פֿערד געשפּאַנט.
איך זאָג דיר: פּונקט אַ חסיד!
ער זעט מיר אויס באַקאַנט.

אָט פֿאָרט ער אויפֿן שול-הויף
אַרויף, הוראַ! הוראַ!
שווייגט, יידן, ער וועט ריידן.
אָט רעדט ער דאָך, אַהאַ!

— אָ, מײַנע ליבע ברידער,
ווי זאַמד אין ווינט געזייט.
איך קאָמע צו אײַך ווידער
אין קומער און אין לייד.

איך ווייס, אַז אײַך איז ערגער,
עס גיסט זיך אײַער בלוט,
נאָר וואָס באַווייזט עס ברידער? —
אַז מיר איז אויך ניט גוט.

עס פֿעלט מיר ניט, חלילה,
קיין פֿלייש, קיין פֿיש, קיין ווײַן;
אין הויז פֿון אַ בעל־תּפֿילה
זאָל ווייניקער ניט זײַן.

נו, איך בין רײַך, פֿאַרשטייט זיך.
אַזוי איז מיר באַשערט.
ס׳איז אימער זאָ אין לעבן
אויף אונזער ליבער ערד:

אַז איינעם גייט גאָר גוטיק,
ער שטייט ביים קיניג הויך;
און איינער אַרבעט בלוטיק
און האָט נאָר טרערן, רויך.

איך גיב, פֿאַרשטייט זיך, גיב איך.
איך בין אַיין פֿילאַנטראָפּ.

מיין פאָלק פון ליידן ליב איך,
עס ווייטאָגט אין מיין קאָפּ.

אָ, ברידער מיינע אָרעם,
וואָס יעדער טויט און טרעט
אויף צפון און אויף דרום,
איך בעט פאַר אייך, איך בעט.

איך פאָר צו הויכע שררות,
איך האָב ביי זיי ערפאָלג.
איך זאָג: וואָס טוט איר צרות
מיין גוטן יודן-פאָלק?

וואָס האָט איר פון פּאָגראָמען? —
דריי זאַכן: בלוט און בלוט
און אַ שלעכטן נאָמען,
טאָ ווערט שוין בעסער גוט.

וואָס מיינט איר איז דער ענטפער?
„דאָס איז אונז זייער שווער.
מיר וועלן זיך באַמיען
צו ווערן בעסער, סער”.

נו, שררות, הויכע שררות,
איר מיינט, אַז זיי איז גוט?
גאָט פירט מיט זייער מוח
און ווייגט אין זייער רוט.

אָ, ברידער מיינע אָרעם,
ווי נידעריק איר זענט.
איך שטרעק אייך אויס מיין אָרעם
און גיב אייך ביידע הענט.

אָט בין איך אין טעאַטער
געזעסן מיטן גאָר
הויכן גובערנאַטאָר
און שררות נאָך אַפאָר.

איך רוף זיך אָפּ געלאַסן,
כ׳מאַך האָניק-זיס מיין שטים:
„וואָרום איזט זאָ פיל שטרענגער
פאַר יודן דער רעזשים?״

די בינע גיט קאָמעדיע.
דער שררה לאַכט אַ צייט.
ער לאַכט: „די יודן לאָמיר
איצט לאָזן אָן אַ זייט״.

נו, שווייג איך שוין, איך וועל דאָך
ניט פרעגן איצטער מער.
די בינע גיט קאָמעדיע,
איך וויש געהיים אַ טרער.

אָ, ברידער מיינע אָרעם,
איך וויין, כאָטש איך בין רייך,
ווייל יעדן קליינעם וואָרעם
איז פרייליכער פון אייך.

נאָר זאָרגט ניט, ליבע יידן,
עס איז דאָך אַלט-באַקאַנט,
אַז קומען וועט משיח
אין אונזער אַלטן לאַנד.

מיר וועלן דאָרטן ווערן
דערהויבן און באַגליקט,
אַזוי ווי שטילע שטערן
פון הימל צוגעשיקט.

און אין ירושלים
וועט ווידער אייביק שטיין
אַ ווייסער בית - המקדש
אין זיסער זון, אמן.

3. די שײנע חוװהל

מײן לעבן האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט
אַזױ װי אַ לאַנגער באַװל.
איך בין שױן מערניט, מײן טײערער,
די שײנע גראָטענע חוװהל.

איך זיץ און איך זיפץ בײם מאַשינדעלע
אין דעם טיפן אָװנט.
די לבנה הענגט װי אַ װינדעלע
העל און מיט בלוט פֿאַרלאָפן.

אוי, דושעניו, ליובעניו,
פֿאַרװאָס האָסטו מיך געװאָרפן
אַזױ װי דאָס גרינע עפּעלע
איבערן פּלױט פֿון גאָרטן?

נאָר אין אַלץ איז שולדיק זי,
דעם מילנערס פּלימעניצע כאַשקע!
מײן לעבן האָט זי צעריסן מיר
אַזױ װי אַן אַלטע רובאַשקע!

מײן לעבן האָט זיך דורכגענעצט
אַזױ װי אַ העמד אױפֿן רעגן.
כ׳װעל קושן גײן די זעמדעלעך,
װאָס קענען זײן פֿוס אױף די װעגן.

איך זיץ און איך זיץ בײם מאַשינדעלע,
מײנע האָר װערן העלער,
די לבנה הענגט װי אַ הינדעלע
פֿון מײן חתונה-טעלער.

אוי דושעניו, ליובעניו,
פֿאַרװאָס האָסטו מיך געװאָרפן,
אַזױ װי דאָס רױטע עפּעלע
איבערן פּלױט פֿון גאָרטן?

נאָר אין אַלץ איז שולדיק זי,
דעם קצבס טעכטערל מושקע!
מײן לעבן האָט זי צעבײגן מיר,
אַזױ װי אַ בלעכענע פּושקע.

פּרץ מיראַנסקי

מ ש ל י ם

1. ה י נ ט

עס זיינען אין אַ פּראָסטן, וואָכעדיקן מאָנטיק
אַ באַנדע הינט באַפאַלן לעם אַ פּריצישן מאַיאָנטעק
אַ דורכגייער אַ פרידלעכן, אַ שטילן;
באַפאַלן מיט אַ האַווקעריי, אַ בילן,
מיט די ציין.
עס מוסרט זיי דער דורכגייער: „ניט שיין!"
און זיי, זיי רייסן אים און בייסן אים און יאָגן.
עס מוסרט שוין דער גייער ניט, ער שרייט.
און קוים מיט קלאָגן
האָט אים געראַטעוועט אַ פויער פון ניט ווייט.
עס גיסט זיך בלוט און רינט:
— אָ, ניין, ער מוז זיי אָנלערנען די הינט!
ער וועט זיי גיין פאַרמסרן, פאַרקלאָגן.
— פאַר וועמען?
קנייטשט דער פויער מיט די ברעמען.
— וואָס הייסט פאַר וועמען? פאַרן פּריץ פון מאַיאָנטעק.
— קאָנטיק,
ביסט ניט פון דאַנען —
האָט אָפּגערופן זיך דער פויער שטילערהייט —
ווייל ניט וואָלסטו פאַרשטאַנען:
אַ באַלעבאָס אַ גוטער האָט פאַר הינט אַ קייט
און אויב עס הוליען ביי אַ פּריץ כּלבים, ווי אין פעלד דער ווינט,
מסתּם איז ער אַליין ניט בעסער פון די הינט...

2. די קראָ און די וועווערקע

אַן אַלטע שוואַרצע קראָ
האָט אין אַ פריער שעה
דערזען, אויף הינטערשטע צוויי פיסלעך
אַ וועווריק, זיצנדיק און קנאַקן ניסלעך.
— „אויף דעם, איז מיר פאַרדריסלעך
טאַקע —
האָט זיך די קראָ צעקראַקעט —
איז דאָס פאַר דיר אַ שפּייז
צו קנאַקן דאָס, וואָס סגריזשענען די מייז?
דו, מיין שכנה, האָסט זיך געמעגט פאַרגינען טאָן אַ ביס,
אַ שטייגער,
ווי אַ וואָרעם צי אַ פייגער;
דאָס, פאַרשטיי איך, איז געשמאַק און זיס,
נאָר ניס...״
— „געוויס, געוויס! —
האָט אָפּגערופן זיך די וועווערקע — נאָר הער,
דערקלער
מיר קראָ! ווי קומסטו וועגן ניס צו קראַקן,
ווי באַלד דו קענסט זיי ניט צעקנאַקן?...

ס'טרעפט אָפט, אַז עמיץ וויל אַ זאַך פאַרשרייען
בלויז צוליב דעם אַליין,
וואָס אים פעלן ציין
דעם מאכל צו צעקייען...

לייב סטאָצקי

בײַ ים

צום 150־טן געבוירנטאָג פון בייראָן.

און אָט איז ער דער ים, דער אומרואיקער, ברויזנדער!
פון ווייטן נאָך באַרוישט זיין שטאָלץ און מעכטיק ליד.
ער זינגט דאָס זעלבע ליד יאָר־הונדערטער, יאָר־טויזנטער —
דאָס ליד פון ווילדער פרייד — און ווערט קיינמאָל ניט מיד.

דאָס ליד פון ווילדער פרייד און בענקעניש אומענדלעכער,
פון אייביקן באַגער און שטורמישן געדראַנג;
דער ניגון פון דעם ליד, פאַר קיינעם ניט פאַרשטענדלעכער,
בלויז אין דיכטערס זעל דערוועקט אַ ווידערקלאַנג.

בלויז אין דיכטערס זעל, דער שטאָלצער און דער איינזאַמער,
וואו ס׳קעמפן ווילדע פרייד מיט גרעניצלאָזן צער,
הילכט אָפּ דאָס ליד פון ים; איין ניגון אַ געמיינזאַמער
פון ביידן זיך דערטראָגט צום אייביקייטס־אַלטאַר.

א. י. גאָלדשמידט

אַזוי האָט געזאָגט הראובני

אַזוי האָט געזאָגט הראובני:
— ביז ראַנד איז פאַרפולט שוין דער בעכער!
רעפּטיליעס נאָר, גיפטיקע שלאַנגען —
זיי קריכן מיט שיפען פון לעכער...
די רויזן, די ליליעס — פאַרוועלקט...
עס שרייען די סאָוועס: „צוריק!״
ניטאָ שוין דער וועג מער דער אַלטער,
ניטאָ — קיין פאַראויס, קיין צוריק...

אַזוי האָט געזאָגט הראובני:
— ווינד-ווײ צו די פּריסטער די פּוילע!
די געטער — זיי ליגן אין שטויב,
די טעמפּלען — אין חורבות אין הוילע...
די העסלעכע שפּין איר געשפּינס
ט׳פאַרשפּרייט ביזן סאַמע אַלטאַר...
אַ נאַכט אָן אַ סוף... אָן אַן אויסוועג...
קיין שטערן... בלויז חושך און צער...

אַזוי האָט געזאָגט הראובני:
— איר זייט רואינירט ביזן גרונט!
איר האָט זיך דערווייטערט פון גוטס,
געשלאָסן מיט רשעות אַ בונד...
וואו זיינען די אוצרות די אַלטע —
דאָס וויסן... די ליבע... דער מוט?
אין האַרצן ביי אייך — בלויז דער צווייפל,
אין ד׳אָדערן — אייז-קאַלטע בלוט!...

אַזוי האָט געזאָגט הראובני:
— דער זאַלץ האָט פאַרלאָרן זיין קראַפט!
ס׳פאַרשיכּורט שוין מער ניט דער וויין
און ס׳האָט שוין קיין זאַך ניט קיין האַפט.
מיט גיפט אָן שום קראַפט און אָן טויט
איז פול־איבערפול שוין דער בעכער...
און געלע און גיפטיקע שלאַנגען
מיט שיפּען נאָר קריכן פון לעכער...

אַזוי האָט געזאָגט הראובני:
— ס׳וועט קומען באַלד עמיץ אַ נייער, —
און ס׳וועט אַ ניי וואָרט באַלד צעטרייסלען
דעם חושך און רו — מיט אַ פייער...
אַנטשיידנדיק, ליכטיק וועט זיין
זיין זיג איבער אומרעכט און האַס, —

און איך — איך בין בלויז זיין מבשר,
דערווייל נאָך כאָטש אָן תשבים פּאַס*) — — —

אַזוי האָט געזאָגט הראובני:
— ער קומט באַלד, דער עכטסטער דערלייזער,
פון דורות אָן צאָל אויסגעטרוימטער...
איר פרעגט מיך: ווי הייסט ער? ווער איז ער?...
— פון „אחרית הימים” דער סימבאָל,
פון אייביקן פ ר י ד ן און ליכט,
און ש ל מ ה ב ן - פ ר צ י — זיין נאָמען,
דער מ ל ך פון לעצטן געריכט — — — —
— — — — — — — — — — — —

*) גירט

מיכאל נאַטיש

אַ ל י ד ...

אַ ליד איז אַ קאַכלנער אויוון,
אַ פערז — אַ ציגלנע וואַנט;
פאַרפאַסט האָט מיין אָרימער טאַטע
מיט זיין קעלניע אין האַנט...

אַ פאָעמע — אַ מויער אין פעלד,
אַ רוישיקע שטאָט, ביי אַ ברעג...
געבויט האָט מיין אָרימער טאַטע
אין זוניקע, ליכטיקע טעג...

בלעטער — טינקען און קאַלך,
טאָוולען — שטיין און בעטאָן;
האָט דער טאַטע געשאָלטן הולטייעס,
וואָס ווילן גאָרנישט ניט טאָן...

גּעשאָלטן, געשפּאָט און געלאַכט:
— אַ קייסער דאַרף אויבעט אַ דאַך,
טאָ זאָל ער זשע ווייזן די קונץ
און זאָל ער ניט ריידן קיין סאַך...

ביי מיר איז אַ ספר — אַ הויז,
ביים שמיד — אַ געקאָוועטע ראָד...
אַ וועלט מאַכט מען ניט מיטן מויל
און ברויט עסט מען ניט מיט גענאָד...

גייט אויף איבער מויער און שטיין
די זון, ווי אַ גאָלדענע קרוין...
העלצער — די הייזער און כאַטעס
אין אָרימער הילצערנער היים...

פּאַטשן די ברידער אין פּלייצע:
— זיי אַ דיכטער אַ יאַט!..
לייען אויף שטיבלעך די טיטלען,
לייען: פּראָלעטאַריאַט!..

אַ ליד איז אַ קאַכלנער אויוון,
אַ פּאָעמע, אַ מויער אין פעלד,
לערנען די קינדער אין קלאַס
פון אָרימען טאַטן, דעם העלד...

אַ פּאָעמע — אַ מויער אין פעלד,
אַ רוישיקע שטאָט, ביי אַ ברעג;
שטודיר איך מיין אָרימען טאַטן
אין זוניקע, ליכטיקע טעג...

פאָלק הײלפּערין

פּיסטאַשקעס

גרישע איז אויסגעוואַקסן אין אַ קלײן שטעטל, װעלכע איז געלעגן באַהאַלטן צווישן די קנײטשן פון דער פלאַכער דרום-רוסלענדישער סטעפּ. ער האָט זיך געפילט זײער גוט אַלס אַן אָנגעשטעלטער אין שטעטלשן קאָאָפּעראַטיװ. בשעת די װעלט-מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, איז ער אַלט געװען פערצן יאָר, ערשט פון דער שטעטלשער תּלמוד-תּורה אַרויס, און צוזאַמען מיט אַלע נאַרישקײטן פון דער פריער קינדהײט האָט ער אויך פאַר-געסן דאָס לעבן פון פאַר דער מלחמה. איצט, װען ער איז אַלט געװען שוין איבער נײַנצן, האָט ער קײן בענקענישן נאָך בעסערע צײַטן ניט געהאַט, קײן געװאָוינהײטן צו בעסערע לעבנסבאַדינ-גונגען האָבן זײַן גלײַכגעװיכט ניט געשטערט. דאָס װאָס עס איז איצט געװען, אָט דאָס איז פאַר אים געװען דאָס לעבן, דאָס האָט ער מיט באַפרידיקונג אויפגענומען און צו דעם האָט ער לוסט געהאַט. װען דער שטעטלשער קאָאָפּעראַטיװ האָט געדאַרפט קאָמאַנדירן אַ מענטשן אין דער גובערניאַלער שטאָט װעגן אײנעם אַן ענין, האָט גרישע פאָרגעלײגט, אַז ער װעט פאָרן. די עלטערע אָנגעשטעלטע האָבן סײ-װי ניט געהאַט קײן חשק צו פאָרן: אין אַזױנע צײַטן, אַז מען לאָזט זיך אין װעג אַװעק, איז װער װײס, צי מ׳װועט צוריק קומען. אָבער גרישע האָט קײן אַנדערע צײַטן ניט געקענט, און אויב אַפילו מען װאַרפט פון די שיפן אויפן דניעפּר די ײדישע פּאַסאַזשירן אין טײַך אַרײַן, איז אים פונ-דעסטװעגן קײנמאָל אויפן זינען ניט געקומען, אַז צוליב דעם דאַרף זיך אַ מענטש שוין פאַרמויערן אין קלײנעם שטעטל און די װעלט ניט װעלן אָנזען. גרישע האָט ניט געהאַט קײן מורא פאַר „אַזױנע צײַטן“. מען האָט אים אויסגעריכט אין װעג, און ער האָט אַפילו ניט געטראַכט װעגן ניט צוריקקומען.

דער ענין, צוליב װעלכן גרישע איז געפאָרן, איז באַ-שטאַנען אין דעם, װאָס דער „גובפּראָדקאָם“ האָט צוגעזאָגט אַרויס-

צוגעבן פאַרן שטעטל עטלעכע הונדערט פּאָר קאַלאָשן אויף ווינטער. מען האָט געדאַרפט פאָרן אַרויסבאַקומען און ברענגען עס צופירן.

„פאָרן"—ס'רעדט זיך אַרויס אַזוי לייכט. אויף אַ שיף האָט מען געדאַרפט וואַרטן אַ מעת-לעת, און אַ באַנדע האָט זי אין וועג פאַרהאַלטן און יידן טאַקע געוואָרפן אין וואַסער אַריין. גרישע איז על פּי נס ניצול געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר יידישע בחורים, וועלכע האָבן זיך באַהאַלטן צווישן קאַסטנס אונטער אַ ברעזענט. נאָר גלייך ווי ער איז אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט, האָט ער זיך איינגעאָרדנט אין דער „אָבשטשעזשיטיע" פאַר קאָמאַנדירטע אין האָטעל „דאַגמאַראַ" און איז אַוועק מכּוח דעם ענין. וועגן דער אויסגעמיטענער סכּנה אויפן דאַמפער האָט ער אַפילו ניט געדענקט. ער איז געקומען צום סעקרעטאַר פון „גוב-פּראָדקאָם" — אַ יונגער סטודענט, אויך אַ פּנים אַ ייד, מיט אַ לענגלעכן מאַטן פּנים, מיט אַ לענגלעכער נאָז, מיט לאַנגע שוואַרצע האָר, ניט פיל עלטער פון גרישען, אפשר אַ יאָר 25 אַלט.

— וואָס גוטס וועט איר זאָגן, חבר? — האָט דער סעק-רעטאַר געפרעגט.

גרישע האָט באַוויזן זיינע פּאַפּירן און דערציילט קורץ און בינדיק נאָך וואָס ער איז געקומען. דער סעקרעטאַר האָט גלייך פאַרגעסן אָן דעם אָפיציעלן טאָן, וואָס ער האָט אין אָנהייב גע-נומען און ייִנגלש זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— קאַלאָשן ווילט איר, חבר? — און טאַקע 500 פּאָר? נו, וועגן דעם קאָן איך אייך שוין גאָרניט ניט זאָגן. וועגן קאַלאָשן וועט איר מוזן ריידן מיט טאַראַס פּעטראָוויטשן פּערזענלעך. קאַלאָשן איז אַן איידעלע מאַטעריע.

גרישע האָט ניט גוט פאַרשטאַנען, — אייגנטלעך, לגמרי ניט פאַרשטאַנען, וואָס באַטייט דעם סעקרעטאַרס געלעכטער. נאָר ווען אַ מענטש לאַכט אַזוי פריילעך, איז אים אויך געוואָרן פריי-לעך און אָנגענעם. און ער האָט אויך לאַכנדיק געמאָלדן, אַז אויב מען דאַרף זיך זען מיט טאַראַס פּעטראָוויטשן, איז ער גרייט, כאָטש שוין; וואו זיצט ער, וועט ער צו אים אַריינגיין, ווייל ס'איז אַן עבֿרה די צייט. מ'דאַרף אָפּפטרן דעם עסק

און פאָרן אַ היים. מען וואַרט דאָרט אויף די קאַלאָשן מיט אומגעדולד.

דער סטודענט האָט זיך גאָר אויפסניי פונאַנדערגעלאַכט.

— אָהאָ! סאַר אַ ספּריטנער איר זייט, חבר! שוין, גלייך פאָרן צוריק אַהיים! ניין, איר וועט מוזן אַ ביסל צוואַרטן. טאַראַס פּעטראָוויטש איז היינט זיכער פאַרנומען, צי וועט ער אייך מאָרגן קענען אויפנעמען, איז נאָך אַ פראַגע. ער האָט טויזנט זיצונגען אַ טאָג. איר וועט שוין מוזן האָבן אַ ביסל געדולד. נאָר ס'מאַכט ניט אויס. איר זייט ביי אונז דאָס ערשטע מאָל אין שטאָט? יאָ? נו, וועט איר זיך דערווייל באַקענען מיט דער שטאָט. ס'וועט אייך זיין אינטערעסאַנט. און וועגן די קאַלאָשן קומט אַריין מאָרגן. אפשר וועט זיך איינגעבן צו כאַפּן טאַראַס פּעטראָוויטשן אויף אַ רגע.

וואָס האָט גרישע געקענט מאַכן? פון אַזאַ געשיכטע קאָן מען זיך ניט נעמען צום האַרצן מער ווי פון אַ באַנדע אויף דער שיף. און סיי ווי וואָלט ער ניט געפאָרן צוריק, איידער ער וואָלט גוט באַטראַכט די שטאָט. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן בלאָנדזען איבער די גאַסן.

דאָס זיינען שוין געווען איינמאָל גאַסן. דער קליינשטעטלדיקער בחור האָט נאָך קיינמאָל אַזוינע ברייטע און אַזוינע לאַנגע ניט געזען. אויף די גרויסע געשעפט-לאָקאַלן זיינען געהאַנגען שלעסער, און די קלאַפּטערדיקע וויטרינעס פון דעם דיקן שפּיגל-גלאָז זיינען טאַקע געווען וואו צעשאָסן, וואו פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, וואו פאַרקלעפּט מיט פּלאַקאַטן. אָבער דער פאַרנעם און די הויכע שיינע מויערן, די פּאַלאַצן פון די אַמאָליקע גבירים, פון די אַמאָליקע מלוכה-אַנשטאַלטן — גרישע האָט זיך געפילט, רייסנדיק דעם בליק אין דער הייך צו די אייבערשטע גאָרנס און צו די באַפּוצונגען אויף די געזימסן, אַזוי ווי אַ בלינדער, וואָס איז פּלוצלונג זעעוודיק געוואָרן. ער האָט ניט געוואוסט, צו וואָס פריער צוצוקוקן זיך. און ער האָט אויך ניט געוואוסט, צו וואָס פריער צוצוהערן זיך. דער גערויש אויף די הויפּט-גאַסן, דאָס רעווען פון די אויטאָמאָבילן, דאָס קנאַקן פון די מאָטאָציקלען,

דאָס רודערן פון די לאַסטוועגענער איבערן ברוק, דאָס הודזשען פון די אַעראָפּלאַנען אינדערהייך און סוף כּל סוף דאָס ריידן, דער טומל פון די מענטשן, וואָס באַוועגן זיך אָן אויפהער איבער דער גאַנצער לענג פון דעם זיבן־וויאָרסטיקן פּראָספּעקט אויף ביידע זייטן איבער די ברייטע טראָטואַרן און אינמיטן איבער דער ברייטער אַלייע צווישן די אַקאַציע־בוימער, — גרישען האָט זיך געדאַכט, אַז אין שטאָט קומט פאַר כּסדר אַ דעמאָנסטראַציע, וועלכע דויערט פון פרימאָרגן ביז אין אָוונט אָן איבעררייס. גרישען איז דאָס אַלץ שרעקלעך געפעלן געווען. ער וואָלט זיך שוין די רגע אַוועקגעזעצט דערציילן פאַר די חברים אין שטעטל די אַלע וואונדער, וואָס ער זעט דאָ.

נאָר אַרומיאָגנדיק זיך איבער דער שטאָט אַ פאַרכאַפּטער פון אירע וואונדער, וואָס האָבן זיך אויף יעדן שריט אָפּגעעפנט פאַר זיינע אויגן, האָט גרישע ניט פאַרגעסן אָן דעם ציל, צוליב וועלכן ער איז אַהער געקומען. אויף מאָרגן גאַנץ פרי האָט ער שוין געוואַרט אין קאָרידאָר פון „גובּפּראָדקאָם” הינטער דער טיר פון דעם סעקרעטאַר. ווען עס איז אָנגעקומען זיין ריי אַריינצוגיין, האָט אים דער סעקרעטאַר באַגעגנט מיט אַ געלעכטער:

— אָ, ווי איר איילט זיך, חבר! אָבער מען קאָן גאָר נישט מאַכן. טאַראַס פּעטראָוויטש וועט היינט דעם גאַנצן טאָג זיין פאַרנומען אין „גובּ־ספּאָלקאָם”. סיידן אין אָוונט קאָנט איר אויף אים כאַפּן אַ בליק, אָבער פונדערווייטן — אין טעאַטער, אויפן קאָנ-צערט-מיטינג. ביי אייך קומען פאַר קאָנצערט-מיטינגען? יאָ? נו ס'מאַכט ניט אויס. ביי אונז איז דאָס מסתּמא מיט מער שיק. קומט צו גיין, חבר, ס'איז כּדאַי, זייער כּדאַי. אַריינגאַנג—פריי. קומט באַצייטנס, וועט איר קריגן אַ בעסערן אָרט צו זיצן.

גרישע האָט זיך ווידער אַרומגעדרייט איבער דער שטאָט. ער איז געווען אויפן קאָנצערט־מיטינג אין טעאַטער און האָט פונדערווייטן געזען טאַראַס פּעטראָוויטשן — אַן אַלטער, כמעט שוין אַ גרויער מענטש, מיט לאַנגע אַראָפּגעהאַנגענע וואָנצעס, מיט טיפע קנייטשן אויפן שטערן, מיט אַראָפּגעהאַנגענע זעקלעך אונטער די באַקן. אַן אַלטער טוער פון דער רעוואָלוציע, וואָס

איז אויסגעזעסן אין אַלע רוסישע תּפיסות. יאָרן פון קאַמף און קאַטאָרגע זיינען בײַ אים, דאַכט זיך, געלעגן אָפן אויף דעם פּנים. ער האָט געריידט שטיל. גרישע האָט כּמעט גאָרנישט געהערט, און ס׳האָט אים ניט געאַרט, וואָס ער הערט ניט, ווייל קוקן אויף דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס האַלט אין זיין פּאָרטפעל, וועלכער ליגט פאַר אים אויפן טיש, די גאַנצע גובערניע און אפשר פיל מער ווי די גובערניע, האָט שוין אויך געקלעקט. דערפאַר האָבן אָבער אַנדערע געריידט הויך און קלאָר. גרישע האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ ריידן ניט געהערט. ווי אין טעאַטער־שפּיל. דער גרויסער זאַל איז געווען העל באַלויכטן, געפּאַקט מיט עולם. אַ גרויסער אָרקעסטער, אפשר מער ווי הונדערט מאַן, האָט געשפּילט. און נאָכדעם האָט מען צוזאַמען מיטן אָרקעסטער געזונגען — דער גאַנצער עולם, שטייענדיק. גרישען האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זינגט אַ גאַנצע וועלט. עס איז אים זייער, זייער געפעלן געוואָרן.

נאָך ריידן מיט טאַראַס פּעטראָוויטשן האָט זיך אַלץ ניט איינגעגעבן. דער ענין, צוליב וועלכן גרישע איז געקומען, איז געבליבן שטיין אויף דעם זעלביקן פּונקט, אויף וועלכן ער איז געשטאַנען אין דעם ערשטן טאָג פון זיין קומען. און אַזוי אַ גאַנצע וואָך. גרישע האָט גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין קאָרידאָר פון „גובפּראָדקאָם״ ער האָט שוין געקענט אַלע אָנגעשטעלטע אין פּנים און ביי די נעמען; ער האָט שוין געוואוסט, וואָס אין וועלכן צימער עס ווערט געטאָן. און אַז ער איז שוין געווען באַקאַנט מיט דעם אינעווייניקסטן אינהאַלט פון דעם לאָקאַל, האָט ער זיך פון צעשטרייאונגסוועגן געלאָזן בלאָנדזשען איבערן הויף פון דעם גרויסן בנין. און דאָרט האָט גרישע געפונען פיל מער איידער צעשטרייאונג פון דעם לאַנגווייליקן וואַרטן. דאָרט האָט ער ווי אַ פאַכמאַן פון אַפּראָוויזאַציע געפונען זייער טשעקאַווע זאַכן.

אין הויף זיינען געשטאַנען די שפּייכלערס פון „גובפּראָדקאָם״ מיט כּלערליי פּראָדוקטן און סחורות. ביי גרישען האָבן זיך די אויגן צעפלאַקערט: ווען מען האָט עס דאָרט, ביי אים אין שטעטל, אַ הונדערט־חלק, כאָטש אַ טויזנט־חלק דערפון! ער האָט דעם

געדאַנק אַפּילו ניט געקאָנט דערטראַכטן ביזן סוף, נאָר אַ פּייף געטאָן, מיט דעם געפיל פון אַ מענטשן, וואָס טראַכט: אהאַ, ווען א״ך בין אַ קייסער!

דאָס, וואָס ער האָט געזען, איז געווען באמת גראַנדיעז. מאַגאַזינען ווי פעלדער, פּאַרפאַקטע מיט פערקאַלן, מיט לייוונטן, געוואַנטן, שפּייכלערס פּאַרפאַקטע מיט קאַלאַשן, מיט שיך, מיט פּאַרטיקע קליידער; פּאַליצעס מיט געטריקנטע און גערויכערטע פישן, פליישן, פּרוכט־קאָנסערוון: אוצרות מיט צוקער, טיי, קאַקאַאָ, קאַווע, שאָקאָלאַד. ווער קאָן עס אַלץ אויסרעכענען, וואָס דאָרט האָט זיך געפונען! גרישע האָט געקענט מיט מענטשן ריידן פריינדלעך, קוקן אויף מענטשן מיט פריילעכע אויגן און שמייכלען צו מענטשן גינציק מיט ווייסע געזונטע ציין. מיט אַזעלכע מעלות איז ניט שווער צוצוגיין צו לייטן און ווערן מיט זיי חבר. פאַר דער וואָך, וואָס ער האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט, האָט ער שוין באַקומען אַ פינף זעקס פּאַרשוין נעענטערע באַקאַנטע אין די שפּייכלערס, אַ גרויסע באַהאַוונטקייט אין די מינים און די קוואַנטומס סחורות, וואָס געפינען זיך אין די לאַגערן אויפן הויף פון „גובפּראָדקאָם“ און אין אַנדערע פּונקטן פון שטאָט. אַפילו אין דער קיך פון „גובפּראָדקאָם“־מיטאַרבעטער איז ער שוין געוואָרן גוט־ברודער מיט דער פּאַרוואַל־טערין און מיט די דערלאַנגערינס.

מיט גרישען איז עס פאָרגעקומען, אַזוי ווי מען וואָלט אים דאָ די מאַרך־שייד פונאַנדערגערוקט און ברייטער געמאַכט, — אַזוי ברייט און גרויס איז אים געוואָרן זיין האָריזאָנט פון דעם אַלע־מען, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען און דערוואוסט אַדאַנק זיינע באַקאַנטשאַפטן. דאָרט אין שטעטל צווישן די ענדלאָזע גלייכע סטעפּעס און טיפע באַלקעס האָט ער געמיינט, אַז ס׳איז שוין גאָר פּוסט אויף דער וועלט. די קאָאָפּעראַטיוון מיט פּוסטע פּאָלי־צעס; מער איז אויף זיי ניטאָ, ווי סאָדע צום גרעט וואַשן און קאַווע פון געבערענטע גערשטן. טאָמער פאַלט אַמאָל אַריין אַ פּאָר הונדערט אַרשין סאַרפּינקע, צי אַ טויזנט שפּולקעס באַוול, צי אַ הונדערט פּוד צוקער — איז דאָס אַ געשעעניש, ווי אַ העלפאַנד וואָלט פון די ווייטע וואונדער־לענדער פאַרבלאָנדזשעט אויף די שמאָלע

געסלעך. און דאָ האָט זיך פאַר זיינע אויגן אַנטפּלעקט אַן עשירות. ער איז אַרומגעגאַנגען אין אַזאַ שטימונג, פונקט ווי ער פּערזענ־לעך וואָלט באַקומען אַן אומדערוואַרטע ירושה.

פאַר דער צייט האָט זיך גרישע אַ ביסל באַפריינדעט אויך מיטן סעקרעטאַר, וועלכער האָט אים סוף כּל סוף אַריינגעלאָזן צו טאַראַס פּעטראָוויטשן אין קאַבינעט. דער אַלטער רעוואָלוציאָנער איז געזעסן אין אַ גרויסן ווייכן פאָטעל אַ מידער, מיט אַ פּנים פון ערדקאָליר, מיט האַלבפאַרמאַכטע אויגן, ס'ווייזט אויס חלשנדיק שלאָפן. גרישע האָט שוין געוואוסט, אַז טאַראַס פּעטראָוויטש אַרבעט דורך די נעכט ווי דורך די טעג. ער האָט אויך געוואוסט, אַז ער האָט פאַר זיך אויף יענער זייט טיש דעם גרעסטן און מעכטיקסטן מענטשן אין דער גובערניע. און ער האָט רעפערירט דעם ענין זיינעם מיט פאַרזיכטיקייט אין קול און אין ווערטער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט דעם אַלטן צו פאַרשאַפן ווייטאָג:

— מ'האָט אונזער קאָאָפּעראַטיוו צוגעזאָגט פינף הונדערט פאַר קאָלאָשן. מ'האָט געשריבן אין „גובפּראָדקאָם" צוויי מאָל, דריי מאָל, פיר מאָל. נו, קיין ענטפער איז ניט געווען. איז אָט. מ'האָט אים קאָמאַנדירט. ער זיצט שוין דאָ באַלד צוויי וואָכן... דאָרט וואַרט מען...

טאַראַס פּעטראָוויטש האָט געהערט ווי פון שלאָף, כּמעט מיט פאַרמאַכטע אויגן, און האָט ניט איבערגעריסן.

— עס גייט צו ווינטער. — האָט גרישע ווייטער גערעדט.— אין דער פּראָווינץ הייבן זיך אָן בלאָטעס. אַ פאַרשטענדלעכע זאַך—פּראָווינץ, קיין ברוקן כּמעט ניטאָ, טראָטואַרן אוודאי ניט. און דער עיקר, — מען מוז דאָך עפּעס דער באַפעלקערונג געבן, מען קאָן אַזאַ לאַנגע צייט דעם ראַיאָן ניט איבערלאָזן אָן גאָרנישט. די באַפעלקערונג קומט מיט טענות...

טאַראַס פּעטראָוויטש האָט אַ הייב געטאָן אַ מאַטן בליק און שוואַך אַ שמייכל געטאָן:

— טענות ?! —

גרישע איז רויט געוואָרן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אַריינגעבראַקט אַ נאַרישקייט, הגם ער האָט

ניט פֿאַרשטאַנען, אין וואָס אייגנטלעך די נאַרישקייט באַשטייט. ער האָט זיך געפּרוווט פֿאַרריכטן:

— נו, פֿאַרשטייט זיך, ס׳זיינען ניט וויכטיק די טענות. וועמען גייט אָן, וואָס ווער עס טענהט. אָבער גוט איז עס דאָך ניט. שוין צוויי חדשים, אַז מען האָט דער באַפֿעלקערונג קיין פּעדימל ניט אַרויסגעגעבן; חוץ סאָדע צו גרעט און קאַווע „מאקא״ פֿון גערשטן איז אין קאָאָפּעראַטיוו גאָרנישט ניטאָ. פּוסטע פּאָליצעס.

טאַראַס פּעטראָוויטש האָט ברייטער אויפֿגעעפֿנט די אויגן און גלייכגילטיק אַרויסגעזאָגט:

— מיר האָבן פֿאַר אייך ניט קיין קאַלאָשן.

גרישע איז צעמישט געוואָרן. ער האָט דאָך געוואוסט, אַז קאַלאָשן זיינען פֿאַראַן גאַנצע לאַגערס. און צוגעזאָגט האָט מען דאָך אויך, וואָס זשע איז דאָס? ער האָט פֿאַרזיכטיק אָנגעהויבן:

— איך האָב געזען אין די סקלאַדעס...

טאַראַס פּעטראָוויטש האָט איבערגעריסן.

— יאָ, מיר האָבן קאַלאָשן, אָבער ניט פֿאַר אייך, חבר. איר דאַרפֿט עס דאָרט ביי אייך אין שטעטלשן „פּראָדקאָם״ פֿאַרשטיין. מיר פֿאַרמאָגן אין דער גובערניע איבער פֿופֿציק טויזנט אַרבעטער, חוץ אָנגעשטעלטע. זאָלן מיר די קאַלאָשן אַוועקגעבן די הענדלער און די קולאַקעס פֿון אייער ראַיאָן? דאָס וועלן מיר ניט טאָן. זאָלן שוין אייערע דאָרטן, ווער זיי זיינען, די וואָס האָבן טענות, איינשאַפֿן זיך קאַלאָשן ביי די ספּעקולאַנטן. מסתּמא פֿעלן דאָך ביי אייך קיין ספּעקולאַנטן ניט?

— פֿאַראַן, ווי דען! – האָט זיך גרישע מיט דרך ארץ פֿונאַנדערגעלאַכט. — דער מין פֿעלט גראַדע ניט. וואו מען זייט אים ניט, דאָרט וואַקסט ער. אָבער וואָס זאָלן מיר טאָן? מען שטייט אין קאָאָפּעראַטיוו ביי די פּוסטע פּאָליצעס...

— און אַז פּוסטע, איז וואָס זייט איר, חבר, צעטראָגן? — האָט טאַראַס פּעטראָוויטש געזאָגט, — איר דאַרפֿט פּדיון? וועקסלען צאָלן? אַ גרויסן אומזאַץ מאַכן? איר פֿאַרלירט קונים? אייער קרע־מעלע וועט זיך פֿאַרמאַכן? ניין, חבר, איר דאַרפֿט וויסן, און

זאָגט דאָרט אַלעמען, זיי זאָלן אויך וויסן: מיר זיינען ניט קיין קרעמער. איר פאַרשטייט? מיר האַנדלען ניט, מיר פאַרטיילן.

דער סעקרעטאַר, וואָס איז די גאַנצע צייט פון דעם שמועס געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט ביידע דלאָניעס אויף דעם ראַנד פון טיש, האָט אַ קער געטאָן זיינע אויגן מיטן גאַנצן פּנים צו גרישען:

— און ביי דער פאַרטיילונג נעמען מיר ניט אין אַכט קיינע אַנדערע מאָטיוון אויסער דער רעוואָלוציאָנערער צוועק-מעסיקייט.

גרישע האָט דעם סעקרעטאַרס ווערטער ניט גאָר גענוי פאַרשטאַנען, אָבער טאַראַס פּעטראָוויטשעס ווערטער זיינען דורכגעגאַנגען דורך זיין מוח ווי אַ זייל פייער. ער האָט זיך עפּעס אומבאַוואוסטזיניק אויסגעגלייכט, ווי געשטעלט זיך אויף אַכטונג, און זיין ראָזער שמייכלדיקער פּנים האָט פּלוצלונג באַקומען אַן אויסדרוק פון גרויסער ערנסטקייט. הייסט עס, אַז דאָס, וואָס ער האָט דאָרט אין שטעטלשן קאָאָפּעראַטיוו געטאָן, איז ניט געווען קיין אַרבעט פון אַ פּשוטן קרעמער. ער האָט געטאָן גאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַרבונדן מיט די אויפטוען פון די גרויסע לייט, אַ שטייגער ווי דער-אָ אַלטער מלוכה-מאַן, וואָס אַלע קוקן אויף אים מיט אַזוי פיל אַכטונג. ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען ווי אַזוי קומט דער דאָזיקער מענטש, וואָס האָט געבראָכן קייטן, רעזשימען, אויסגעזעסן אין אַלערליי טורמעס, צו די פּעסער מיט אייל, צו די פּאַליצעס מיט וואורשט, צו די וואַגאָנעס מיט נאַפט, צו די קאַסטנס מיט קאַלאָשן. ביי זיך אין שטעטל האָט ער עס קיינמאָל ניט געהערט. אָט וואו מען ווייס, וואָס און פאַרוואָס מען טוט!

די אוידיענץ ביי טאַראַס פּעטראָוויטש האָט זיך געענדיקט. גרישע איז אַרויס. דער סעקרעטאַר — נאָך אים. דער סעקרעטאַר איז געווען צופרידן ווי אַלע מאָל. ער האָט זיצנדיק שוין ביי זיין אייגענעם טיש געזאָגט צו גרישען:

— אַלזאָ, חבר, קיין קאַלאָשן האָבן מיר פאַר אייך ניט. דאָס איז באַשטימט.

גרישע האָט געשוויגן. דער סעקרעטאַר האָט געמיינט, אַז דער בחור איז צערודערט, וואָס ער האָט באַקומען אַן אָפּזאָג, און ער האָט אים געטרייסט:

— מ'דאַרף ניט זיין פאַרצווייפלט, חבר, אַ צווייטן מאָל וועט זיך אייך אַ „קאָמאַנדיראָווקע" בעסער איינגעבן.

נאָר דאָס האָט ער געהאַט אַ טעות. גרישע איז ניט געווען פאַרצווייפלט, ער איז נאָר געווען אונטער דעם איינדרוק פון די נייע זאַכן, וואָס ער האָט געהערט ביי טאַראַס פּעטראָוויטש אין קאַבינעט. ער האָט געטראַכט, אַז אַזוי פילן זיך ביי דער אַרבעט ווי טאַראַס פּעטראָוויטש זאָגט, קאָן מען נאָר, ווען מען לעבט אין צענטער, ביים קוואַל פון דער מאַכט. אָבער זיין „קאָמאַנדי-ראָווקע" האָט ער לגמרי נאָך ניט געהאַלטן פאַר אומגעלונגען. עס איז רעכט, אַז דער קאָאָפּעראַטיוו זאָל באַקומען עפּעס אַנ-דערש, אויב ניט קאַלאָשן. עס איז נאָר אַ פראַגע וואָס.

— אפשר קאַווע? טיי? — האָט דער סעקרעטאַר פאָרגע-לייגט. — דאָס האָבן מיר גענוג. דאָס קען איך אייך געבן, וויפל איר ווילט.

דאָס האָט גרישען ניט אינטערעסירט.

— קאַווע, — האָט ער געזאָגט, — האָבן מיר אייגענע — „מאקא" פון געבערענטע גערשטן, און טיי „ציילאָן" פון געטריקנטע מערן. סיידן איר האָט עכטע?

— כאַ כאַ כאַ! — האָט דער סעקרעטאַר געלאַכט. — עכטע! וואו האָט איר היינט עכטע? ניטאָ, ברודער. אָבער מיר האָבן אַזוי גוטע טיי, ערשטער סאָרט, און דער עיקר — פרישע. גייט עס?

נאָר ער האָט זיך פלוצלונג א כאַפּ געטאָן און האַסטיק דורכגעפירט מיט די פינף פינגער, פונאַנדערגערוקטע ווי די ציי-נער פון אַ הראַבלע, איבער די פאַטלעס אַרויף-צו:

— אָט אַ אידעע! איך האָב פאַר אייך... הערט, חבר! מיר האָבן די טעג רעקוויזירט אַ וואַגאָן פּיסטאַשקעס. קאָן איך אייער ראַיאָן געבן אַ הונדערט פּוד. וואָס? גוטע פּיסטאַשקעס. איינע אין איינע. הונדערט פּוד. ס'וועט דעם גאַנצן ראַיאָן באַפרידיקן. איך קאָן הייסן שוין די רגע אויסשרייבן פאַר אייך אַן אָרדער. הונ-

דערט פוד פיסטאַשקעס; אפילו הונדערט מיט צוואַנציק פוד, אויב איר וועט זיך איינשפּאַרן. איר פאַרשטייט? גייט עס?

גרישע האָט זיך ניט געדונגען. פאַרטיילונג איז פאַרטיילונג. און אויב עס פאַלט אויס פאַר זיין שטעטל ביי דער פאַרטיילונג פיסטאַשקעס — איז זאָל זיין פיסטאַשקעס. אַזוי פאָדערט די רעוואָלוציאָנערע צוועקמעסיקייט. נאָר מען דאַרף נאָך דערצו עפּעס וואָס פאַר דער ווירטשאַפט. כאטשבי אַ ביסל פאָדעם. ווי מיינט דער חבר סעקרעטאַר?

דער סעקרעטאַר איז איינגעגאַנגען.

*

אין שטעטל האָט מען זיך גענומען גרייטן צו דער פאַרטיילונג.

אַ גלייכער, ווי אַ טישטוך, איז דער באָדן פון שטעטל. די גאַסן גלייך, ווי אונטער אַ שנור, מיט נידעריקע און שמאָלע הייזלעך, מיט בלינדע געפאַרבטע לעדלעך, מיט פאַרהאַקטע געפאַרבטע טויערלעך אויף ביידע זייטן. פון סטעפּ ציען זיך די גאַסן ביזן סאַמע מאַרק, וואָס ליגט אין דער גאַנצער ברייט פון שטעטל ביים ברעג פון דער טיפער באַלקע. דער הימל לאָזט זיך סוף־מאַרק אַראָפּ ווי אַ בלויע וואַנט ביז דער ערד, און דער גרויסער קאָרפּוס שטאָט־קלייטן, וואָס אין צענטער פון מאַרק, שיינט אין אַ זוניקן טאָג, ווי אַן אויסגעמאָלט בילד, צוגעקלאַפּט צו דער הימל־וואַנט. אין איינער פון די קלייטן, — אַ לאָקאַל פון 4 פאַרקראַטעוועטע און פאַרשפּינוועבטע פענסטער מיט צוויי ברייטע אין אייזן געשמידטע טירן, געפינט זיך דער שטאָטישער קאָאָפּעראַטיוו.

זעקס באַגינען האָבן זיך די בירגער און בירגערינס פון שטעטל געפעדערט צו די טירן פון דעם קאָאָפּעראַטיוו. און ביז מען האָט די טירן אויפגעמאַכט, האָט דער „עק” זיך שוין געהאַט צוויי מאָל אַרומגעוויקלט אַרום און אַרום דעם קלייטן־קאָרפּוס. מען האָט אַרויסגעגעבן פּראָדוקטן, וואָס דער „גובפּראָדקאָם” האָט צוגעשיקט: צו פונט פיסטאַשקעס און אַ קלעצל באַוול אויף אַ „פּראָדקאַרטע”. ניין דעם זייגער האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרטיילונג. מיליציאַנטן האָבן געהיט די אָרדע-

נונג, הייזעריק געוואָרן שרייענדיק אויף די שטערער פון דער רו; אַרעסטירט האַרטנעקיגע. ספּריטנע יונגען האָבן פּאַרט באַוויזן פון הינטן אַריבערצוואַנדערן אין דער שפּיץ פון דער ריי. גויעס האָבן ניט פאַרגונען די „זשידאָוקעס". יידן האָבן אויסגע- נוצט באַקאַנטשאַפט און פּראָטעקציע און זיך דורכגעשמוגלט אינעווייניק אַריין דורך דער צווייטער טיר. עס האָט גערעשט.

האַלב צען האָבן פון קאָאָפּעראַטיוו אָנגעהויבן אַרויסצו- גיין בירגער און בירגערינס, דריקנדיק צום האַרצן גרויסע פּאַפּירענע זעק מיט פיסטאַשקעס און אין די הויפּנס — קלעצלעך באַוול. באַלעבאָסטעס האָבן די פּאַדים באַהאַלטן אין די שופלאָדן, און די פיסטאַשקעס האָט מען געקנאַקט.

דריי טעג האָט געדויערט די פּאַרטיילונג, און דריי טעג איז דאָס שטעטל געווען צערודערט. אויפן מאַרק איז מען גע- שטאַנען אין רעדלעך, מען האָט גערעדט און באַרעדט און גע- לאָזן נאָך זיך שאָלעכץ פון פיסטאַשקעס. איבער די שמאָלע שנירלעך פון די גאַסן זיינען קינדער נאָכגעגאַנגען די מאַמעס און געקנאַקט פון די פולע קעשענעס, פּאַרדעקנדיק די טראָטואַרן מיט שאָלעכץ פון פיסטאַשקעס. ביי די טויערן האָבן זיך דינסט- מיידלעך געקליבן, מכבד געווען איינע די אַנדערע און אָנגעשאָטן קופּעס מיט בלייכן שאָלעכץ פון פיסטאַשקעס.

נאָך די דריי טעג האָט זיך דאָס לעבן צוריק באַהאַלטן הינטער די לעדלעך און די טויערלעך. די גויעס אין מאַרק ביי די טישלעך מיט גרינס האָבן געדרעמלט, און די שנירלדיקע גאַסן האָבן געפּוסטעוועט. ווינטלעך פון סטעפּ האָבן זיך אין זיי אַריינגעגנבעט און אַרומגעטריבן די פיסטאַשקענע שאָלעכצער לענג אויס די רינשטאָקעס. יונגע קעצלעך האָבן געמיינט, אַז דאָס ווערט ספּעציעל פּאַר זיי געמאַכט אַ שפּיל, האָבן זיי אויף די שפּרינגעדיקע שאָלעכצער געהויבן סענטימענטאַלע לאַפּקעס און זיך געיאָגט נאָך זיי.

נאָר גרישע איז ביי דעם אַלעמען ניט געווען. ער האָט די פיסטאַשקעס אָפּגעשיקט מיט אַ מענטשן, און אַליין איז ער געבליבן אין דער גרויסער שטאָט.

משה לעווין

שמוליעס שטוב פאָרט אַוועק

מענדע האָט זיך שבת פאַרטאָג אויפגעכאַפּט פון שלאָף צו־ליב אַ קלאַפּעריי פון העק, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון ערגעץ דאָ נאָענט, פון דער אייביק שטילער שטעטעלע. אין די הוילע אונטערוועש, מיט ווייכע שטיקער שלאָף אויף זיין צעקנייטשטן האַרטן פנים און באָרד, איז ער צוגעלאָפן צום פענסטער און אַריינגערוקט אַ פאַרזשמורעטע הייסע אויג אין שפּאַלט פון לאָדן. ער האָט אַ פנים דאָרטן דערזען עפּעס אויסערגעוויינלעכס, וואָרעם אַ שפּרונג טוענדיק צוריק אין דער פינסטערער שטוב, האָט ער זיך ווי אַ משוגענער געדרייט אויף איין אָרט און זעענ־דיק, אַז די ווייב רירט זיך שוין אויפן געלעגער, איז ער צוגע־קראָכן צו איר:

— וואָס זאָגסטו דערצו איטע־דבורה, גוים זיינען געקו־מען... מען רייסט די פענסטער מיט די טירן פון שמוליעס שטוב און מען לייגט אויף אַ פור!

— האַ?.. שמוליעס שטוב? — האָט די ווייב געענטפערט מיט אַ שטים אַ פייכטלעך־צעקראָכענע, וואָס טרינקט זיך נאָך העלפט אין חלום—שלאָף. שלאָף, אַ סוף... שמוליעס שטוב...

נאָר מענדע, ווידער צולויפנדיק צום פענסטער, אַריינ־שפּאַרנדיקביידע אויגן אין שפּאַלט פון לאָדן, מיט אַ שטים אַ קלאָרערע, אַן אויפגעוואַכטע, האָט ניט אָפּגעלאָזן:

— און אויב ס'איז שוין ניט שמוליעס שטוב איז וואָס?! און אויב קולעשעס? דאַרף מען עם לאָזן צעהאַקן? זע ווי זיי שטעכן, זע ווי זיי ברעכן! מ'קען נאָך מאַכן אַ בילבול אויף מיר!...

שמאָלע בלוי־ווייסע פּאַסן פון פאַרטאָג־ליכט האָבן שוין גע־נומען אַריינדרינגען אין שטוב. מענדע האָט גיך געשלעפּט די שטיוול אויף די פיס, זיך פאַרפּאַקט אין בורקע און אָט שטייט ער

שוין אויפן שוועל אין דרויסן מיט אַרויסגעשטופּטע בייז־פּאַר־וואונדערטע אויגן, ווי ביי אַ פיש אויף דער טריקעניש און עס רייסט אים פון אָרט זיך אַ וואָרף צו טאָן אויף עמיצן און שלאָגן.

— העי! וואָס ברעכט איר דאָ די שטוב פּאַרטאָג מיט אַ „גאַראַטשקע״! איר זייט פון זינען אַראָפּ!?

— גיי שלאָפן אַלטער — האָט אים געענטפערט אַן אַרבע־טער, שלעפנדיק אַ טיר אויפן קאָפּ — ס׳איז דען דיין שטוב?

און אַ צווייטער — אַרויסהויבנדיק די פענסטער פון די זאַוויעסעס:

— דער פּאַן קולעשע האָט געהייסן איבערטראָגן די שטוב פון רודאָמין אין טשעקאַן!

— גלופּי סטאַרושעק – זאָגט דער דריטער אַרבעטער, פונאַנדערנעמענדיק דעם קוימען אויפן דאַך.

מענדע האָט טאַקע איצט, אינעם מיט ליכטיקייט צעעפנטן פרימאָרגן, דערקענט קולעשעס מאַיאָנטקאָוון שוואַרצן אָגער, וואָס איז געשטאַנען איינגעשפּאַנט אין אַ רחבותדיקער קאַרע און גע־טופּעט מיט די האָריקע גראָבע פיס – גרייט צו שלעפן שמוליעס שטוב פון רודאָמין אין טשעקאַן...

מענדע האָט אויסגעשנייצט די נאָז מיט כּעס. ער האָט זיך געפילט גוט באַנאַרישט און אויסגעניכטערט סיי פון די ערילימס רייד, סיי פון דער העלקייט און קילקייט פון פרי־לינגדיקן פרימאָרגן: טאַקע צוליב וואָס האָט ער זיך אַרויס־געכאַפּט פּאַרטאָג פון בעט? צוליב קולעשעס שטוב? זאָל מען עס ברעכן!

שוין דוכט זיך מער ווי צוויי וואָכן, אַז שמוליע האָט פאַרקויפט די שטוב און אַוועקגעפאָרן מיט ווייב און קינד קיין ארץ־ישראל. און אים מענדען, דעם ברודער, דוכט זיך אַלץ אויס, אַז ס׳איז ווי געוועז... ווען די שטוב שטייט נאָך לאַנג, וואָלט זיך אים לאַנג אויסגעדוכט, אַז ס׳איז ווי געוועז. דערפאַר — זאָרגט ער אַזוי וועגן איר. אָבער איצט, אַז קולעשע נעמט איר פונאַנדער און פירט

איר אַוועק אין טשעקאַן, פאַרדריסט אים שוין, מענדען, אויף די פריערדיקע געפילן.

ער איז צוריק אַריין אין שטוב. זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט אין די שטיוול און קאַפּאָטע. ס'האָט זיך אים געמישט אין קאָפּ. געוואָלט האָט ער צו עמיצן ריידן און געטשאַטעוועט אויף דער ווייב זי זאָל זיך נאָר אַ ריר טאָן אויפן געלעגער... זי האָט ענדלעך אַ הוסט געטאָן און ער האָט זיך קוים צוגעכאַפּט:

— וואָס זאָגסטו, וואָס זאָגסטו! שמוליע מיין איינציקער ברודער איז אַוועקגעפאָרן און זיין שטוב פאָרט אויך אַוועק... קיין געדעכעניש וועט ניט בלייבן פון זיין פראַצע, פון טאַטנס געלט... אַזאַ שטוב — אַ פּאַלאַץ! און פאַר אַ שיבוש פאַרקויפט און איך דאַרף זיך וואַלגערן אין אַ נוזשניק... עך, רבונו של עולם, סאַראַ צייטן געקומען, ווער האָט זיך עס געקענט ריכטן...

אין משך פון טאָג האָבן די געניטע אַרבעטער באַוויזן פונאַנדערצונעמען די שינדלען פון דאַך, אַרויסרייסן די בעלקעס פון בוידעם, אַזוי לייכט און גיך ווי מיט מאַשינען. די שטוב האָט איצט אויסגעזען ווי אַ הרוג מיט אַ צעעפנט מויל, פונוואַנען מען האָט די ציין אַרויסגעזעצט...

די גאַנצע שטעטל יידן האָט גיך אָפּגעדאַוונט, אָפּגעכאַפּט דעם טשאָלנט און זיך אַרויסגעלאָזן אַרום שטוב באַקוקן און באַריידן דעם ענין, וואָס האָט ביי אַלעמען אויסגעזען אי טשעקאַווע פאַרווילנד, ווי די שטיק פון קונצנמאַכער, אי טרויעריק, האַרב, ווי אַ ביסן אין האַלז: ניט אַהין—ניט אַהער.

איז געשטאַנען אַ גרויסע פיין געבויטע שטוב אויפן העכסטן אָרט אין שטעטל. פיר צימערן מיט אַ קראָם, מיט אַ „זאַל", מיט אַ שטאַל, מיט אַ גאָרטן דערביי.

אין די פינף צימערן האָבן פינף טעכטער ווייס-האָריקע, רויט-בעקלדיקע, אין גרינע קליידלעך, אַרומגעפלאַטערט און זייערע יונגע יאָרן געפיטערט; אַרומגעשוועבט אין יוגנטלעכע חלומות, געפרייט זיך און געליטן מיט די העלדן פון אַדורכגעלייענטע ראָמאַנען און — געטראַכט וועגן ציון.

ס'האָט שמוליע, זייער טאַטע, אַ קליִיט געהאַלטן. פון פאַר-טאָג אָן „אויף די פיס געשטאַנען", צוויי מאָל אַ וואָך אין שטאָט נאָך סחורה געפאָרן און געפירט חשבונות אין קליינע ביכעלעך מיט בלויע טעוועלעך.

און אַ ווייב אַ באַלעבאָסטע האָט ברויט געבאַקן און פוטער געשלאָגן און קעז געקוועטשט.

האָט נאָך אין די גרויסע צימערן אָרט געקלעקט פאַר דער שטעטלשער ביבליאָטעק אַריינצונעמען, פרייטאָג צו נאַכט און שבת — „ליאַמעס" איינצואָרדענען פאַר דער שטעטלשער יוגנט, רעפעראַטלעך האַלטן און דיסקוסיעס פירן אויף ציוניסטישע טעמעס און ענד-לעך — „הוירא" טאַנצן...

האָט עס שמוליען, ווי מען זאָגט, אָפגעגליקט אַוועקצופאָרן אין ארץ-ישראל מיט דער גאַנצער הויזגעזינד, פאַרקויפנדיק פריער די שטוב. קלעקט שוין ניט קיין אָרט אין דער קליינער שטעטעלע פאַר אַ שטיקל קולטור...

דאָס שטעטל — סך הכל אַ פופצן קילאָמעטער פון שטאָט — האָט שוין סיי ווי סיי אַלע יאָר אַרום נאָך יום-טובים-צייט אַרויסגעטרייסלט פון אירע גרין-הילצערנע צעפוילטע הייזקעס, ווי פון לעכערדיקע קעשענעס עטלעכע מיידלעך און יאַטן, וואָס האָבן קוועקזילבער אין די בלוטן געהאַט, און איינגעטיילט דער שטאָט: אַ פאָר צוקונפטיקע נייטאָרינס, אַ פאָר „כויכעס" און עטלעכע סתם אַרבעטסלאָזע. פאַרבלייבן פלעגן דאָ יענע, אין וועמעס אויסגעריבענע טייסטערלעך עס קלינגען נאָך אַ פאָר גילדן אונטערצוהאַלטן „האַנדלס-באַציאונגען" מיט די אַרומיקע דערפער: אַ קעלבל, אַן אַכטל בולבע קויפן, צופוס גייענדיק עס אין שטאָט פאַרהאַנדלען, און אויסשרייבן אַ פּעצעקישע בלאַט.

און אַז ארץ ישראל פלעגט איינמאָל אין אַ יובל באַווייזן איינצושלינגען אַ חלוץ אָדער אַ חלוצה, האָט זיי דאָס גאַנצע שטעטל אַרויסגעפראַוועט מיט געזאַנג אַזש ביזן שטאַטישן וואָקזאַל און מיט... קנאה אויף אַ גאַנץ יאָר — — — — — — — — — — —

די שטוב האָט איצט אַלץ שטאַרקער געקנאַקט אונטער די האַרטע הענט פון די אַרבעטער. פורן זיינען געקומען און אַוועק-

געפֿאָרן, מיטגענומען גאַנצע קוימענס, שטיקער דאַך, בעלקעס, פֿענסטער.

אַלטע יידן און יידענעס האָבן ערשט איצט זיך גענומען יבערדערציילן מיט אַלע פּרטים די געשיכטע פֿון שמוליעס שטוב. וויפֿל פּריצים, וואָס פֿלעגן אויף יאַגד פֿאָרן אין די דערבײַיִקע ווילדע וועלדער, פֿלעגן זיך עס אָפּשטעלן טיי טרינקען בײַ שמוליען, וויפֿל חתונות האָט מען עס אויסגעטאַנצט אויף די פּאָדלאָגעס און וויפֿל אסיפות זײַנען דאָרט פֿאָרגעקומען.

די פּאָר צענדלינג יאָטן און מיידלעך זײַנען איצט געשטאַנען פֿאַררוקט אָן אַ זײַט, און דעם אמת זאָגנדיק: ס׳איז אַלעמען געווען קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן, צוזעענדיק דעם סוף פֿון דעם „זאַל״, פֿון די פֿיר צימערן, וואו פֿינף יונגע מיידלעך, גוטע חברטעס, האָבן אַרומגעפֿלאַטערט...

נאָר משה-אהרן, אַן אַכט און צוואַנציק יעריקער בחור, אַ לאַנגער, אַ בלאַסער ווי קרייט, מיט שפּאַקולן אויף די אויגן, וואָס האָט נאָך מיט דרײַ יאָר צוריק אַדורכגעמאַכט די „הכשרה״ און געווען האָפּערדיק, — אים איז דורכאויס געגאַנגען אין צעטרײַבן די אָנגעצויגענע שטימונג. ער האָט אַ פּאַך געטאָן מיט די גרויסע הענט איבער אַלעמענס קעפּ און אַ געשריי געטאָן:

— היטצאַך, דער הימל פֿאַלט!

— גענוג מיט דײַנע חכמות! — האָט אַ שטאַרק צעטומלטע זיך צעבייזערט די אייביק פֿאַרטראַכטע שושנה — מען האָט עקסמיסירט אונזער קולטור-הויז, איז עס אַ קנאַפּע פֿרייד!

— וואָס קלעמסטו זיך שושנה - זאָגט משה-אהרן פֿעסט— די ביבליאָטעק האָסטו דאָך ביים שמיד און אַ פֿאַרזאַמלונג קען מען שוין באַלד מאַכן אין וואַלד, די זון וואַרעמט אַ מאכל.

— טאַקע, אויף וואָס קוקט מען דאָ און וואָס באַוויינט מען דאָ — זאָגט די יונגיטשקע זעכצניעריקע צילקע — שמוליע בויט איצט אַ בעסערע שטוב אין ארץ!

— אָט צילקען האָב איך האָלט! — שרייט משה-אהרן פֿריילעך, מיט קוראַזש — קום צו מיר, צילקע, כ׳וועל דיר געבן אַ קוש און מיר וועלן צוגיין אויף פּאָסט אָפּנעמען „דאָס וואָרט״.

— חברה, איר גייט?! — רופט צילקע אַלעמען, ניט וועלנדיק, אַז משה־אהרן זאָל מיינען, אַז צוליב אַ גוט וואָרט איז זי שוין זיינע...

די יוגנט האָט זיך געלאָזט אַראָפּ שטעטל. נאָר דעם גאַנצן וועג צו דער פּאָסט האָט זיך עפּעס די שטימונג פאָרט ניט געקלעפּט. משה־אהרן מיט צילקען האָבן געפּרווּווט אַלעמען שלעפּן פאַר די אַראָפּגעלאָזטע נעזער. חברה האָט אָבער אַלץ געטראַכט וועגן דער שטוב. פאַר די אויגן איז געשטאַנען דער לעצטער „באַנקעט" לכבוד שמוליען מיט די מיידלעך פאַרן אָפּפאָר. מען האָט אויסגעטרייסלט אַלע קעשענעס און געמאַכט אַזאַ ליאַמע, אַז ס'איז אַפילו איצט ליב זיך צו דערמאָנען וועגן דעם געשלעג, וואָס איז דאַן אויסגעבראָכן צווישן זעליקן דעם גראָס־מאַניסט און פינקען דעם לינקן פּעצעק... געטאַנצט „הוירא" האָט מען ביז פאַרטאָג און אַוועק אַהיים מיט צעלעכערטע זוילן אויף די איינציקע פּאָר שיך...

מענדע האָט זיך פאַרקליבן אין דער צעוואָרפענער שטוב, סאַמע אונטער די הענט פון די אַרבעטער. דעם שבת האָט ער פאַרבויגן און איז אַריינגעקראָכן צווישן די בערג גרוז, אויפגע־הויבן אַלע ווילע אַ לייסט, אַ קליאַמקע, אַ שטיק שויב, געדרייט עס אין די הענט, געטאַפּט פון אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געוואָלט נאָך אַמאָל דערשפּירן די שטיקער לעבנס פון זיין משפחה, וואָס זיינען אַזוי צעקראָכן געוואָרן. ער איז אַריין אין געוועזענעם „זאַל", דער הימל האָט דאָ אַריינגעקוקט אָנשטאָט דעם פונאַנדערגענומע־נעם דאַך. „אַך, ס'אַרא שרעקלעכע זאַך איז אַ פונאַנדערגענומענע שטוב" — האָט מענדע צו זיך גערעדט. אָט הענגען נאָך אויפן וואַנט די טשוועקעס, אָן וועלכע עס זיינען געווען צוגעטשעפּעט דעם טאַטנס מיט דער מאַמעס פאָרטרעטן. און אָט שטייט נאָך דער אויוון אַ גאַנצער, כאָטש נעם און הייץ אים איין און באַק חלה... מענדע האָט אינסטינקטיוו גענומען שמעקן מיט זיין גראָבן נאָז, ווי ער וואָלט נאָך די ריחות פון די הונדערטער טשאָלנטן געוואָלט דערשנאַפּן. די שטוב האָט זיך נאָך פעסט געהאַלטן, קיין ברעקל טינק האָט זיך ניט געקרישלט. אָ, דער זיידע האָט עס

אַמאָל פעסט געבויט, אויף אײַזערנע פונדאַמענטן—פאַר אייניקלעך׳ פאַר אוראייניקלעך. וועגן פאַרלאָזן די ערד האָט ער אַפּנים ניט געטראַכט.

— היט זיך, אַלטער, דו ווילסט מען זאָל דיך אויך אַוועקפירן אין טשעקאַן!? — האָט זיך צעשריען אַן אַרבעטער, שלעפנדיק אַ בעלקע גלייך אויף מענדען.

מענדע איז אַרויסגעקראָכן פון דער חרובער שטוב, ווישנדיק זיך די אויגן, שנייצנדיק די נאָז און מאַכנדיק מיט די הענט ווי ס׳וואָלט שוין אַלץ אין דרערד אַריין. אַ ביסל האָט ער צו זיך אויך געהאַט: ווען ער פאַרמאָגט כאָטש אַ זעקס הונדערט גילדן, וואָלט שמוליע אַפילו מיט היזק די שטוב אים, מענדען, אָפּגעגעבן, איידער עס זאָל אַריינפאַלן צום פריץ קולעשע. אַ צווייטן פעלער האָט ער, מענדע, אָפּגעטאָן מיט יאָרן צוריק, ווען ער האָט שמוליען פאַר צוויי בהמות אָפּגעגעבן זיין חלק ירושה, זיין האַלבע שטוב... און אַליין זיך געוואַלגערט אין „זעמליאַנקע”.

מענדע איז דאָ געזעסן אין שטעטל אַזוי פאַרפעסטיקט און איינגעוואָרעמט ווי אַ הון אויף אייער. אַ קרעפּטיקער, מיט רונדע ברייטע פלייצעס, מיט רויטע בעקלעך, ווי ביי אַ מיידל און אַ גרויסער שוואַרצער באָרד, ברייט צעלייגט ווי אַ פאַרטוך, האָט ער געהאַט אויפן טאָג חיונה פאַר זיך מיט די דריי יינגלעך זיינע פון די צוויי בהמות, פון גאָרטן און פון „זינגערס” ניימאַשין, אויף וועלכער ער פלעגט נייען פאַר די פויערים משונה-ברייטע הויזן, רובאַכעס און בורקעס פון רויט-בלויען געקעסטלטן געוואַנט. אָט דאָ אין מזרח-זייט, נעבן די צעשויבערטע בלויע ווענדלעך איז דער בית-עולם, וואו דריי דורות עלטערן רוען, און די שטאָט ווילנע, פונוואַנען ס׳האָט זיך אמונה געטראָגן. אין מערב ליגט דאָס שטעטל יאַשון, וואו זיינע קרובים וואוינען, אין צפון — די שטעטל טורגעל, וואו דער ווייבס קרובים וואוינען. האָט מענדע אַזוי געפילט זיין לעבן אַן אָנגעשפאַרטן אָן גאַנצן קיילעכדיקן האָריזאָנט.

איצט האָט ער זיך אָפּגעטראָגן פון שטעטל מיט גיכע טריט. די קלעפּ, וואָס האָבן געהילכט פון דער פונאַנדערגענומענער

שטוב, האָבן אויף אים אַזוי געווירקט, ווי מען וואָלט אים אין האַרצן געבוכטשעט. ער איז אַוועק אין אַ מין ברוגזן שפּאַציר מיטן וועג צום זאַסטיאַנעק קאַטלוווקע, צו איטשע־מוישען דעם שאַפער פרעגן עפּעס וועגן אַ ביסל געהילץ, וועגן אַ קעלבל קויפן, וועגן הויזן אויפנייען און אפשר וועגן גאָרנישט, אַבי גיין!

איז ער געגאַנגען לאַנגזאַם, ניט געפילט ווי זיינע פיס מעסטן אָפּ איין קילאָמעטער נאָכן אַנדערן פון דעם פרילינגדיקן ווייכן צעגאַנגענעם שניי. און דערביי האָט זיך אים עפּעס גע־געדריוועט אין מוח שטיקלעך פּאָליטיק וועגן ציוניזם, ארץ־ישראל... ער האָט זיך איצט געוואָלט קלאָר מאַכן אַזוינס, וואָס איז אים, דוכט זיך, פון שטענדיק אָן געווען קלאָר, נאָר איצט איז עס טייל־ווייז פאַרטונקלט געוואָרן. ארץ־ישראל, ארץ־ישראל — האָט ער געטראַכט—ס׳איז דאָך טאַקע פאַרט אונזער הייליקע לאַנד, איז דאָך דער „לשנה הבאה בירושלים" אונזער האַרציקסטער געבעט, אָבער רבונו של עולם! — שעפּטשעט ער אין דער שטיל — צו איז ניט קיין חילול השם דאָס, וואָס שמוליעס שטוב פּאָלט איצט אַריין אין פרעמדע הענט? אַזויפיל יידישקייט ליגט דאָך אין די ווענט איינגעזאַפּט. אַזויפיל מנינים האָט מען דאָרט געפּראַוועט ביי שבעה זיצן, ביי חתונות, ביי בריתן און בר־מצוות.

אין קאַטלוווקע האָט מענדע קיינעם ניט געטראָפן און עס האָט אים ווייניק געצאַרט. ניט קוקנדיק אויף די פינף קילאָמעטער גאַנג, האָט ער גלייך אַוועקגעבראָדזיעט צוריק, צעשמאָרענדיק דעם קאַשעוואַטן שניי דורך ניט באַטראָטענע סטעזשקעס. פאַר־מאַטערט האָט ער זיך ניט געפילט, ער האָט זיך גאָר געפילט פרייער נאָכן שבתדיקן שפּאַציר.

ער איז געגאַנגען פּאַזע וואַלד, באַטאַפּנדיק די קאַלטע גליטשעווידיקע סאָסנעס. פון צייט צו צייט געענטפערט מיט אַ „דזיען דאָברי" אַ פאַרבייפאָרנדיקן פויער אויף אַ פורל. די לעבלעך פרילינגדיקע זון האָט זיך גערוקט נידעריק צום האָריזאָנט. מענדע האָט געשטעלט גרעסערע טריט — ער זאָל נאָך באַווייזן צו מערב אין שטעטל אָנצוקומען. ער באַדאַרף נאָך אַ גאַרניטער

צושניידן פֿאַרן לֿיעסניק. ער באַדאַרף נאָך היינט די בראָנע אָנ־שאַרפֿן און מאָרגן דורכאַקערן זיין שטיקל ערד. שמוליע מיט זיין שטוב איז טאַקע אַוועקגעפֿאָרן — זאָגט ער צו זיך שמייכלֿענדיק — נאָר איך זיץ און וועל דאָ זיצן!...

אַז ער איז געקומען אין שטעטל, האָבן שוין אַ היפּשע ביסל שטערן אים אַנטקעגן געלֿויכטן פֿון טונקל־גרינלֿעכן הימל. ער האָט גענומען גיין דורך די אַרומיקע פֿעלֿדלֿעך, כּדי גיכער אין קלויז אַ מעריב בציבור אַריינצוכאַפּן. דערזעט ער אָבער, אַז אויפֿן פֿרייען פּלאַץ, וואָס געהערט צום סאָלֿטיס מיכניעוויטש, שטייט פּייסקע הענאַך, דעם סאַדאָווניקס בחור, אָט דער, וואָס האָט היינטיקע וואָך געשריבן תּנאים מיט אַ לֿיפּוווקער מיידל. און מיכניעוויטש, דער סאָלֿטיס, איז דאָ טאַקע אויך פֿאַראַן. ביידע האַלֿטן אין די הענט מעטערס און מען מעסט דעם באָדן און מען איז זיך מישב און מען גיט זיך אַלֿע ווײַלע אַ קראַץ אין די פּאַ־טילֿניצעס. און ביידנס בגדים און די האָר אויף די קעפּ פֿלאַטערן אין ווינט, ווי די בלֿעטער אויף בוימער.

דערזעענדיק מענדען, דעם עלֿטסטן באַלֿעבאָס אין שטעטל, ציט דער סאָלֿטיס די הוט אַפּריער, פּייסקע שרייט אויס אַ פֿריי־לֿעכן: גוט וואָך, מענדע!

— גוט וואָך, פּייסעך! — ענטפֿערט מענדע און פֿרעגט אַזוי זיך זייטיק חוזקנדיק: — וואָס מעסטו עפּעס פֿעלד, פּייסעך?

— איך קלֿייב זיך בויען אַ שטוב, איך קויף דעם פּלאַץ! — זאָגט פּייסקע מיט אַ ייִנגלשן שטאָלֿץ.

— אַ שטוב? אַ נייע שטוב? הם... — שטאָמלט מענדע און קוקט מיט צעטומלטע פֿרעגנדיקע אויגן אויפֿן סאָלֿטיס.

— טאַק, טאַק — זאָגט דער קריסט, וואָס פֿאַרשטייט ייִדיש.

— פֿאַרוואָס בורטשעט איר? — לאַכט פּייסעך — איר פֿאַרגינט מיר ניט, האַ, מענדע?

— איך? פֿאַרגין דיר ניט? וואָס פֿאַלֿט דיר איין! — הויבט מענדע די רונדע פֿולֿע פּלֿייצעס — דו ווייסט, אַז כ׳בין דיינער אַ קרוב, דאַרפֿסט מיר בעטן אויף חתונה אויך... נאָר... אַ שטוב

בויסטו... און איך, זעסטו, טראַכט אַ גאַנצן טאָג פון שמוליעס שטוב, וואָס מען נעמט פונאַנדער.

— העי! מענדע! — שרייט פייסקע פריידיק מיט אַ יונגער קלינגענדיקער שטים, שרייט הויך ווי אָנזאָגנדיק די נייס דעם גאַנצן געגנט — העי! מענדע, זייט ניט קיין נאַר, מיין שטוב וועט זיין אַ בעסערע פאַר שמוליעס, מיט אַ הויכן געמויערטן פונדאַמענט, אויף צוויי פליגלען און אַ ראַדיאָ וועל איך אַריינציען. איר וועט קומען צו מיר הערן ראַדיאָ? האַ, מענדע? — און ער פאַטשט מענדען איבערן פלייצע מיט זיין גרויסער שווע־רער האַנט.

— אַזוי, אַזוי – האָט מענדע אַלץ ווי ניט גלויבנדיק געשטאַמלט – און וואו נעמסטו עס געלט? פון נדן אוודאי, האַ?

— אַ ביסל נדן — זאָגט פייסקע שעמעוודיק — אַ ביסל האָט מען אפגעשפּאָרט, אויסער דעם איז די כּלה׳ס ברודער אויך אַ שותּף...

— גוט, גוט — זאָגט מענדע פעסט – ביסט אַ יונג מיט ביינער קיין עין־הרע. ווי זאָגט מען עס, אַ ביסל יאַנקל און אַ ביסל זרח, אַבי ס׳איז דאָ צוואַרעך. און מען דאַרף ניט אַוועקלויפן פון אַן איינגעזעסענעם אָרט איבער די הרי חושך... בוי זיך, מיין זון, געזונטערהייט! און זאָל זיין מיט הצלחה! אַ גוטע נאַכט!

מענדע איז אַוועק אַ צעטומלטער און ווידער אַמאָל אַ באַ־נאַרישטער: „אָט האָב איך עס אָפּגעזיפצעט היינט אַ טאָג — רעדט ער צו זיך אַליין. — און צוליב וואָס? מיט שטיבער איז אַפּנים די זעלבע מעשה ווי מיט מענטשן: דור הולך ודור בא... אַ שטוב הולך ואַ שטוב באָ״.

ראובן ליכטשטיין

אין פארגיין

פון סאַמע באַגינען שיפט זיך די זון איבער די צימערן פון חיים־יונהס שטוב. זי כאַפּט זיך לכתחילה, באַלד ביים אויפגיין, אַריין אין קיך און לייגט זיך אויס אויף דער ווייס־געקאַכלטער פליטע. אין קיך איז מאָדנע שטיל און סומנע, ווי נאָך אַ טומלדיקער גרויסער חתונה, ווען אַלע געסט צעפאָרן זיך. אויף דער פליטע שטייען אבלדיק פון נעכטן די טעפּ. פליגן קלעפּן צו זיי און פילן אָן די שטילקייט פון דעם צימער מיט אַ זלידנער זשומעניש. אַן אַלטע געלע קאַץ ליגט איינגענורעט אין זיך און שלאָפט צוגעטוליעט צו די טעפּ. מקבל פנים זיין די זון וועקט זיך די קאַץ לאַנגזאַם אויף, טשוכעט זיך פויל־ציענדיק גענעצט און שטעלט זיך „אָפּגיסן נעגל וואַסער". דער גריל פון הינטערן אויוון צעגרילט זיך פלוצלונג בייז־וואָרטשענדיק: „שוין שפעט, שוין שפעט!"

אויפגעוועקט די קיך, גליטשט זיך די זון לענג־אויס דער פּאָדלאָגע, איבער דער געל־געפאַרבטער טיר און גנבעט זיך אַריין אין עסצימער. כריפּיק טיקעט אַן אַלטער פאַרצייטיקער זייגער און דערציילט זיך אַליין אַ שוין לאַנג צוגעגעסענע מעשה. דאָ איז פּוסט, קיל און בית־מדרשדיק, ווי אין אַ קלויז נאָך אַלע דאַווענס. דער צימער איז באַלעבאַטיש גרויס און ברייט, די ווענט, ווייס אָפּגעקאַלכטע, זיינען באַהאַנגען, ווי אין אַ פאָטאָגראַפישער אַטעליע מיט אַ מאַסע פאָטאָגראַפיעס פון זין, טעכטער און אייניקלעך. אין אַ ווינקל, צווישן פענסטער און וואַנט הענגט אויף אַ בלויער סטענגע אַן אַלטע פידל. זי איז פאַרשטויבט, אָפּגעריבן און האָט בלויז דריי סטרונעס.

לאַנג שפּילט זיך דאָ די זון מיט אַ ברעג פאָרהאַנג, שפּיגלט זיך אין אַ פענסטער־פלעק אויף דער פּאָדלאָגע און גיסט אָפּ מיט הייסן ליכט די פאַרשטויבטע פידל. די פידל ווערט פלוצלונג ווי איבערגעצויגן מיט רויטער יונגמיידלשער פאַרשעמטקייט. עס דוכט

זיך: די פידל, — אַ פאַרכשופטע בת־מלכּה, וועט זיך באַלד אויפ־כאַפּן, וועט יונג און ריידעוודיק ווערן. אָבער — דער כּשוף ווירקט ניט. די זון שיפּט זיך ווייטער, צו דער טיר פון שלאָפ־צימער, און שלייכט זיך אַריין דורך דער אָפענער שפּאַרע פאָרזיכטיק, ווי זי וואָלט ניט געוואָלט קיינעם אויפוועקן, און לייגט זיך אויס אויף דער פּאָדלאָגע, ווי אַ געטרייער הונט פאַר דעם באַלעבאָס' פיס.

חיים־יונה און ווייב גיטל זיינען שוין פון לאַנג אויף. חיים־יונה איז בכלל כמעט ניט געשלאָפן די נאַכט, ווי אַ סך נעכט פון דער לעצטער צייט. אַ באַהאַלטענע שווערע קראַנקייט האָט זיך זייט לאַנג באַזעצט אין חיים־יונהס קערפּער און נאָגט פון אים אַרויס דאָס לעצטע ביסל חיות. שווערע איבלענישן דריקן אים כּסדר אונטערן האַרצן, דער קאָפּ שווינדלט און דער קערפּער ווערט אַלץ אָפּגעצערטער און שוואַכער. לאַנגע נעכט דרייט זיך חיים־יונה פון איין זייט אויף דער אַנדערער, אין זיין ניט יונגן קאָפּ גייען דורך הונדערטער געדאַנקען און דערמאָנונגען; ער בעט אויף זיך דעם שלאָף, אָבער אומזיסט.

ערשט אַקעגן טאָג איז היינט באַפאַלן חיים־יונהן אַ דרימל מיט אַ מטורפדיקן חלום.

— — — חיים יונה איז אין וואַלד. פאַרטאָג. קילער, פייכטער ווינטל. ריח פון פעך. פייגל־צוויטשער. קלאַפּן פון העק. פּלוצ־לונג: — טענער פון אַ פידל, זיסע, אומעטיק־פאַרבענקטע טענער. זע! אויף אַ פּיען פון אַ סאָסנע זיצט יואליק, דער עלטסטער זון און פירט אייליק מיטן סמיטשיק איבער די סטרונעס. יואליק! — ער איז שוין זייט עטלעכע יאָר טויט — ווי קומט ער אַהער דאָ אין וואַלד? נאָר זע: אָט זיינען דאָך אַלע קינדער, ווי פון דער ערד אַרויס וואָלטן זיי פּלוצלונג אַרויסגעשפּראָצט. אָט איז עטל, און מיכל און שרה — — — ווי יונג, פריש און גאָרניט אומגעביטן זיי זיינען! חיים־יונה וועט זיי לויפן אַנטקעגן, צודריקן צו זיין האַרץ. אָבער וואו זיינען זיי? די ערד האָט זיי צוריק איינגעשלונגען. די טענער פון פידל קלינגען ווייטער; אָבער — יואל איז שוין אויך ניטאָ! אויף דעם אָרט, וואו ער איז געזעסן, קריכט איצט, פון

דעם אויסגעהוילטן פיען אַרויס, אַ שוואַרץ-גרויע שלאַנג, באַלד נאָך איר—אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פערטע; אין איין רגע — ניט איבערצוציילן שוין. זיי דרייען זיך אַלע און קנוילן זיך צונויף אין אַ גרויסן קנויל מיט אָפענע פיסקלעך און אַרויסגעשטעקטע גיפט-צינגלעך. אַלץ נעענטער און נעענטער דערקנוילן זיי זיך צו אים. איינע, די גרעסטע, שטרעקט אויס צו אים איר גלאַנציק פייכט קעפל און גרייכט באַלד צו זיין האַרץ מיט איר גיפט-צינגל. חיים-יונה שרייט אויס אין טויט-שרעק און רייסט זיך אויף פון דרעמל. גיטל שטייט איבער אים אַ צעשראָקענע און וועקט אים.

חלומות פון אַ שווער געפלאָגט האַרץ.

חיים-יונה איז אַלע זיינע יאָרן אַ בראַקער געוועזן. נאָך יינגלוויז איז ער איינגעזויגן געוואָרן אין וואַלד-לעבן און האָט זיך צוגעבונדן צום וואַלד מיט לייב און לעבן. מיט אַ ליידנשאַפטלעך-שטומער און איינגעשלאָסענער ליבשאַפט האָט חיים-יונה ליב געקראָגן דעם וואַלד. יעדעס ביימעלע, יעדעס גרעזעלע, יעדער קוסט, שוועמל און קאָרטש איז אים היימיש און אייגן געוועזן. אַ שטילע, אין זיך פאַרשלאָסענע און ליידנשאַפטלעך-שטומע נאַטור האָט חיים-יונה געהאַט; אין וואַלד איז ער נאָך פאַרשלאָסענער און שטילער געוואָרן. פון די ברוין-קופערדיקע שטאָלצע און שטיל-נאַגנדיקע סאָסנעס האָט ער דאָס שוויגן געלערנט, דעם וואַלדס סודותדיקייט און פאַרהוילנקייט איינגעזאַפט אין זיך.

וואָכן און חדשים פלעגט חיים-יונה לעבן אין וואַלד, ווייט און אָפגעזונדערט פון מענטשן, ביים שומר אין שטיבל. און ווען ער פלעגט אַמאָל קומען אַהיים אויף אַ שבת אָדער יום-טוב, פלעגט ער מיטברענגען מיט זיך דעם טערפקן זויניקן ריח פון פעך און סאָסנע-נאָדלען און דעם סוד פון וואַלד. אַ הויכער, אַ ברייט-פלייציקער, קופערן אָפגעברענט פון זון און ווינט פלעגט חיים-יונה מיט אַ פאַמעלעכדיקן, עטוואָס וואַקלדיקן פון ניט צו-געוויינטקייט צו די ברוקשטיינער טראָט אומגיין איבערן שטעטל, ווי אַן אַרויסגעריסענע שטאָלצע סאָסנע. אין שטעטל האָט מען

חיים־יונהן געשעצט אַלס „שטילן באַלעבאָס", וואָס מישט זיך ניט אין קהלשע געשעפטן, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זיי שאָקירט זיין ניט יידישלעכער אויפפיר, זיין פאַרשלאָסנקייט. זיין שטוב — אַ גרויסע, פריצישע — האָט ער מעשה גוי מיט אַ שיינעם פאַרקאַנדל אַרומגעצאַמט, אַ גערטנדל מיטביימלעך און בלומען פאַרפלאַנצט.

עס זיינען אַריבער יאָרן און יאָרן. עס זיינען געקומען איינע נאָך די אַנדערע אַכט קינדער: צוויי זין און זעקס טעכ־טער. די קינדער האָבן זיך געהאָדעוועט אַליין אונטער גיטלס השגחה. אַ גאַנצע וואָך אין וואַלד, אַ מאָל גאַנצע חדשים, זיינען די קינדער חיים־יונהן דורך דער הייסער בענקשאַפט צו דער היים געוואָרן שטאַרק איינגעקריצט אין האַרצן. די קינדער זיינען אויסגעוואקסן שיינע און גראָטענע. חיים־יונהס שטוב איז פול געוואָרן מיט יונגן רוישיקן לעבן. פון די פענסטער פלעגן זיך טראָגן געלעכטערס, געזאַנגען, פידל־שפיל. די שטוב איז געוואָרן דער לאָקאַל פאַר דער באַלעבאַטישער שטעטלשער יוגנט. אין זומער־נעכט איז דער גאַנעק פול געווען מיט זשאַסמין־און מאַטשייקע־ריח און ווייס און ראָז פון מיידל־קליידער האָט געפלאַטערט אַנטקעגן לבנה־ליכט; די פרישקייט פון יונגמיידלשע קערפערס האָט געשוועבט אין דער לופט און געצויגן אַהער די שטעטלשע בחורים. פאַרבענקטע, אויסגעצויגענע קופּאַלי־לי־דער פלעגן שווימען ווייט איבערן שטעטל ביז שפּעט, שפּעט אין די נעכט...

און ס'זיינען אַריבער נאָך און נאָך יאָרן. די קינדער זיינען גרויסע געוואָרן, גענומען זוכן תּכליתים. דערווייל האָט חיים־יונה פאַרלאָרן די שטעלע אין וואַלד. די וועלדער זיינען אַריבער צו דער מלוכה און אַ ייד איז דאָרט געוואָרן איבעריק. עס זיי־נען געקומען שווערע ביטערע קריזיס־יאָרן. אין שטעטל איז ענג און חושך געוואָרן. און חיים־יונהס קינדער האָבן איינציק־ווייז גענומען עמיגרירן, זיך צעשפּרייטן איבער דער וועלט...

גרויסער טאָג. לעבן חיים־יונהס בעט ליגט אויסגעלייגט די זון ווי אַ געטרייער הונט. חיים־יונה זיפצט אין דער שטיל.

זײַן געמיט איז נאָך איבערפֿולט מיט פּחד און שרעקלעכע אַנונגען. אונטערן האַרצן קלעמט מיט אַ נאָגנדיקן איבלדיקן ווײ־טאָג. נאָך אַ טאָג איז געבוירן געוואָרן, אַ לאַנגער זומער־טאָג, און חיים־יונה ווייס לחלוטין ניט צו וואָס. די טעג זײַנען אים אַזוי איבעריק, ווי אַ שווערע משא, און פּוסטע, אַזעלכע פּוסטע, אָן אַ שום באַשעפטיקונג, אָן אַ שום דערוואַרטונג.

אָט וועט חיים־יונה זיך אָנטאָן, זיך וואַשן און אָפּדאַווענען. גיטל פּאָרעט זיך שוין אין קיך, מאַכט אָנבײַסן; וועט חיים־יונה עפּעס נעמען אין מויל. און דער טאָג וועט נאָך אַלץ שטיין אויף איין אָרט. וועט אפשר היינט אַ בריוו־טרעגער קומען, פֿון עמיצן פֿון די קינדער אַ בריוו ברענגען? חיים־יונה וועט זיך אַרומדרייען אין עס־צימער לאַנגע שעהן. אין עסצימער אויף די ווענט איז אויסגעשפּרייט חיים־יונהס משפּחה־בוך, דאָס בוך פֿון זײַן לעבן. חיים־יונה קען לייענען קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל.

קאַפּיטל יואל. אַ געראָטענער יונג געווען, אָן אויסטויגער, אַ פּעאיקער און — איין שטיק אומרו, אַ קוועקזילבער. ניט לערנען, ניט אַ מלאכה. אַ שטיקל צייט געווען אין וואַלד, נמאס געוואָרן, געקומען אין שטוב און זיך אָפּגעגעבן דעם פּוסט-און-פּאַס לעבן פֿון אַ באַלעבאַטיש זון. יואל האָט זײַן צייט פֿאַרטריבן מיט אָן אַ שיעור „באַשעפטיקונגען”: פֿידל, שאָך, פֿוטבאָל, קאָרטן, פֿערד־רייטן, וועלאָסיפּעד־פֿאָרן. און צו דעם אַלעם האָט ער זיך איבער־געגעבן מיט דער הייסטסטער ליידנשאַפֿט, מיטן גרעסטן אַזאַרט, ביז ער האָט זיך אַליין פֿאַרצערט, אויסגעליידיקט, געבליבן אַן אָפּגעלעבטער אַלטער שטעטלשער בחור, אַן אַפּאַטיש-שטילער און רעזיגנירטער. וואָס איז אים נאָך געבליבן צו טאָן? האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ באַלעבאַטישער טאָכטער, אַ קראָם זיך גע־עפֿנט. און אפשר, ווער ווייס, וואָלט נאָך חיים-יונה אָן אים נחת דערלעבט, איז געקומען אין אַ יאָר אַרום דער טויט, אַזאַ אומזיניק־פּלוצלונגדיקער און פֿאַרענדיקט יואלס וועג אויפֿן שטעטלשן זאַמ־דיקן בית-עלמין... געבליבן אַ זכר נאָך יואלן — די פֿידל; שוין פֿון אַ צייט אַ ניט באַנוצטע, מיט דריי סטרונעס, הענגט זי אויף אַ בלויער סטענגע אין ווינקל צווישן פֿענסטער און וואַנט —

אַ פידל אָן אָבל. אין לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט הערט אַמאָל חיים-יונה אַזוי דייטלעך ווי די פידל גיט אַרויס אַן אומעטיק-באַנגיקע מעלאָדיע.

און אָט איז דער צווייטער קאַפּיטל — עטל. אָט זיינען די פאָטאָגראַפיעס פון איר אויף דער וואַנט. אַ שלאַנקע, יונגע שוואַרצאויגיקע מיידל אין אַ כאַכאָלישן פויערטעס-קאָסטיום מיט שוואַרצע צעלאָזטע האָר. עטל — די גראָטענע, שטילע טאָכטער חיים-יונהס. איז דען ניט געווען געגרייט פאַר איר אַ שטוב מיט באַלעבאַטישקייט און אַ טאָפּ מיט נחת אין חיים-יונהס הויז? און געשען איז גאָר אַנדערש, געשען עפּעס, ווי אין אַ צייטונגס-ראָמאַן. אַ מעשה מיט אַ וואַלד-אַספּיראַנט, אַ יונגן שייגעץ, וואָס האָט דער שטילער עטל פאַרדרייט דעם קאָפּ און אָנגעצונדן אַ פלאַם אין איר לאַנג-געצאַמטן בלוט. אַ מעשה מיט אַנטלויפן צום אַספּיראַנט אין וואַלד. אָ, ס'איז געווען געגוג! לייטישע צינגער, פינגער-טייטלעניש, געוויינען, תּחנונים, סקאַנדאַלן...

און געענדיקט האָט זיך די מעשה, ווי געוויינלעך עס ענדיקן זיך אַזעלכע מעשהס. אין אַ גרויען פרימאָרגן האָט זיך עטל אויפגעכאַפּט אינעם וואַלד-שטיבל און איר „וואַלד-גאָט" ניט געטראָפן. עטל איז געקומען צוריק אַהיים — אַ בערגל אַש. האָט איר אָבער גליק געשפּילט: אַ בחור, אַ שניידער פון נידעריקן גראַד, וואָס האָט פון לאַנג אירע טריט געהיט, האָט איר צוגעדעקט דעם קאָפּ און מיטגענומען קיין ארץ ישראל.

און אָט איז דער עפּילאָג אויף אַ פּאָר פאָטאָגראַפיעס:
1. אַ ברייטע, פולע פויערטע-קאָלאָניסטין זיצט און מעלקט אַ קו;
2. אַ קיילעכדיקע געפּאַקטע יידענע מיט אַ ברייט-צעגאָסענעם שמייכל; איין קינד אויף די הענט, צוויי מיידעלעך שלעפּן זי פון ביידע זייטן פאַר דער קלייד.

אָדער גאָר קאַפּיטל מיכל. אָט דער מיכל, דער קלוגער פעאיקער מיטלסטער זון. אים האָט חיים-יונה געשיקט אין שטאָט אַריין לערנען. וועט פון אים אַ דאָקטאָר אויסוואַקסן, אַן אינזשיניער. איז אָבער די סדרה געגאַנגען אַנדערש: אַרעסטן. רעוויזיעס. פּראָצעסן. תּפיסה. אַנטלויפן. ווידער תּפיסה, לאַנגיאָריקע. און — — —

געבליבן אַ פאָטאָגראַפיע, הענגט זי אויף דער וואַנט. אַ יונגער בחור אין אַ גרויער בלוזע, פאַרקאַשערטע אַרבל; אַ היטעלע וואוילעריש פאַררוקט אויף אַ זייט, אויגן — לאַכעדיקע, אַרויס-רופערישע — אַ מאַשיניסט אין אַ ווייטער שטאָט אויף אוראַל...

געוווען נאָך פינף טעכטער ביי חיים-יונהן, געראָטענע, שיינע טעכטער. זייער וועג — אַ טייל, ווי עטלס; אַ טייל — אין מיכלס דרכים געגאַנגען. זעקס טעכטער. איטלעכע — אַ ראָמאַן פאַר זיך. ערשטע מיידלשע צאַפּלעניש, אַנקוועלונג פון יונגפרויאישקייט. דערוואַכונג. האָפענונגען. שכרות-רויש. ליידן. אַנטוישונגען. רע-זיגנאַציע. און ווידער אַלץ — פון אָנהויב, אין אַ קרייז.

און איצט זיינען זיי אַלע — פאָטאָגראַפיעס, בלויז פאָטאָגראַ-פיעס. פאַסמעס ווייסע האָר אין גיטלס גרויען קאָפּ, טיפע קנייטשן אויף חיים-יונהס שטערן. אַוועקגעפאָרן די לעצטע טאָכטער, אין שטוב — אַ בית הקברות. חיים-יונה און גיטל דרייען זיך אַרום איבער דער גרויסער שטוב, ווי פאַרגעסענע. עס שרעקט זיי די אומהיימלעכע שטילקייט, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט לאַנג-פאַר-שוואונדענע קולות, עס דריקט זיי די פוסטקייט פון די גרוימע צימערן. איין איינציקער געדאַנק טאָטשעט, ווי אַ וואָרעם אין מוח: „געבליבן אַליין, אויף דער עלטער אין גאַנצן אַליין".

חיים-יונה האָט געלערנט אַ מאָל אין חדר, קומט אים איצט כסדר אויפן זינען די מעשה מיט איובן און עס באַמבלען זיך כסדר די ווערטער אין זיין מידן קאָפּ:

— — — און ס'איז געקומען דער אַנטרונענער און געזאָגט: דיינע זין און טעכטער זיינען געזעסן אויף אַ מאָלצייט און ס'איז געקומען אַ שטורעמווינט און האָט איבערגעקערט די שטוב און זיי צעזייט אויף אַלע עקן וועלט — — —

אין שלאָפלאָזע נעכט קרעכצן די הילצערנע אַלטע בעטן אונטער דער משא פון זכרונות און בילדער פון די קינדער, וואָס פילן אויס די קעפּ פון די אַלטע לייט. גיטל דרייט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער; זי חשבונט אין געדאַנק די איינציקלעך אירע, לערנט זיך אָנרופן זיי ביי די נעמען: שווערע פרעמדע נעמען... דערהערט אַמאָל גיטל, ווי אין דעם ווייטלעכן צימער

פון די קינדער איז עפּעס אַ גרויסער געוויש, קומט איר אויס מאָדנע: אַזוי שפּעט, און זיי זײַנען נאָך ניט געגאַנגען שלאָפֿן! איז חלילה ניט אַן אומגליק געשען? — — —

אַ פֿאַרשעמטע און צעטומלטע קערט זיך גיכל אום פון די פּוסטע צימערן.

עס ענטפֿערט אויף איר זיפֿץ אַ סקריפּ פֿון דער אַנטקעגנדיקער בעט און חיים־יונהס אַ שטילער „וואָס איז״?

די זון האָט זיך אַרויפֿגעדראַפּעט אויף חיים־יונהס בעט, זיך אויסגעלייגט ווי אַ קאַץ אויף דער קאָלדרע און אָפּגעגאָסן חיים־יונהס פּנים מיט העלער ליכט. איצט זעט מען: פֿון דער ווייסער קישן בולט זיך אַרויס אַ טיף־געקנייטשטער בלאַסער שטערן, אייַנגעזונקענע, מוטנע אויגן; באַקן אייַנגעפֿאַלענע און אַ שמאָלע אויסגעצויגענע נאָז — אַ מאַסקע פֿון דעם געוועזענעם חיים־יונהן.

ניטאָ קיין ברירה: נאָך אַ טאָג אַן איבעריקער און מאָוימדיק־לאַנגער איז חיים־יונהן געגעבן געוואָרן. צו וואָס? נאָך וואָס?...

אַ קאַלכאויוון — דער יולי־טאָג. ער איז שוין זיך אַליין דערעסן, דער טאָג, נאָך צענדליקער דושנע און הייסע טעג. מבולס ליכט, מבולס היץ און בלענדנדיקע ווייסקייט, און די זון איז מיד און לאַנגווייליק און סתּם אַזוי גיסט זי מיט שייַן און היץ, אָט אַזוי ווי אַ קראַן, וואָס מען האָט פֿאַרגעסן צו פֿאַרדרייען, גיסט נאָך אַלץ מיט וואַסער־שטראָמען און קיין כּלי שטייט שוין לאַנג ניט אונטער אים.

אין שטעטל איז דער טאָג שטויביק־מעליק און מאָדנע ווייס. הייזער האָבן זיך אויסגעלייגט, ווי פֿוילע קעץ, אַנטקעגן דער זון צו וואַרעמען זייערע קנאָכיקע גלידער און רעוומאַטישע דעכער. ס'האָט ווער די גאַסן אויסגעקערט, ווי מען קערט אויס ליידיקע קעשענעס, פֿון יעדן לעבנס־געוויש און באַוועגונג. עס טרעפֿט נאָר: אַ הונט מיט אַן אַרויסגעשטרעקטער צונג זיגזאַגט דורך די גאַס. אַ קאַץ, וואָס ליגט אויף אַ גאַנעק דערשרעקט זיך און שפּרינגט אַרויף אויף אַ פּאַרקאַן. און גאָר. אין דער טויטער שטילקייט הערט מען, ווי די לופֿט ציטערט אין גליענדיקער היץ

און ווי אַמאָל רײַסט איבער די שטילקייט אַ באַמעליקטער קרעמער לעבן זיין פוסטער קרעמל מיט אַ פאַרשלאָפן - גע-נעצדיק קול:

— אַ חמימה היינט!

— אַ חמימה!

וואַרפן קרעמער איינער צום אַנדערן די „נייס".

ברוכן יאָגט היינט פון שטעטל ווי מיט אייזערנע בייטשן. ברוך געפינט זיך היינט קיין אָרט ניט. די זון גייט אים נאָך אומעטום און צינדט מיט בענקשאַפט און מיט גליִיִקן אומרו זיין בלוט.

ברוכס וואַנדלענדיקע טעג אין שטעטל. ברוך איז מיט עטלעכע טעג צוריק געקומען אַהער נאָך פופצן יאָר זיין אין דער וועלט. ער איז שוין גאָר ניט יונג, ברוך, אַ העלפט לעבן איז הינטער אים, אָט אזוי ווי דער מיטנזומערדיקער יולי-טאָג. ברוכס וועג — דער וועג פון אַ יידישן שטעטלדיקן אינטעליגענט פון נאָך דער מלחמה. טרוימען. אומצופרידנקייט מיטן שטעטל. דראַנג צו דער וועלט. ברענענדיקער אומרו. ליידיקע טעג. וואַנדלענדיקע לבנה-נעכט ביזן ווייסן טאָג. ביכער-שלינגעניש. האַרץ-אויסגוסן אין לידער. קאַמף מיט פרומע עלטערן. קאַמף מיטן אַלטן דור אין שטעטל. פאַנאַטישער ברען אין קולטור-אַרבעט: ביבליאָטעקן, שול, אָוונט-קורסן. אַזוי ביז צוואַנציק יאָר. זיך אַרויסגעריסן לסוף אין דער וועלט, צוגעפאַלן צו די קוואַלן פון חכמה. אַנטטוישונגען. זוכענישן. ווייטער אַנטטוישונגען. קאַמף. אויסלאַנד. און — אָט אַ גאַסט נאָך פופצן יאָר ניט זיין.

איצט איז ברוך אַ שרייבער, אַ יונגער שרייבער, איינער צווישן הונדערטער. ער איז שוין ביי זיך גאָר ניט געהויבן, ברוך. ער ווייס: צו זיין נאָמען וועלן שוין קריטיקער און לעקסיקאָן-מחברים מער גאָרניט צוקלעפן, ווי „באַקאַנטער שרייבער". זיין טרוים פון גרויסקייט ליגט באַגראָבן אין דעם זכרונות-אַש פון זיין יוגנט אין אָט דעם שטעטל. זיין טרוים שלאָפט דאָ מיטן אייביקן שלאָף אַזוי ווי עס רוען אויפן בית הקברות זיינע עלטערן, וואָס זיינען מיט עטלעכע יאָר צוריק אַוועק פון דער וועלט. פון

ברוכס משפּחה איז דאָ בלויז פאַרבליבן אַ ייִנגערע שוועסטער, וואָס האָט שוין לאַנג חתונה געהאט און ניאַנטשעט זיך מיט קינדער.

האַלבטאָג. ברוך איז איצט איין שטיק צעכוואַליעטער אומרו. אין זיין בלוט זשומעט און רוישט, ווי קאָמאַרן וואָלטן דאָרט אומגעפלויגן. זיינע טעג דאָ אין שטעטל זיינען וואַגאָנעס אָפּגע־שפּילעטע אין מיטן לויף פון צוג; האָבן זיי זיך ערגעץ אויף אַ בלינדער ליניע אַראָפּגעשלאָגן. טעג — אַראָפּגעשאָטענע פּאַטשערקעס פון אַ שנור. עקזיסטענץ מיט גאָרניט פאַרבונדן, אָן אַ פאַרוואָס און צוליב וואָס.

זון און זון, און הייסער שימער, און בלענדנדיקע ווייסקייט וואָס זאָל ברוך טאָן מיט אַזויפיל ליכט? וואו זאָל ער אַהינטאָן אָט דעם שפע לעבן, וואָס צאַפּלט זיך הייס און צייטיק און בעט זיך צו געניסן? ברוכס הענט און פיס הענגען שלאַבעריק אַראָפּ, ווי איבעריקע. זיינע גלידער זיינען שווער, ווי אָנגעגאָסן מיט בליי און שלאָף. זיין גומען איז פאַרשרפעט און אין גאַנצן איז ברוך איצט אַ שטיקל בלינדער נאַקעטער לעבן, וואָס צאַפּלט זיך און באַוועגט זיך אָן אַ ריכטונג, אָן אַ ציל.

עמיצער רופט ברוכן אָן ביים נאָמען. אַך, דאָס איז נח. נח שפּאַנט צו אים אַן איבערגעוואַקסענער, אַ מגושמדיקער מיט אַ פּויעריש־אָפּגעברענטן פּנים.

— וואָס מאַכט... סטו... איר?

דערלאַנגט אים נח אַן אויסגעפּראַצעוועטע האַנט. נח איז דער איינציק פאַרבליבענער פון ברוכס חברים אין שטעטל. נחן האָט ניט געדינט דער מזל אַרויסצורייסן זיך אין דער וועלט סטאַרטשעט ער דאָ, ווי אַ לעצטער צאָן אין מויל פון אַ זקנה., אַ שטילער, פּראָסטער בחור פון אַן אָרעמער אַלמנה. נח—יוחנן וואַסערטרעגער. עס איז דאָ אַ נייע תורה, נייע לומדים און נח איז משמש די נייע תלמידי חכמים. געזונטע הענט אויף צו בויען, אויף צו שלאָגן זיך ווען מען מוז; פיס אויף צו גיין אַ גאַנג, פּלייצעס אויף צו טראָגן שווערע משאות — אַלץ פאַר דער נייער קולטור, וואָס נח־יוחנן וואַסערטרעגער דערשמעקט זי בלויז מיטן חוש הריח.

יאָ, נח האָט זיך פאַרהאַקט: ניט געקענט זאָגן ברוכן „דו". אַמאָל איז עפּעס גאָר אַנדערש געווען. אַמאָל זיינען נח און ברוך געגאַנגען אין בלאָטעס, אונטער רעגנס איבערן שטעטל צו קלייבן געלט אויף עפּענען אַ שול, אַמאָל האָבן זיי ניט איין מאָל גע־טראָגן די ביבליאָטעק (די שאַפע מיט ביכער) פון איין דירה אין דער אַנדערער. אַמאָל האָבן זיי געראַמט אַ שטאַל, געשלעפּט קלעצער און ברעטער, געבויט אַ בינע און בענק, און דערנאָך אַליין טאַקע געשפּילט אין דער ליבהאָבער־פאָרשטעלונג. אַמאָל האָבן זיי זיך האַנט־ביי־האַנט געשלאָגן מיט די פינסטערע יידן, וואָס זיינען געקומען חרוב מאַכן זייער ביבליאָטעק. זיי האָבן דאַן ניט גערעדט קיין סך; וויפיל ליבשאַפט איז אָבער געווען אין זייער שווייגן!

ברוכס שמועס מיט נחן:

— הייס?

— הייס, יע.

— וואָס טוסטו היינט, נח?

אַ ווייז מיט דער האַנט צום באַנפלאַץ. דאָרט שטייען עטלעכע האַלב־נאַקעטע שקצים און לאָדן אָן אַ וואַגאָן האָלץ.

— וואָס הערט זיך אין שטעטל? אומעטיק, האַ?

— אומעטיק.

— און די שול האָט די מאַכט געשלאָסן?

— געשלאָסן.

— און די ביבליאָטעק?

— פאַרמאַכט... מען לייענט ניט.

— זאָג נאָר, נח, חיים איז אַוועקגעפאָרן קיין קאַנאַדע?

— יע, קיין קאַנאַדע.

— און צאַלקע גאָר קיין ארץ ישראל?

— יע.

— זע נאָר: דבורהל איז אין ראַטנפאַרבאַנד; און ניסן האָט גאָר געטאָן אַ שטאַרב אַוועק. אַזוי פּלוצלונג!

— ניסן... יע... אַ, ניסן...

— איז שוין קיינער פון אונזעריקע ניטאָ?

— קיינער ניט... — „חוץ איך״ האָט נח ניט געקענט אַרויסריידן.

— און וואָס טוט די יוגנט?

— שפּילט אין קאָרטן, טאַנצט. ס'איז דאָ אַ בית״ר.

— אַ שיינער תּכלית געוואָרן פון אַלץ, האַ?

— אַ תּכלית... יע...

ניין, זיי האָבן אויך געקענט אַנדערש ריידן. נח — ער האָט דאָך געקענט דערציילן, ווי שווער עס לעבט זיך אים איינעם אַליין, דעם לעצטן מאָהיקאַנער, ווי עס פרעסט די בענקעניש זיין האַרץ צום אַמאָל, צו די חברים. און נאָך: אַז ער האָט זיך אויך געוואָלט אַרויסרייסן, ער קען ניט מער, האָט אים זיין לעבן פאַרפלאָנטערט מיט אַ קראַנקער מאַמען און אַן עלטערער שוועסטער, וועלכע ער דאַרף אויסהאַלטן.

און וועגן אים, וועגן ברוכן, האָט נח אויך עפּעס געהאַט צו זאָגן. אַז ער האָט אים נאָך אַזוי ליב ווי אַמאָל; אַז ער האָט פאַר די לעצטע עטלעכע אָפּגעשפּאָרטע גילדנס אײַנגעקויפט אַלע זיינע, ברוכס, ביכער און ער לייענט זיי שוין צום וויפלטן מאָל פאַרן שלאָפן פון אַ קליינעם נאַפט-לעמפּל, ביים אַקאָמפּאַנימענט פון דער מאַמעס יאַדעשליווע הוסטן.

און ברוך? — ברוך האָט געקענט גאָר פּראָסט-פּשוט אָננעמען נחס גרויסע, שאָרסטקע האָרעפּאַשנע האַנט, זי שטאַרק-שטאַרק דריקן:

— נח, נח! איך קען דיין צער און איך טראָג אים אין מיין האַרצן ווי דעם צער פון אַן אייגענעם ברודער. עס טרעפט אַמאָל, אַז אין דעם שרייאיקן ליכט פון גרויסשטאָטישע רעקלאַמעס, אין דעם צעהוליעטן שיין פון קאַפעען טויכט פּלוצלונג אויף דאָס שטעטעלע איינגעהילט אין פינסטערניש, פאַרכליופּעט פון רעגן, און גייט מיר נאָך, ווי אַ זלידנער הונט. און דיין געשטאַלט, נח, שטעלט זיך אַוועק אין מיט פון וועלט-רעש אַ געטרייע, שטילע און בעטנדיקע.

— נח, געבענטשט זאָל זיין דיין צער דער שטומער, גרויסער און עכטער, עס איז נאָך דאָ אַ צוקונפט פאַר אים-

אַ נייער גילגול פון נח—יוחנן וואַסערטרעגער וועט קומען, און דער צער דיינער, דער שטומער און אומבאַהאָלפענער, וועט זיך אָנצינדן ווי אַ וועלט-שׂרפה. וועט ריידעווודיק ווערן און נייע וועלטן באַשאַפן. דו רייסט זיך אין דער וועלט, נח, זע, אָט קום איך פון איר, און איך זאָג דיר: די וועלט איז פאַלש, רשעותדיק און געמיין, און דו, נח, ביסט אַ שטיק מענטשלעכע אומשולד, צניעות און עכטקייט. בלייב וואָס דו בינסט, איינער פון ל״ו פאַר דעם קיום פון מענטשן-מין.

יאָ, זיי האָבן זיך דאָס אַלץ געקענט איינער דעם אַנדערן זאָגן, וואָרעם, זיי האָבן דאָך עס געפילט. אָבער וואָלט נח געקענט? ברוך איז מער ניט געווען „סענטימענטאַל", ברוך האָט געזאָגט:

— אַ גוטן טאָג, נח. מירן זיך נאָך זען.

— אַ גוטן טאָג. דו... איר... פאַרבלייבסט אויף לאַנג דאָ?

— ניין. איך ווייס ניט... קען זיין...

ווער טראָגט עס ברוכן אַנטקעגן אַ גלאַנציקן שמייכל אויף רויטע בעקלעך, אין בוימלדיק-פעטע אייגלעך; אַ יונג אויסגע-פּאַשעט בייכל און אַ פּוכקע הענטל מיט מאַניקירטע נעגל? אַ, דאָס איז כאַזקל גרינהאָלץ.

— מאָיע אושאַנאָוואַניע, פּאַניע ברוך!

ברוך האָט שוין געהערט: ער איז שטאַרק רייך געוואָרן אָט דער כאַזקל, האָט חתונה געהאַט מיט אַ סך נדן און פירט אַ גרויסן האָלץ-מסחר. כאַזקל האָט זיך אַ מאָל געדרייט אין ברוכס קרייזן אַ רייכער באַלעבאַטישער זון, איז ביי אים עפּעס, אַזאַ מין קאַפּריז געווען צו חברן זיך דווקא מיט די „לאָבוזעס" די יידישיסטן, און זיין צעקריגט דערפאַר מיט דער משפחה. כאַזקלס אויגן זיינען דעמאָלט באַהויכט געווען מיט אַ ראָמאַנטיש-סענטימענטאַלן נעפּל. ער האָט ליב געהאַט צו שפּילן העלדישע ראָלן אין די ליבהאָבערישע טעאַטער-פאָרשטעלונגען. כאַזקל האָט געשפּילט אויך אין לעבן. קיינער פלעגט ניט קענען אַזוי גוט, ווי ער, אָנצינדן זיך מיט אַ נייעם פּלאַן, מיט אַן אונטערנעמונג און אויספלאַקערן באַלד, ווי אַ שטרוי.

און אָט איז איצט כּאַזקל גרינהאָלץ. אָט זײַנען זײַנע קלעצער, זײַן ברענהאָלץ, זײַנע וואַגאָנעס. אײנעם פֿון זײ לאָדעוועט איצט נח.

נײן, ווער זאָגט עס, אַז אין שטעטל איז אומעטיק? כּאַזקלען איז אַ האָר ניט אומעטיק. לײדיקגײערס קלאָגן זיך אויף לאַנגווײַליקײט. כּאַזקל גרינהאָלץ איז אָבער ניט קײן לײדיקגײער, ער איז פֿאַרוואָרפֿן מיט אײגענע און פֿרעמדע געשעפֿטן איבערן קאָפּ. אדרבא, ווער איז פּרעזעס פֿון קלײנהענדלער־באַנק? — כּאַזקל. ווער איז קאָמענדאַנט פֿון די פֿײַערלעשער? — כּאַזקל. און פּרנס פֿון קהילה, און שתּדלן בײַם שטעטלשן פּאָליצײַ־קאָמענדאַנט (בײַ אַ טרונק) און גוטברודער מיטן וואָיט — אַלץ טאַקע כּאַזקל גרינהאָלץ. ער וועט נאָך מסתּם ווערן גבאי פֿון בית המדרש אויך...

מחשבותן, וואָס האָט כּאַזקל געהערט: ברוך שרײַבט ביכער, ברוך שרײַבט אין צײַטונגען — האָט ער כאָטש דערפֿון פּרנסה? כּאַזקל האָט שיִר ניט פֿאַרגעסן: די פֿרוי זײַנע (די פֿון דער קרײַזישער שטאָט, וואָס האָט אַ מאָל געפּירט ראָמאַנען מיט אָפֿיצירן און האָט איצט מיט אַ סך נדן חתונה געהאַט מיט כּאַזקלען און פּירט אין שטעטל אַ לײַטישן „סאַלאָן") וויל זײער זיך באַקענען מיט ברוכן, האָט זײער געבעטן ברוכן אַרײַנקומען. זאָל זיך ברוך בשום אופֿן ניט אָפּזאָגן, זאָל ער למען השם קומען. ס'וועט זײַן אַ פֿײַנע געזעלשאַפֿט, אַ גוט קערטל, אַ לײַטישער טרונק מיט צובײַסן — אַ 6־לאָמפּיקער ראַדיאָ שטײט אין שטוב — מען וועט גוט צוברענגען אַן אָוונט.

אַ שאָד, די געשעפֿטן לאָזן אים ניט שטײן מיט ברוכן נאָך אַ מינוט. — דאָווידזעניאַ! דו וועסט קומען, למען השם קומען!

ברוך שלעפּט זיך ווײַטער. ער איז נאָך מידער און שלאַבעריקער און דער קאָפּ זינקט אים אַראָפּ נידעריקער. ברוך טראַכט: נח און כּאַזקל... נח און כּאַזקל... און ער פֿילט אין מויל אַ שטאַרק ביטערן טעם, ווי ער וואָלט אויפֿגעגעסן אַ זײער ניט פֿרישן מאכל.

אויפן באַנפלאַץ שמעקט מיט אַרומגעטעסעטע קלעצער, מיט סאָסנעפּעך און מענטשנשווייס. האַלב-נאַקעטע יונגע פּויערים מיט אויסגעדייוועטע קערפּערס לאָדן אָן וואַגאָנעס קלעצער. „ראַז—ראַז!", „ראַזאָם—ראַזאָם"! — קלינגט אָפּ מיט קלעצער-קייקל און קומט צוריק מיט אַן עכאָ פון וואַלד. האָלץ-סוחרים דרייען זיך אום אין שוואַרץ-אַלפּאַגענע און ווייסליייוונטענע רעקלעך מיט שטעקעלעך אין די הענט און פאָכן זיך מיט די היטלען אין פנים. „פריקאַזטשיקעס" גייען הכנעהדיק נאָך זיי און מעסטן די אָנגעוואָרפענע קלעצער.

ברוך דערזעט פון דער ווייטן גדאַלקען. ברוך וויל אים איצט ניט אָנטרעפן. ער ווייס: גדאַלקע, דער לעבעדיקער בחור, אַ רעוודיקער קאָמוניסט געווען, איז יאָרן לאַנג געזעסן אין תפיסה. פון דאָרט איז ער געקומען אַ דיקלעכער מיט פולע אָנגעגאָסענע באַקן. גדאַלקע איז דערנאָך אַן אַפּאַטישער און גלייכגילטיקער געזעסן ביי זיין יורדישן טאַטן אויפן קאַרק, זיך אַלץ געקליבן ערגעץ אַוועקצופאָרן און ניט געקענט. איצט גייט ער פויל און אָפּגעלאָזן מיט ניט ניחאדיקע טריט דער לעצטער אין דער ריי פון „פריקאַזטשיקעס". גדאַלקע איז אַ „מענטש" ביי זיין רייכן פעטער דעם האָלץ-סוחר. ברוך זאָגט זיך אין דער שטיל: גדאַלקע, גדאַלקע! ער קערט זיך אָפּ אָן אַ זייט, עס ווינקט צו אים אַ שאָטנדיקער ווינקל; ברוך זעצט זיך אַנידער אויף אַ קופּע קלעצער.

— ברוך, ברוך!

אויף אַן אַנטקעגנדיקער קופּע קלעצער זיצן חיים-יונה און אשר האָרב. ברוך דערקענט זיי קוים. חיים-יונה — אַ מאַסקע: דאַר, איינגעשרומפּן, דער רוקן אַיינגעבויגן, דער פנים געל און געקנייטשט און די אויגן אויסגעלאָשן. אשר האָרב האָט נאָך אַלץ פלוטיש-לאַכענדיקע אויגן פון אַ יינגל און אַ פּאַרמעט-געקנייטשט פנים. דער קאָפּ אַ שפּיציקער, ווי אַ קרוג, טרייסלט זיך (ברוך געדענקט עס נאָך פון אַמאָל) אין אַ באַדויער-זשעסט: „אַזוי, אַזוי", און די הענט, לאַנגע, זיך נאַכבאָמבלענדיקע פון די שמאָלע הויקער-אַקסלען, דרייען אויס קאָמישע העוויות.

— אַ, ברוך, שלום עליכם! זיך פאַרבענקט אַהיים, האַ? וואָס הערט מען עפּעס אין דער וועלט?

און ניט געוואַרט אויף ברוכס תשובה, רעדט אשר האָרב ווייטער, גיך און אַביסל אונטער דער צונג.

— שלעכט, שלעכט... אומעטום אַלץ איינס... מען שלאָגט יידן, האַ? קריזיס... וואָס וועט זיין דער סוף?

ווייס דען ברוך וואָס עס וועט זיין דער סוף? וואָס זאָל ער זיי דערציילן פון דער וועלט? אַ מער וועט ער זיצן שטיל און בעסער זיך צוהערן וואָס זיי ריידן? זיי האָבן געגוג פון וואָס צו ריידן חיים-יונה און אשר האָרב. ביידן טרייבט זיי אין מיטן טאָג אַרויס פון די ליידיקע הייזער און עס נעמט זיי ציען מיט אַ מאַגנעטישער קראַפט צום באַנפלאַץ. דאָ פילן זיי ווידער דעם אַלט-באַקאַנטן ריח פון אָפּגעהאַקטן בוים, פון סאָסנעפּעך און טערפּקן דעמב. דאָ קענען זיי שאַצן אויפן אויג יעדן צוגעפירטן קלאָץ און פּרווון באַשטימען פון וועלכן וואַלד ער קומט. און אַמאָל קומט אַ לאַנגאָניקער באַקאַנטער, אַנדריי צי סטעפּאַן, דערפרייט ער זיך מיט זיי און שטעלט זיך אָפּ פאַרדרייען אַ פּאַ-פּיראָס און כאַפּן אַ שמועס מיט די „פּאַניע בראַקאַרעס".

אָדער גאָר קען אשר אָנהייבן:

— ווייסט חיים-יונה, מיין אַביגדור שרייבט פון פראַנקרייך...

אשר האָט אַ סך צו דערציילן פון זיין אַביגדורן, דעם איינציקן זון, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר צוריק אַוועק אין דער וועלט, האָט דורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גיהנום און פּעדלערט איצט ערגעץ אין אַ פראַנצויזישער שטאָט. יאָ, אַביגדור, אַ שטי-לער ערנסטער בחור פון ברוכס קרייז אַמאָל...

און אָט קענען זיי זיך גאָר איינער דעם אַנדערן צום ווילסטן מאָל אַ ווייז-טאָן אויף דעם גרויסן פּלאַץ פאַרלייגט מיט קלעצער, ברעטער, ברענהאָלץ, קלעפּקעס און דיכט פון דעם גרויסן שטעטלשן גביר אייזמאַן:

— ער ווערט געשוואָלן דער חזיר, האַ?

— אָהאָ, ווי געשוואָלן, אַזאַ בלוטזויגער!

וועגן אָט דעם אייזמאַנען מעג טאָקע ברוך הערן. ער איז

אַן אַנגעשטאָפּטער עושר דער אַייזמאַן, מען שמועסט: איינער אין פּוילן. און אַ הויטשינדער, אַ פּיאַווקע.

ניין וועגן אַייזמאַנען לאָזט אשרן דערציילן. היפּשע יאָרן איז אשר געווען ביי אים אַ „מענטש" אויפן טאַרטאַק. שפּעטער, אויף דער עלטער, אַז אשר האָט שוין ניט געטויגט אָפּצונאַרן אַ פּויער אויף דער מאָס פון אַ געבראַכטער פור קלעצער, האָט אים דער גביר אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע און געמאַכט פאַר אַ נאַכטוועכטער. איז זיך מיישב דער דבר-אַחר און ברענגט אַראָפּ פון וואַרשע אַזאַ מין זייגער, וואָס מען דאַרף אים יעדע האַלבע שעה אָנדרייען. דרייט אשר דעם זייגער און דער באַלעבאָס ליגט אין דער וואַרעמער בעט און הערט ווי מען היט זיין גוטס. אָבער איין מאָל, אין אַ ווינטערדיקער זאַוויערוכע-נאַכט האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין ביידל אָפּהיטן די פאַרפראָרענע גלידער און פאַרגעסן צו דער האַלבער שעה אָנדרייען דעם זייגער. פּלוצלונג: ער פילט מען רייסט אים ביים אויער: „דאַרמאָיעדניק! אומזיסטע ברויט ווערסטו ביי מיר פרעסן?". אשר האָט אויך די שטעלע פאַרלאָרן.

— הייניטיקע גבירים... אשר וועט בעסער דערציילן אַ מעשה וועגן אַן אַמאָליקן גביר, אַ גביר מיט אַ יידיש האַרץ. ווי אַזוי ער, אשר, איז נאָך דער חתונה געזעסן אָן אַ שטיקל ברויט, ווי אַזוי ער איז געגאַנגען אויפן שאָסיי שטיינער האַקן. מאַכט זיך אַ דאָנערשטאָג, איז ניט געווען מיט וואָס שבת צו מאַכן. שטייט ער אַזוי און האַקט די שטיינער, און אויפן האַרצן איז אים ביטער. פאָרט אַן אַ קאַרעטע געשפּאַנט אין פיר פערד און אין איר זיצט אַ גרויסער גביר...

אָ, ברוך געדענקט די מעשה. ער קען זי איצט אַליין פאַר־ענדיקן. ווי אַזוי דער גביר בייגט זיך אַרויס פון דער קאַרעטע און פרעגט ביי אשרן דעם וועג צום שטעטל. ווי ער נעמט אשרן אַריין אין קאַרעטע. דער גביר רעדט זיך מיט אים פונאַנדער. ווי אשר נאַראַיעט דעם גביר אַ וואַלד און כאַפּט עטלעכע הונדערט רובל מעקלעריי... אַ ווינטערנאַכט ביי אשרן אין דעם נידעריקן שטאַרק אָנגעהייצטן שטיבל. חברה זיצן ביי אַביגדורן, שפּילן אין שאָך, שיילן סעמעטשקעס און הערן אשרס מעשהס.

ס׳איז ברוכן גוט צו זיצן דאָ איצט אין דעם נאָך מיטאָג. די שאָטנס פון די קלעצער פאַלן שוין לאַנג און לייגן זיך אויס טיף־שוואַרצע. עס טוט אַ צי מיט פאַרנאַכטיקער קילקייט. עס איז גוט צו זיצן שטיל און הערן: „אַמאָל איז געווען, אַמאָל איז געווען״ — — —

* * *

די זון אין יולי גייט נאָך אַלץ אונטער הינטער די מילן, לעבן בית-עלמין (איז עס ניט מאָדנע?). אַז ברוך שלייכט זיך איצט אַזוי אין דער שקיעה הינטערן שטעטל אויפן וועג צו די מילן, איז עס אַקוראַט אַזוי, ווי מיט פופצן יאָר צוריק. אויך דעמאָלט פלעגט אַזוי פאַרגיין די זון און ברוך פלעגט שפּאַנען שטיל און פאַרקלערט. די זון פלעגט זיך פלאָנטערן, ווי אַ פאַר־וואונדעטער פייגל צווישן זיינע פיס און אויסגיין אין שקיעה-בלוט אויף זיינע טריט. ברוך איז דעמאָלט יונג געווען, בענק־שאַפט, אומרו, אומבאַוואוסטע פאַרלאַנגען פלעגן זיך פונאַנדער־שפּילן מיט גאָר דער פרייד און מיט גאָר דעם צער פון יונגבחורישקייט. ער פלעגט דערנאָך זיך אומקערן אין שטעטל אַ פרום-געלייטערטער און פלעגט פאַרשפּרייטן פולע הויפנס פון זיין זינגענדיקן טרויער איבערן שטעטל און פאַרציען די פענסטער פון די הייזלעך מיט בלויען בין-השמשות.

ברוך איז איצט געגאַנגען איבער די פאַרנאַכטיקע שטעטל־שע גאַסן, ווי אויף אַ בית-הקברות. ער האָט זיך געהיט ניט צו־באַגעגענען קיין מענטשן. ברוך וואָלט געקענט צוגיין צו אַן אָפע־נעם פענסטער און אַ געשריי טאָן יונגבחוריש העל. לאה, די שוואַרצאויגיקע, קוועקזילבערדיקע שטעטלשע בת-יחידה וועט אַרויסשטעקן צו אים איר אינדן־קעפּל און אים אָפּגיסן מיט הייַ־סער, יונגער פרייד. ער וועט עס ניט טאָן. ברוך קען גאָר איצט הערן, ווי זי פאַרוויגט אַ קינד און ווי זי שילט אַ צווייטס, וואָס רייסט זיך אויף קולי-קולות. זאָל לאה בעסער ניט באַווייזן איר קאָפּ. איר פּנים איז פול ווי די לבנה אין האַלבן חודש און ווייכלעך־צעגאָסן, די אויגן — אויסגעלאָשענע, מידע און דער בליק אַ גלייכגילטיקער. ברוך וועט אויך אויסמיידן די גאַס, וואו

עס זשאַווערט אויף אַ גרויסער באַלעבאַטישער שטוב אַ בלעכל מיט אַן אויפשריפט: „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק..." איבער דער טיר פון דער זעלבער שטוב וואָלט ברוך איצט געזען אַ גרויסע שילד מיט חוצפּהדיק-שרייענדיקע ווערטער: „פאַרבאַנד פון יונגע נאַציאָנאַליסטן-ראַדיקאַלן (נאַראַ)".

בעסער וועט שוין ברוך גיין דורך הינטערגעסלעך, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַ גנב. זיין אַרט גיין — ווי אויף די שפּיצפינגער, ניט אויפצוועקן עמיצן פון שלאָף. עמעצער טוט צו ברוכן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, ברוך ענטפערט צוריק מיט אַ שטומען פאַרנייג. עס הייסט אַזוי: — דאָס בינסטו ברוך? שוין גאָר ניט יונג, גאָר ניט יונג!

און ברוך: — אָך, דאָס זייט איר? אַזוי זעט איר אויס? זייט איר ניט קיין דמיון פון זיך אַליין, אַ פאָטאָגראַפיע אין אַ פאַרשטויבטן אַלבאָם?

הינטערן שטעטל שטייען די דריי ווינטמילן, ווי פאַרכישופטע ריזן פון אַ מעשהלע-וועלט; זייערע געשפּענסטיקע הענט געטונקט אין בלוט פון גוססדיקן טאָג. עס איז אַזוי: אָט די משונהדיקע ברואים האָבן דערשטיקט דעם טאָג און מיט זיין בלוט האָבן זיי זיך צעטיילט מיט דעם בית עלמין, וואָס שטייט אַנטקעגן זיי. איצט דערציילן זיי זיך איינער דעם אַנדערן אַ מעשה פון טויט: געוועזן אַ הייסער יולי-טאָג און איז מער ניטאָ...

אָט איז דער בית-עלמין. ער איז אויסגעוואַקסן פאַר דער צייט. אַ ניי שטיק זאַמד האָט ער איינגעשלונגען און אַרומגע-כאַפּט מיט אַ פעלקלדיקן פאַרקאַן. דער בית-עלמין שטייט אַזוי אין מיטן פון זיך וויגנדיקע זאַנגען, וואַכעדיק אַזוי און גאָר ניט חשיבותדיק. אויף זיין זאַמדיקן באָדן וויל נאָך אַלץ קיין ביימל ניט אַרויסשפּראָצן און די פאָר ווערבעלעך, וואָס שטאַרצן דאָ און דאָרט, זעען אויס ווי אַריינגעשטעלטע דורך קינדער אין אַ שפּיל. די הילצערנע מצבות זיינען האַלב איינגעפאַלן, שוואַרץ פון רעגן און גרין פון שימל. דער טויער הענגט אַראָפּ אָפּגעלאָזן, ווי ביי אַן אַלטן פערד די אונטערשטע ליפּ. עס קומט אויס, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— זאָל קומען ווער עס וויל, מ'וועט דאָ סײַווי קיין גוואַלדיקע זאַכן ניט זען.

אינעווייניק זעט ערשט ברוך, אַז דאָס נײַע שטיק זאַמד פון דעם דערבײַיאַיקן בערגל איז דעם בית־עלמין טאַקע שטאַרק נייטיק געווען. אויף אָט דעם שטיק זאַמד הייבן זיך איצט אַרויס ניט קיין אַלטע קברים־בערגלעך. ברוך קען צוגיין צו יעדן בערגל און איבער־לייענען אויף די כּורעים־פּאַלנדיקע ברעטלעך די „פּנ"ס". וואָס האָט ברוך פאַר יעדן פון זיי, פאַר פרײַנד, חברים און באַקאַנטע! אַ שאָקל מיטן קאָפּ, וואָס הייסט: „אויך דו... אויך דו"... און גאָר.

— —

דאָס שטעטל שלאָפט טיף, געוואַשן פון שלאַקסרעגן. ברוך גייט צוריק פון זײַן שפּאַציר. נאָך דעם דושנעם טאָג און דעם שטיקנדיקן אָוונט אָטעמט זיך איצט פרײַער און גרינגער. ברוך טראָגט איצט אַ טרייסט פאַרן שטעטל — די טרייסט פון לעבן, וואָס האָט זיך צוזאַמען מיטן שלאַקסרעגן אויפגעוועקט אין זײַן האַרץ.

ווענעמס שטוב לײַכט עס מיט אַ צערודערט ליכט אין דער נאַכט אַרײַן? — חיים־יונהס. ברוך וועט איצט אַרײַנגיין צו חיים־יונהן; ער האָט פאַר אים אַ וואָרט פון טיפן האַרצן, אַ בשורה פון לעבן. וואָס וועט אָבער ברוך דאָרט זען? — חיים־יונה ליגט אין בעט מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן און קרעכצט אָן אויפהער. גיטל לויפט פון קיך אין שלאָפצימער מיט הייסע פלעשער וואַסער.

חיים־יונהן איז פאַרנאַכט ניט גוט געוואָרן מיט יענער ניט־גוטקייט, וואָס זאָגט אָן די קראַנקע: „דער סוף איז געקומען". ער האָט שטיל אָן אַ וואָרט צו זאָגן זיך געלייגט אין בעט. חיים־יונה האָט געפילט, ווי די איבלעניש אונטערן האַרצן שפּרייט זיך אויס איבערן גאַנצן קערפּער; די קאָפּ האָט פול מיט שווינדלעניש זיך אײַנגעגראָבן טיף אין קישן. איין געדאַנק איז חיים־יונהן געבליבן: „דער סוף, אָט איז דער סוף". חיים־יונה איז פול געווען מיט רעזיגנאַציע; ער האָט לאַנגזאַם, מיט גרויס מאַטערניש, זיך אונטערגעהייבן אויפן געלעגער, מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט ער אַוועקגעשאַרט פון זיך די הייסע פלעשער וואַסער און זײַנע

אויגן זייִנען פול געוואָרן מיט געבעט, די ליפּן האָבן געשטאַמלט: „די קינדער... די קינדער"... גיטל האָט אויסגעבראָכן אין אַ שלוכצן; זי האָט קוים פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. אַ שלוכצנדיקע איז זי אַריין אין עסצימער און אָנגעהויבן אַראָפּנעמען די קינדערס פאָטאָגראַפיעס פון די ווענט. חיים־יונה האָט הסכמהדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. גיטל האָט אַוועקגעשטעלט אַרום חיים־יונהס בעט שטולן און האָט אויף זיי אויסגעשטעלט די פאָטאָגראַפיעס. חיים־יונה האָט געוויזן מיט דער האַנט צום עסצימער. גיטל האָט פאַרשטאַנען, איז אַוועק, געבראַכט די פידל און אויפגעהאַנגען אויף אַ שטול. חיים־יונה איז שוין איצט געווען אין גאַנצן רואיק. וואָס האָט עס אים געאַרט, אַז גיטל איז אַרויסגעלאָפן מיט אַ גוואַלד אין דער נאַכט אַריין? — חיים־יונה האָט זיך געזעגנט מיט די קינדער.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ברוך איז ניט אַריין צו חיים־יונהן (אַ שאָד, ער וואָלט געזען, ווי עס שטאַרבט אַ פּאַטריאַרך פון אַ היינטיקן שטעטל); אַ לעבנסבאַרוישטער, געצוואָגן פון רעגן, צעשויבערט, מיט אַן אויפגעכוואַליעטן געמיט, האָט ער זיך געטראָגן ווייטער איבערן שטעטל, צום באַן.

נ. קאַסטעליאַנסקי

ווילנע אַלס צענטער פון דער יידיש-וועלטלעכער קולטור-אַרבעט

די טעמע איז זייער אַ ברייטע און וואָלט פאַרדינט, אַז מ׳זאָל איר ווידמען אַ גאַנצן בוך, און אפשר ניט איין בוך, נאָר עטלעכע, וואָרעם אַ סך באַשטאַנדטיילן פון דעם קאָמפּלעקס, וואו ס׳ווערט פּראָדוצירט יידיש־וועלטלעכע קולטור, פאָדערן יעדערער באַזונדער אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג.

דאָ וועלן מיר אָנוואַרפן בלויז אייניקע אילוסטראַציעס צו דער טעמע.

און נאָך איין באַמערקונג. דער מחבר פון אַרטיקל געהערט ניט צו די לאָקאַלע פּאַטריאָטן און ניט צו די געשוואָרענע ליבזאָגער, ער קוקט מיט אָפענע אויגן אויף דאָס אַלץ, וואָס ס׳טוט זיך אין ווילנע. ער זעט ניט נאָר די מעלות, נאָר אויך די חסרונות פון די עקזיסטירנדיקע קולטור־אַנשטאַלטן אויף יידיש. ער איז מודה, אַז ווילנע, ווי אַ כלל, האָט ניט אינגאַנצן פאַרדינט די שבחים, וואָס מ׳טיילט איר מיט דער ברייטער האַנט אין דער גאָרער וועלט, אַז אין אַלע שיכטן פון דער ווילנער יידישער באַפעלקערונג, ניט נאָר ביי דער בורזשואַזיע, נאָר אַפילו צווישן די קליינע קרעמער, האַנטווערקער, אָנגעשטעלטע און אַרבעטער וועט מען געפינען גענוג שמענדריקעס, וואָס ריידן מיט זייערע קינדער אויף אַ צעקאַליעטשעטער פרעמדער שפּראַך, וואָס שיקן זייערע קינדער אין פרעמדע שולן (פרעמדע לויט דער שפּראַך און גייסט), וואָס נעמען אין האַנט ניט אַריין קיין יידיש בוך, קיין יידישע צייטונג, וואָס פאַר זיי עקזיסטירן כמעט ניט קיינע שום פּראָבלעמען, קיינע שום ערנסטערע פראַגן.

גלייכצייטיק מוז אָבער אָנערקענט ווערן, אַז ווילנע איז פאָרט אַן אָאַזיס אין דעם מדבר פון הפקרות, וואָס פאַרפלייצט דאָס

גאַנצע לאַנד אפילו ביים היינטיקן טאָג, ווען די „אידעע" פון אַסי־מילאַציע האָט געקראָגן און קריגט כסדר מוראדיקע קלעפּ.

* *
*

קיין שום שטאָט אין פוילן האָט ניט אַזאַ גרויסע צאָל קינדער אין די יידיש־וועלטלעכע שולן, ווי ווילנע. שוין אָפּגע־רעדט פון לעמבערג און קראָקע, די צוויי גרויסע יידישע צענטערס פון מזרח- און מעריב-גאַליציע, וואו קיין יידישע שולן דינען אינגאַנצן נישטאָ (אין קראָקע בלויז אַ נאָכמיטאָג - שול מיט 120 קינדער *) און דאָס אויך דאָ ניט לאַנג אָנטשטאַנען), נאָר אפילו אין דער הויפּטשטאָט וואַרשע, וואו די צאָל יידן איז 6—7 מאָל גרעסער ווי אין ווילנע, באַזוכן סך-הכל 1500 קינדער די יידיש־וועלטלעכע שולן (דריי בונדישע און איינע פון די לינקע פּועלי-ציון). אין לאָדזש, וואָס פאַרמאָגט אַ גרויסע יידישע אַרבע־טערשאַפט און וואו ס'איז אין משך פון אַ ריי יאָרן געווען אַ סאָציאַליסטישע מערהייט אין שטאָט-ראָט, וועלכע האָט זייער גוט, ווי קיין שום מאַגיסטראַט ניט, באַהאַנדלט די יידיש־וועלט־לעכע שולן, באַטרעפט די צאָל קינדער אין די 2 עקזיסטירנדיקע יידישע שולן (מעדעם-שול—בונדישע און באָראָכאָוו-שול—פּועלי־ציוניסטישע) ניט מער ווי 700. אָבער שוין אין ביאַליסטאָק, וואָס געפינט זיך אונטער דער השפעה פון ווילנע און וואו די פּאָלי־טישע און געאָגראַפיש-דעמאָגראַפישע באַדינגונגען זיינען אגב ענלעך צו די ווילנער, באַטרעפט שוין די צאָל קינדער אין די יידיש־וועלטלעכע שולן מיט איבער 50 פּראָצ. מער ווי אין לאָדזש, ד"ה 1100 קינדער, הגם די צאָל יידן בכלל און די צאָל יידישע אַרבעטער בפרט איז דאָ אַ סך קלענער, ווי אין לאָדזש.

---

*) די דאָזיקע ציפער פונקט ווי די ווייטערדיקע, אויב ס'וועט ניט זיין אָנגעגעבן קיין אַנדער קוועלע, האָט מיר געגעבן דער פאָרזיצער פון דער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע אין פוילן (ציש"אָ) ה. ש. קאַזשדאַן, בעת ער איז געווען אין ווילנע אויף די קורסן פאַר יידישע לערער אָנהויב יאַנואַר 1938.

די צאָל קינדער, וואָס באַזוכן די יידיש-וועלטלעכע פאָלקס-שולן אין ווילנע, האָט באַטראָפן צום 1-טן אָקטאָבער 1937, לויט די אָפיציעלע ציפער פון ווילנער שול - אינספעקטאָראַט, 1904 (דערפון יינגלעך 712, מיידלעך 1192). מיט אַ יאָר פריער, ד"ה דעם 1-טן אָקטאָבער 1936, האָט די אַלגעמיינע צאָל באַטראָפן 1931 (דערפון יינגלעך 679, מיידלעך 1252).

די אַלגעמיינע צאָל קינדער, וואָס האָבן זיך געלערנט אין אַלע טיפן שולן (יידישע, העברעאישע, רעליגיעזע, תלמוד-תורות און „פּאָוושעכנע", די מיטלשולן ניט אַריינגערעכנט) האָט צום ערשטן אָקטאָבער 1937 באַטראָפן 5991 *). אַזוי אַרום זעען מיר, אַז די צאָל קינדער אין די יידיש-וועלטלעכע שולן האָט באַטראָפן ביי 32 פּראָצ. (31,8) פון דער אַלגעמיינער צאָל קינדער אין די אויסגערעכנטע אַנשטאַלטן און איבער 44 פּראָצ. פון די אַלע קינדער, וואָס האָבן זיך געלערנט אין יידישע און העברע-אישע שולן.

ווען מיר וועלן צוגעבן די 254 קינדער, וואָס האָבן זיך צו דער זעלבער דאַטע געלערנט אין דער יידישער גימנאַזיע (די קינדער פון דער פאָלקסשול ביי דער גימנאַזיע זיינען שוין אַריינ-גערעכנט אין דער אויבן אָנגעגעבענער צאָל), וועט די אַלגעמיינע צאָל קינדער אין די יידיש-וועלטלעכע שולן אין ווילנע באַטרעפן 2158. במילא שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַ גרויסן כּוח ניט נאָר קוואַליטאַטיוו, נאָר אויך קוואַנטיטאַטיוו, אַזוי, אַז זיי קענען ווירקן סיי אויף די קינדער פון די איבעריקע שולן, סיי אויף דער עלטערנשאַפט און בכלל אויף דער גאַנצער יידישער באַפעל-קערונג, בעת אין וואַרשע זיינען זיי אַן אומבאַדייטנדיקע מינ-דערהייט, וואָס קען קיין גרעסערע השפּעה ניט האָבן.

---

*) די דאָזיקע צאָל שטימט ניט מיט דער ציפער, וואָס איז געווען אָנגע-געבן אין דער ווילנער טאָג-פּרעסע סוף יאַנואַר 1938. יענע ידיעה, וואָס שטיצן זיך אויף דער סטאַטיסטיק פון בילדונג-אָפּטייל פון דער ווילנער שטאָט-פאַרוואַלטונג, נעמען אַרום נאָר יענע יידישע שולן, וואו דער מאַגיסטראַט דעקט די ווירט-שאַפטלעכע הוצאות.

און נאָך איינס: אין וואַרשע און אין אַנדערע פּוילישע שטעט זיינען פאַראַן בלויז יידיש־וועלטלעכע פאָלקסשולן, קיין מיטל־שולן און אַוודאַי שוין אַ העכערער טיפּ שולן זיינען נישטאָ און קיינמאָל ניט געווען *), דאָס הייסט, אַז שוין אין גאַנץ יונגן עלטער פאַרלאָזן די קינדער די יידישע פאָלקסשול און טרעטן אַריין אין אַ פּוילישער מיטלשול, פּוילישער פּראָפעסיאָנעלער שול אאַז״וו, בעת ווילנע איז איצט כמעט די איינציקע שטאָט אין גאַנץ פּוילן, וואו ס׳איז פאַראַן אַ מיטלשול מיט יידישער לערנשפּראַך, וועלכע ווערט באַזוכט (צוזאַמען מיט דער פאָלקסשול ביי דער גימנאַזיע) דורך בערך 500 קינדער **) און האָט באַקומען פון דער שולמאַכט פולע רעכט.

חוץ ווילנע, האָט ביים היינטיקן טאָג אַ יידישע מיטלשול בלויז ביאַליסטאָק (ביי 200 קינדער), אָבער אויך יענע מיטלשול קען, וויינקסטנס טיילוויי, פאַרשריבן ווערן אויפן אַקטיוו פון ווילנע, ווייל וואָלט ווילנע ניט געוויזן קיין ביישפּיל, וואָלט אין ביאַליסטאָק קיין יידישע מיטלשול מסתמא ניט געווען.

געוועזן צייטן — דאַרף מען אויך ניט פאַרגעסן — ווען ווילנע האָט געהאַט 2—3 מיטלשולן (רעאַל־גימנאַזיע, הומאַניסטישע, גימנאַזיע א״ב פון ס. גורעוויטש, און פון אַ. וויגאָדסקאָ). דערצו נאָך האָט פון 1919 ביז 1928 עקסיסטירט אַ יידישע גימנאַזיע אין סוויענציאַן, פריער ווי אַ פּראָגימנאַזיע, ד״ה אָן די העכערע קלאַסן, שפּעטער ווי אַ פולע גימנאַזיע. ***)

---

*) דער פרווו צו עפענען אין וואַרשע אַ מיטלשול מיט אַ יאָר 10 צו־ריק איז נים געלונגען. אין דעם בנין, וואָס איז ספּעציעל אויסגעבויט געוואָרן אין וואַרשע אויף אַ יידישער גימנאַזיע, געפינט זיך איצט אַ יידישע פאָלקסשול (אויף קראָכמאַלנע).

**) פינקטלעכער 485, דערפון אין דער פאָלקשול 231. די גימנאַזיע איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1918, אַזוי, אַז הייער פייערט זי איר 20־יאָריקע עקסיסטענץ. דער ערשטער סיום איז געווען אין יאָר 1923. פאַר דער צייט האָט זי אַרויסגעלאָזן 366 אַבסאָלווענטן. די ידיעות האָב איך גענומען דירעקט אין גימנאַזיע.

***) די ווירקונג פון דער גימנאַזיע איז קאָנטיק אין סוויענציאַן ביז היינ־

ווילנע האָט אויך פֿאַרמאָגט אַ יידישן לערער־סעמינאַר*) וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1921 און האָט צוגעשטעלט לערער פֿאַר די יידיש־וועלטלעכע שולן אין גאַנץ פּוילן און אויך פֿאַר די לענדער פֿון יידישער אימיגראַציע (אַרגענטינע, בראַזיל, פֿאַראייניקטע שטאַטן א״אַ). לײַדער אָבער איז דער דאָזיקער סעמינאַר אין יאָר 1931 געשלאָסן געוואָרן דורך דער מאַכט, פּונקט ווי די איבעריקע דערמאָנטע מיטלשולן זײַנען צוליב אומאָפּהענגיקע סיבות אונטערגעגאַנגען. ס׳זײַנען אָבער פֿאַרבליבן זייערע אַביטוריענטן, וואָס טוען יידישע און אַלגעמיינע קולטור־אַרבעט אין פֿאַרשיידענע שטעט און לענדער.

צו דער רשימה פֿון יידישע קולטור־אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס, וואָס זייער ווירקונגס־קרײַז גרייכט ווײַט איבער די גרענעצן פֿון ווילנע, געהערן חוץ דעם ייוו״אָ, שטראַשון־ביבליאָטעק, הע״ג, א״אַ נאָך דער יידישער טעכניקום**) און דער יידישער

טיקן טאָג. צוו. אנד. פֿילן מיר עס אין „אונדזער טאָג״, ווייל קיין שום שטאָט האָט אונז ניט צוגעשטעלט אזוי פֿיל קוואַליפֿיצירטע קאָרעספּאָנדענטן ווי סוויענציאַן: ניט לידע, וואָס איז אַ סך גרעסער פֿון סוויענציאַן, אויך ניט אשמענע א״א.

*) פֿאַר די 10 יאָר פֿון זיין עקסיסטענץ האָט דער לערער־סעמינאַר ארויסגעלאָזן 101 לערער. אָבער אויך 17, וואָס האָבן קיין אַטעסטאַטן ניט געקראָגן, האָבן באַקומען ארבעט אין די שולן, דערפֿון אין דרום־אַמעריקע 5, פּוילן 4, ראַטנפֿארבאַנד און פֿראַנקרייך צו 2, פֿאַראייניקטע שטאַטן 1. (זע אַ. גאָלאָמב: „דער ערשטער יידישער לערער־סעמינאַר אין פּוילן״ אין די פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע שריפֿטן פֿון ייוואָ, ווילנע 1933).

אַ קורצע צייט נאָך ווילנע האָט זיך אויך אין וואַרשע געעפֿנט אַ יידישער לערער־סעמינאַר (פֿאַר לערער פֿון יידיש־וועלטלעכע שולן), אין וואַרשע אָבער האָט זיך דער סעמינאַר ניט אײַנגעבירגערט און זיך אינגיכן פֿאַרמאַכט.

**) דער טעכניקום איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1919 אין דער פֿאָרם פֿון פּאָליטעכנישע קורסן (נאָך פֿריער, אין די יאָרן 1916 — 1917, זיינען געווען טעכנישע קורסן) און איז אין יאָר 1920 פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טעכניקום. פֿאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער עקסיסטירט, האָט ער ארויסגעלאָזן איבער 700 אַבסאָלווענטן. אין לערנייאָר 1937—1938 באַטרעפֿט די צאָל צוהערער 160.

מוזיקאַלישער אינסטיטוט. דער ערשטער האָט תּלמידים פֿון גאַנצן לאַנד און זײַנע אַביטוריענטן האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אין פֿאַרשײַדענע שטעט אין פּוילן און אויסלאַנד, דער צווײטער איז, אמת, מער יידיש לויטן צוזאַמענשטעל פֿון די לעקטאָרן און צוהערער, ווי לויט זײַן פּראָגראַם און גײַסט, פֿונדעסטוועגן קען אויך זײַן באַדײַטונג ווי אַ יידישער קולטור־פֿאַקטאָר ניט אָװעקגעמאַכט ווערן מיט דער האַנט. ווען אַפֿילו קיין אַנדערע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער יידישער קולטור וואָלט ער ניט געהאַט, קלעקט שוין דאָס, וואָס ער האָט אויפֿגעפֿירט אײניקע אָפּערעס אין יידיש („יעװגעני אָניעגין", „טאָסקאַ", „האַלקאַ" א"אַ) ניט נאָר אין ווילנע, נאָר אויך אין װאַרשע און אין אַ פּאָר אַנדערע שטעט. דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסער אויפֿטו.

זאָל דאָ אויך פֿאַרצייכנט ווערן, אַז אונטער דער השפּעה פֿון ווילנע איז אויך אין װאַרשע אַנטשטאַנען מיט עטלעכע יאָר צוריק אַ יידישער מוזיקאַלישער אינסטיטוט (ביז דאַן איז דער ווילנער געווען דער אײנציקער ניט נאָר אין פּוילן, נאָר בכלל אין גאַנץ אײראָפּע, חוץ דעם ראַטנפֿאַרבאַנד).

צום סוף זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער ווילביג־כאָר*) (דיריגענט אַ. סליעפּ), וואָס איז אויך אַ וויכטיקע קולטור־פּאָזיציע (אײניקע מאָל אויפֿגעטראָטן אין װאַרשע און אין אַנדערע שטעט און אויך אין פּוילישן ראַדיאָ), און דער ייִנגערער כאָר ביי דער יידישער גימנאַזיע (דיריגענט י. גערשטיין).

אָבער בשעת מיר ריידן וועגן ווילנע, ווי וועגן אַ יידישן קולטור־צענטער, דאַרף מען נעמען ווילנע ניט אין שמאָלן געאָ־גראַפֿישן זין, נאָר אין ברייטערן זין, לויט וועלכן די ווילנער פּראָווינץ איז אויך אַ טייל פֿון ווילנע, און מיר זעען טאַקע, אַז לויט די ידיעות, וואָס זײַנען פּובליקירט אין אָרגאַן פֿון פּוילישן אינסטיטוט צו פֿאָרשן די מינדערהייטס־ענינים „ספּראַווי נאַראָ־דאָוואָסציאָווע", ידיעות וואָס שטיצן זיך אויף די אָפֿיציעלע מאַ־

*) ווילביג — ווילנער יידישע בילדונג־געזעלשאַפֿט, וואָס האָט די ערשטע צייט פֿון איר עקסיסטענץ געהאַט אַ ריי אָפּטײלונגען אויף דער פּראָווינץ. מיט דער צייט זײַנען זיי אונטערגעגאַנגען.

טעריאַלן פון בילדונגס־מיניסטעריום, סטאַטיסטישן הויפט-אַמט און פון דזשאָינט, — האָט אין שול־יאָר 1934 — 1935 די צאָל קינדער אין די יידיש־וועלטלעכע שולן אין ווילנער וואָיעוואָדשאַפט באַטראָפן 23,3 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער צאָל קינדער, וואָס לערנען זיך אין די צישאָ-שולן אין פּוילן, אין ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט 24,3 פּראָצ. אין נאָוואַרעדקער 7,8 פּראָצ., אין פּאָלעסיער 10,4 פּראָצ., אין וואָלינער 3,6 פּראָצ., צוזאַמען האָט די צאָל קינדער אין די יידיש-וועלטלעכע שולן אין די דערמאָנטע וואָיעוואָדשאַפטן באַטראָפן 69,4 פּראָצ., ד"ה כמעט זיבן צענטל פון דער אַלגעמיינער צאָל קינדער אין די צישאָ־שולן אין פּוילן.

פּאַר אַלעמען איז דאָך קלאָר, אַז די שולן אין נאַוואַרעדקער וואָיעוואָדשאַפט האָט מען ניט געעפנט אונטער דער השפעה פון נאַוואַרעדאָק (וואו עס איז אגב קיין יידיש-וועלטלעכע שול אינגאַנצן ניטאָ) אָדער פון לידע. זיכער האָט דאָ געווירקט דערביישפּיל פון ווילנע. דערצו האָט, ווי אויבן געזאָגט, אַ גרויסן טייל לערער צוגעשטעלט דער ווילנער לערער־סעמינאַר.

פון אַ צווייטער קוועלע — פון דער שול-אָרגאַניזאַציע פּאַר ווילנער פּראָווינץ — האָב איך געקראָגן אַזוינע אינפאָרמאַציעס וועגן די יידיש־וועלטלעכע שולן אין ווילנער פּראָווינץ אין שול־יאָר 1937 — 1938:

די אַלגעמיינע צאָל שולן באַטרעפט 14. די שולן געפינען זיך אין אָשמענע, איגנאַלינע, בראַסלאַוו, דוקשט, דוניל אָוויטש, דרויע, היידוציסעק, האָראָדישטש, ווידז, זשעלודאָק, לידע, ניי-ווילייקע, ניי-סוויענציאַן, סוויענציאַן.

די צאָל לערער אין די אַלע שולן באַטרעפט 42.

אין 4 פון די דאָזיקע שטעטלעך, נעמלעך אין דוני לאָוויטש, דרויע, ווידז און ניי־ווילייקע, זיינען קיין אַנדערע יידישע אָדער העברעאישע שולן ניטאָ.

די צאָל קינדער אין די אַלע 14 שולן באַטרעפט בערך 1500, דערפון יינגלעך 53 פּראָצ., מיידלעך 47 פּראָצ.; דערביי לאָזט זיך מערקן, אַז דער פּראָצענט יינגלעך איז אַ גרעסערער, ווי אין די פריערדיקע יאָרן, און וואַקסט מיט יעדן יאָר.

אויסער לידע, (וואו די יידיש-וועלטלעכע שול איז געגרינ-דעט געוואָרן מיט עטלעכע יאָר צוריק און וואו אַ גרויסער טייל יידישע קינדער לערנט זיך אין דער שאַבאַסאָוווקע (500 קינדער), איז אין די אַלע שטעטלעך די צאָל יידישע קינדער אין די „פּאָווּשעכנע" *) שולן (קיין שאַבאַסאָוווקעס זיינען דאָרטן נישטאָ) אַ גאַנץ קליינע. אַזוי, למשל, לערנען זיך אין דער היידוצישקער „פּאָווּשעכנער" שול ניט מער ווי 8 (אַכט) יידישע קינדער, אין דוקשט 15, אין ווידז 16, אין ניי-ווילייקע זיינען כמעט אינגאַנצן ניטאָ קיין יידישע קינדער אין דער „פּאָווּשעכנער" שול.

אַ ספּעציעלער קאַפּיטל פאַר זיך איז די אַקציע פון בויען בנינים פאַר יידישע שולן אין ווילנער געגנט, וואָס איז פאַר-בונדן מיט גוואַלדיקע אָנשטרענגונגען, באַזונדערס ווען מיר ווען נעמען אין באַטראַכט דעם דלות אין די שטעטלעך בכלל, — און פון די שיכטן, וואָס שיקן זייערע קינדער אין די יידישע שולן בפרט, — ווי אויך די באַציאונג פון דער מאַכט צו די טוער אַרום דער יידיש-וועלטלעכער שול. בויען אַן אייגענעם בנין פאַר אַ יידישער שול איז אָפטמאָל ממש פאַרבונדן מיט מסירת נפש.

ביי דער אָ לאַגע זיינען פונדעסטוועגן אויסגעבויט געוואָרן אייגענע בנינים פאַר די יידיש-וועלטלעכע שולן אין סוויענציאַן, זשעלודאָק און דוקשט. אין דונילאָוויטש איז מיט עטלעכע יאָר צוריק אויסגעבויט געוואָרן אַן אייגענער בנין, ער איז אָבער פון דער שול-מאַכט פאַרבראַקירט געוואָרן און מען טרעט צו צום בויען אַ נייעם בנין. אין היידוצישעק בויט מען שוין אַ נייעם בנין, אין לידע האָט מען שוין געקויפט אַ פּלאַץ און מען טרעט צו צום בויען.

מ'טאָר דערביי ניט פאַרגעסן, אַז אין די פּוילישע מזרח-געביטן וואָלט די צאָל יידיש-וועלטלעכע שולן, אַלזאָ אויך די צאָל קינדער, געווען אַ סך גרעסער, ווען ניט די ספּעציעלע

---

*) „פּאָווּשעכנע" שול — אַ מלוכישע פּוילישע פאָלקסשול. די מלוכישע שולן אויך פּויליש אָבער ספּעציעל פאַר יידישע קינדער, רופט מען „שאַבאַסאָוווקעס", ווייל זיי זיינען אויך אַזוי פּיל „יידיש", אויף וויפל זיי פּייערן שבת.

„אַפּוטרופּסות״, מיט וועלכער ס'זיינען געווען אַרומגערינגלט די יידישע שולן אין וואָלין, פּאָליעסיע און ווילנער קאַנט.

אַזוי געפינען מיר אין דערמאָנטן אַרטיקל אין „ספּראַווי נאַראָדאָוואָסציאָווע״ אָ ידיעה, אַז די צאָל צישאָ-שולן איז געפאַלן פון 102 אין שוליאָר 1927—1928 ביז 86 אין שוליאָר 1934—1935. פאַרוואָס דאָס איז געשען, גיט דער מחבר (ש. כמיעלעווסקי) ניט אָן. ווען מיר קוקן אָבער אַריין אין אַרטיקל פון ח. ש. קאַזשדאַן אין פילאַדעלפיער שול - אַלמאַנאַך פון יאָר 1935 *), געפינען מיר דאָרטן אַזוינע שורות:

„אויף די ראַנדגעביטן פון פוילן איז געפירט געוואָרן אַ פּאָליטיק פון פּאָלאָניזאַציע... און דאָ האָט אונזער שול אָנגעטראָפן אויף אַן אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן איר. אין די צענדליקער זיינען דאָ אומגעקומען יידיש-וועלטלעכע שולן״ (ז. 218).

אויך אין ווילנע און אין ווילנער פראָווינץ האָט זיך צוליב אויסערלעכע מניעות באַדייטנדיק פאַרקלענערט די צאָל שולן (איינע פון די געשלאָסענע שולן האָט געציילט 200 קינדער). אַזוי איז אין ווילנע אין יאָר 1921 געווען 10 יידישע פאָלקסשולן **) אין 1923 — 8, אין 1931 — 6. ביים היינטיקן טאָג איז שוין פאַראַן ניט מער ווי 5 שולן. וואָרעם צוליב דער פּאָליטיק פון דער ווילנער שטאָט-פאַרוואַלטונג פאַר די לעצטע יאָרן ***)

*) די יידישע מאָדערנע שול אויף דער וועלט—הייסט דער אלמאנאך, ז״ז 416.

**) חוץ די 10 פאָלקסשולן זיינען נאָך אין יאר 1921 געווען: 1 גימנאזיע, 7 קינדער-גערטנער, 5 אוונט-שולן, 2 נאָכמיטאָג-שולן, 1 לערער-סעמינאר. ביים היינטיקן טאָג איז פון די דאָזיקע אלע אנשטאלטן (חוץ דער גימנאזיע) קיין שפור ניטאָ.

***) דער אמאָליקער ענדעקישער מאָגיסטראט אין דער צייט פון דער אזוי גערופענער מיטל-ליטע (זשעליגאָווסקי - מיישטאָוויטש-צייטן) און אין די ערשטע יאָרן גלייך נאָכן איינשליסן ווילנע אין דער פוילישער רעפובליק האָט גראד מער-ווייניקער לייטיש באהאנדלט די יידישע שולן. פאַרט געווען דאן אנדערע צייטן... אויף אזוי פיל אנדערע צייטן, אז אין שטשוטשין, לעבן לידע, האָט די פוילישע שול-מאָכט געעפנט א יידישע שול (אין יאר 1919), פון וועלכער

איז פאַרגעקומען אַ קאָמאַסאַציע פון דער גרעסטער יידישער שול — דער פרוג-שול (וואָס האָט דאָ ניט לאַנג געפייערט דעם 25-יאָריקן יובילי פון איר עקסיסטענץ), וועלכע איז פאַראייניקט געוואָרן מיט דער צווייט-גרעסטער שול—דער קופערשטיין-שול. דערביי איז די ערשטע איבערגעטראָגן געוואָרן פון איין טייל שטאָט אין צווייטן. אַ צווייטע שול — די שלום-עליכם-שול, וואו ס'לערנען זיך די אָרעמסטע ווילנער יידישע קינדער, האָט דער מאַגיסטראַט (שטאָט-פאַרוואַלטונג) אויסגעשלאָסן פון דער רשימה פון די שולן, וועלכע באַקומען פון אים אויף די ווירטשאַפטלעכע הוצאות (לאָקאַל, באַהייצונג, באַדינונג). מיט עטלעכע יאָר פריער איז די יינגל-שול „מפיצי-השכלה" (איצט אויפן נאָמען פון ד"ר צמח שאַבאַד) אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון איין עק שטאָט אין אַ צווייטן. אין יאָר 1938 זיינען שוין בכלל געשטעלט געוואָרן אין סכנה די אַפילו שוין פאַרקירצטע סובווענצן פון דער שטאָט-פאַרוואַלטונג פאַר די יידישע שולן פון אַלע ריכטונגען, וואָס האָט אַרויסגערופן פראָטעסטן פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט (קוים אָפּגעראַטעוועט בלויז אַ העלפט: 38.000 זלאָטעס דעם יאָר).

דעם ביישפּיל פון ווילנע טוען כסדר נאָך די יידישע ישובים אין גאָר דער וועלט, און אפילו אין דער ווייטער אַסימילירטער דרום-אַפריקע (אין יאָהאַניסבורג) איז אַנטשטאַנען אַ יידישע נאָכמיטאָג-שול, אָנגעפירט דורך לערער, וועלכע זיינען אַראָפּגעקומען פון ווילנע און ווילנער קאַנט (מ. שור, ע. וויניק).

מיר גייען אַריבער צום פאַרלאַג-געביט. פונקט ווי אַמאָל פלעגט דער פאַרלאַג פון „האלמנה והאחים ראָם" פאַרזאָרגן אויך די ווייטסטע יידישע קיבוצים אין אַזיע און אַמעריקע מיט סידורים, גמרות און אַנדערע רעליגיעזע ספרים (וואָס ער טוט נאָך אגב טיילווייז איצט אויך), אַזוי איז אין אונזערע צייטן דער ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין געוואָרן דער צענטראַלער פאַרלאַג פון יידיש-וועלטלעכע ביכער (זיינע שלוחים פלעגן נאָך מיט עטלעכע

זי האָט זיך אָפּגעשאָקלט אין יאָר 1921. דאַן האָט די ציש"אָ איבערגענומען די דאָזיקע שול.

יאָר צוריק באַזוכן ווייטע לענדער און פאַרשפּרייטן יידישע ביכער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַרגענטינע און בראַזיל, און אפילו אין כאַרבין פלעגט מען קויפן די אויסגאַבעס פון ב. קלעצקין). פונקט אַזוי גרייכן אין די דערמאָנטע שטעט און לענדער די אויסגאַבעס פון אַנדערע ווילנער באַוואוסטע פאַרלאַגן, ווי „טאָמאָר”, ש. באַסטאָמסקי א.א.

געוויינלעך האַלט מען, אַז די יידיש-וועלטלעכע שול איז אַנטשטאַנען ערשט אין די צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע (1918—1915), ווייזט אָבער אָן ג. פלודערמאַכער אין אַן אַרטיקל אין דערמאָנטן פילאַדעלפיער אַלמאַנאַך *, אַז אייגנטלעך זיינען שוין פאַרן יאָר 1905 אַנטשטאַנען אין ווילנע די ערשטע אָוונטשולן פאַר דערוואַקסענע אין דער יידישער שפּראַך. דאָס זיינען געווען די קרייזלעך פאַר בונדישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין אונטערערדישן פאָלקס-אוניווערסיטעט, וואו ס'האָבן זיך געלערנט ביי 300 אַרבעטער.

און ווען ס'קומט דאָס יאָר 1905 — דערציילט דאָרטן וויטער ג. פלודערמאַכער – האָבן די אָוונטשולן שוין אָפן איינגעפירט די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור, יידישע גראַמאַטיק, יידישע געשיכטע. ס'באַווייזן זיך די ערשטע יידישע לערנביכער: אברהם רייזענס און מ. בירנבוימס כרעסטאָמאַטיע, די יידישע גראַמאַטיק פון ז. רייזען, ליטעראַטור-קענטעניש פון ראָזענשיין און אַנדערע. די דאָזיקע אויסגאַבעס האָבן אָבער ניט באַפרידיקט דעם פעדאַגאָגישן ראַט, וועלכער טרעט צו צו שאַפן אַ גרויסע יידישע כרעסטאָמאַטיע „דאָס יידישע וואָרט”, וואָס איז אין יאָר 1911 צונויפגעשטעלט געוואָרן פון אָלגינען און איז אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון אַ קאָמיסיע יידיש-לערער (גאָזשאַנסקי-לנו, ג. פלודערמאַכער, מ. שאַליט, י. ציפּקין. **)

אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ווילנע אַרויסגעגעבן אַ סך לערנביכער, וועלכע מ'פלעגט באַנוצן און מ'באַנוצט אין

---

*) „דער מאָדערנער יידישער שול-וועזן אין ווילנע” — הייסט דער ארטיקל.

**) ז"ז 233—234.

די יידישע שולן אין גאַנץ פּוילן און פון יענער זייט אָקעאַן. אויך זיינען אין ווילנע אַרויס די ערשטע יידישע קינדער־זשורנאַלן „חבר" און „גרינינקע ביימעלעך". און מיר זעען טאַקע, אַז בעת מ׳האָט זיי איין צייט אַריבערגעטראָגן קיין וואַרשע, האָבן זיי דאָרטן קיין אַריכת־ימים ניט געהאַט און צוריק אַריבער קיין ווילנע, וואו זיי גייען אַרויס ביזן היינטיקן טאָג אונטער דער רע־דאַקציע פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן (די „ביימעלעך" וועלן אין קומענדיקן יאָר פייערן אַ יובליי פון 25 יאָר עקסי־סטענץ). ערשט די לעצטע יאָרן איז אין וואַרשע אַנטשטאַנען דער כמורנער־פאָנד ביי דער ציש"אָ, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן לערנביכער פאַר די יידישע שולן, און ס׳האָט אָנגעהויבן אַרויס־צוגיין דער זשורנאַל פאַר קינדער — דער „קינדערפריינד".

אויך אויפן געביט פון פיזישער קולטור, וואָס איז ענג פאַר־בונדן מיט דער גייסטיקער, האָט ווילנע געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע. דערביי איז דאָ אומעטום — די שפּראַך יידיש. ווילנע איז אויך געווען דאָס וויגעלע פון דער ברייט פונאַנדערגעוואַקסענער יידישער געזונטשוץ־באַוועגונג („אָזע־טאָז"). דער ווילנער טורן־און ספּאָרט־פאַראיין „מכבי" האָט געעפנט די ערשטע יידישע רודער־סטאַנציע אין פּוילן. די פוטבאָל־סעקציע פון „מכבי" איז געוואָרן מייסטער פון ווילנע אַ סך פריער, איידער ס׳האָט דערצו זוכה געווען וועלכע ס׳איז אַנדערע יידישע פוטבאָל־קאָמאַנדע אין פּוילן.

אין ווילנע איז אויך אַנטשטאַנען דער ערשטער (און איינציקער) יידישער זשורנאַל פאַר היגיענע און פיזישער קולטור — דער „פאָלקסגעזונט" — אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר צ. שאַבאַד ז"ל, וואָס עקסיסטירט ביזן היינטיקן טאָג און האָט אַבאָנענטן און לייענער אפילו אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פּאַלעסטינע, דרום־אַפריקע, אַרגענטינע, קאַנאַדע א"א. — שוין דעם צווייטן יאָר גייט אַרויס אין ווילנע (דרוקט זיך אין וואַרשע אין פאַרלאַג פון די „ליטעראַרישע בלעטער") דער ערשטער און איינציקער קולטור־היסטאָרישער דריי־חדשים־זשורנאַל אויף יידיש „פון נאָענטן עבר" (אונטער דער רעדאַקציע פון משה שאַליט).

פון ערשט דאָ ניט לאַנג גייען אַרויס אין ווילנע פאַר־

זשורנאַלן אויף יידיש, ווי למשל, „דער בוכהאַלטער", וואָס טראָגט אַ טעאָרעטיש-פאַכמענישן כאַראַקטער און האָט אַבאָנענטן אין גאַנץ פוילן. יידישע בוכהאַלטאָרן אין וואַרשע גיבן אויך אַרויס אַזוינע זשורנאַלן, אָבער „נאַטירלעך": אין פויליש. אויך די יידישע צאָן-טעכניקער אין ווילנע האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ יידישן פאַך-זשורנאַל. — און לעצטנס האָט אויך אָנגעהויבן אַרויס-צוגיין אין ווילנע, אונטער דער רעדאַקציע פון הירש מ"ץ, דער ערשטער יידישער זשורנאַל פאַר קינדער-היגיענע: „זיי געזונט".

די אויסגאַבעס פון ייוו"אָ (וועלכער ווערט אָנגעפירט פון ד"ר מ. וויינרייך, ז. קאַלמאַנאָוויטש, ז. רייזען א"א), וואָס גייען כמעט אַלע אַרויס אין ווילנע, אָדער פון ווילנע, שפּאַרן אָן אין דער ברייטער וועלט, אַלס שאַפונגען פון דער יידיש-וועלטלעכער קולטור. אויך דער ליטעראַטן-פאַראיין טראָגט ביי צו דעם יידיש-וועלטלעכן כאַראַקטער פון דער ווילנער אַרבעט.

צי דאַרפן מיר זיין צופרידן און רוען אויף די פאַרדינטע צי אומפאַרדינטע לאָרבערן?

איך האָב אַמאָל געהערט אַ גוט וואָרט: אַ מענטש אין גע-גליכן צו אַ בלום: אָדער ער לעבט און אַנטוויקלט זיך, אָדער ער פאַרוועלקט און גייט אונטער. אויף קיין איין אָרט שטייט ער ניט.

מיט קולטור-אַרבעט איז אויך אַזוי: אויף איין אָרט קען מען ניט שטיין. אָדער מ'גייט פאָרויס, אָדער אויף צוריק.

דאָ אָבער קומט צו נאָך עפּעס: פון איין זייט מוזן מיר מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כּדי איינצוהאַלטן, כּדי צו פאַר-פעסטיקן אונזערע קולטור-פּאָזיציעס אין אַ צייט ווען ס'גייען אויף זיי אַטאַקעס פון אַלע זייטן. פון דער צווייטער זייט איז דווקא איצט דער באָדן פאַר יידישער קולטור-אַרבעט צוליב פאַרשיידענע טעמים גינסטיקער ווי ווען ס'איז. און אַז די שווערסטע מאַטע-ריעלע באַדינגונגען קענען ניט זיין קיין שטער, האָט בולט באַוויזן די ביטערע צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען ס'זיינען אויסגעוואַקסן די שענסטע קולטור-פּאָזיציעס אונזערע.

ווילנע דאַרף ווערן מער ווי ביז איצט דער צענטראַלער יידישער קולטור-פראָנט.

הירש אבראַמאָוויטש

דער באַגינען פון פּראַקטישן ייִדישיזם אין ווילנע

דער אַרויסמאַרש פון דער צאַרישער רוסישער מיליטער אין סעפּט. 1915 איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ געפּיל פון פאַר־לייכטערונג כּמעט דורך דער גאַנצער, אין ווילנע פאַרבליבענער, באַפעלקערונג.

מען האָט אַפילו אין גיכן דערפילט דעם פּרייסישן שטיוול. ס'זיינען אָנגעקומען אַרבעט- און פּרנסהלאָזיקייט און הונגער מיט אַלע זייערע פאָלגן, ס'איז אָבער ניט געווען קיין ספּעציפישע באַציאונג צו יידן. מען האָט געדריקט און געפּרעסט אַלעמען גלייך. בנוגע יידן זיינען במילא אָפּגעפאַלן די פריערדיקע באַגרענעצונגען. ס'איז פאַרשוואונדן דער פאַרבאָט פון באַנוצן די יידישע שפּראַך. אַ יידישע צייטונג („לעצטע נייס") איז אַרויס צוגלייך מיט אַנדערע אויף די אָרטיקע שפּראַכן (פּויליש, ליטוויש, רוסיש און שפּעטער ווייסרוסיש).

ס'האָט זיך ספּאָנטאַניש אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן דער יידישער שולוועזן. ס'זיינען אין ווילנע פאַרבליבן אַ היפּשע צאָל יונגע לערער, אַבסאָלווענטן אָדער שילער פון די העכערע קלאַסן פון ווילנער לערער-אינסטיטוט. ס'זיינען אויך געווען פיל לערע-רינס. די קרוינשולן זיינען געווען עוואַקואירט, ווי אויך אַלע פּריוואַטע גימנאַזיעס און פּראָגימנאַזיעס. ס'זיינען פאַרבליבן נאָר עטלעכע געזעלשאַפטלעכע שולן (פון געז. „קינדער־פאַרזאָרגונג", שפּעטער פראָג־שול; די שול אויף באַזיליאַנער, שפּעטער קופּער־שטיין-שול, די י. ל. פּרץ-אָוונט-שול). די לערער־פּערסאָנאַלן האָבן גלייך געעפנט די שולן מיט צייטווייליקע פאַרוואַלטערס. מען האָט תּיכּף אָנגעהויבן צו לערנען אויף יידיש. וואו ס'איז צו־געגאַנגען שווערער, וואו לייכטער. מען האָט זיך געמאַטערט מיט

דער טערמינאָלאָגיע, מיט לערן־ביכער, אָבער יידיש האָט שוין באַקומען אַן אָרט אין שול. גלייכצייטיק האָבן זיך אָרגאַניזירט אַ גאַנצע ריי אַזויגערופענע „גרופּעס" (פּריוואַטע), וואָס האָבן גע־זאָלט פאַרטרעטן די רוסישע גימנאַזיעס. די גרופּעס זיינען לויט זייער ציל, צוגרייטן צו מאַטורע (מען האָט דאָך געמיינט, אַז באַלד קערן זיך די „רוסן" אום צוריק), געפירט געוואָרן די ערשטע צייט אין רוסיש. אָבער אויך דאָ איז אין גיכן אַריינגעפירט גע־וואָרן יידיש און העברעאיש. די דייטשן האָבן זיך פון אָנהויב ניט אינטערעסירט מיט די שולן. ס'איז געווען אַ צייט פון „איש הישר בעיניו יעשה". אויפן קולטור־פראָנט האָט מען ניט געשטערט צו אַרבעטן. אין אייניקע שולן האָט מען צונויפגערופן די עלטערן כדי איבערצייגן זיי, אַז „יידיש איז אויך אַ שפּראַך", און מען מוז זיך אָן איר האַלטן. איבעריקנס איז אָנגעקומען אין אַ פּאָר חדשים אַרום אַ פאַראָרדענונג פון הינדענבורגן, אַז יעדע נאַציאָ־נאַליטעט קען פירן די שולן נאָר אין איר מוטער־שפּראַך. אַלזאָ, די פּראַקטיק פון דער יידישער לערערשאַפט האָט באַקומען אַן אָפיציעלע סאַנקציע.

מען איז צוגעטראָטן צו בויען נייע שולן. אין וואוינונג פון ד"ר שאַבאַד פלעגט מען זיך אין אָוונט צונויפקלייבן און אַרומ־ריידן פאַרשיידענע פראַגן אויפן קולטור־געביט. דער דעמאָלטיקער קאָמיטעט פון „מפיצי השכלה" האָט אויסגעאַרבעט פּראָגראַמען פאַר אַ נייעם טיפּ שולן. עס זיינען טאַקע געעפנט געוואָרן די שולן „מפיצי השכלה" אויף באַזיליאַנער (שפּעטער אָסטראָבראָם) און דערנאָך אויף אַנטאָקאָל, די בייטאָגיקע קינדערהיים (שפּעטער ל. גורוויטש־שול) א. א. אין קאָמיטעט זיינען דאַן געווען אי יידישיסטן אי העברעאיסטן (ד"ר צ. שאַבאַד, ג. פלודערמאַכער, ד"ר י. עפּשטיין, מ. שאַליט, ה. אַבראַמאָוויטש, מ. סעניצקי א. א.). מען האָט זיך שטאַרק „געריסן" פאַר די צאָל שעהן אויף העב־רעאיש, תנ"ך, יידיש. נאָר מען איז ווי עס איז דורכגעקומען אַדאַנק די אויסגלייכן פון ד"ר שאַבאַד.

שפּעטער האָבן די העברעאיסטן נאָך אַ ריי ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיע־אָוונטן זיך אָפּגעטיילט און געבילדעט אַן אייגענעם

שול־ווען, אָבער אין די ערשטע צייטן איז ניט געווען קיין שפּאַלטונג.

אויף די זיצונגען ביי ד״ר שאַבאַד איז אויך געבאָרן געוואָרן דער געדאַנק פון גרינדן אַ פאָלקס-אוניווערסיטעט, וואָס איז טאַקע פאַרווירקלעכט געוואָרן מיט אַ גרויסן פאַרגעם און ערפאָלג דורך משה שאַליט. די ערשטע צייטן האָבן דעם פאָלקס-אוניווערסיטעט (אין לאָקאַל, וואו ס׳איז איצט דער טעכני־קום) באַזוכט 5—6 הונדערט צוהערער און נאָך מער. דער אוניווער־סיטעט האָט עקסיסטירט אַ געגויעם יאָר, אָבער די אָקופּאַנטן האָבן אים אויף ווייטער ניט געוואָלט דולדן און געשלאָסן.

ס׳דאַרף נאָך אויך דערמאָנט ווערן דער „יידישער לאָקאַל״, אַ מין קלוב, וואָס איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן אויף פּאַהו־לאַנקע, וואו די געבליבענע אינטעליגענץ האָט זיך געשאַפן אַ ווינקל. פון דאָרטן איז אַרויס די ערשטע אמתע „ווילנער טרופּע״. דאָרטן זיינען אַרומגערעדט געוואָרן אַלערליי יידישע פּראָבלעמען, דאָרטן האָבן זיך באַוויזן נייע פאַר ווילנע מענטשן, ווי ב. מיכאַלעוויטש, ז. רייזען א.א.

אין די פריערדיקע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס איז געווען וויסט און פּוסט. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן צו גרינדן אַנדערע מינים חברות, ווי קאָאָפּעראַטיוון, הילפס־פאַראיינען („אַחיעזר״, „עזרת אחים״ א.א.) וכדומה. אָבער נאָר דאָס לעבן אין די שולן האָט פּולסירט שטאַרק. די יידישע לערער האָבן זיך דערפילט פריי און גענומען אינטענסיוו זיך צופּאַסן צו די פאַ־דערונגען פון מאָמענט אויפן פּעדאַגאָגישן געביט. אייגנטלעך איז די לערערשאַפט אַליין געוואָרן די פירערין פון דעם גאַנצן שולוועזן.

שוין אין אָנהויב אָקטאָבער האָבן די עלטערע לערער גע־רופן אַלע חברים אויף פאַרזאַמלונגען. די פאַרזאַמלונגען פלעגן ווערן זייער אינטענסיוו באַזוכט. ס׳האָט זיך טאַקע פון די פאַר־זאַמלונגען אויסגעבילדעט דער יידישער לערער־פאַראיין, וועלכער האָט דעמאָלט געציילט געוויס ניט ווייניקער ווי 200 מיטגלידער, מיט אַ פאַרוואַלטונג, וואָס איז פאַקטיש געווען אַ בילדונגס־דע־

פּאַרטאַמענט פאַר דעם יידישן שול-וועזן אין ווילנע, מיט אַלע געהעריקע קאָמיסיעס (פּעדאַגאָגישע, טערמינאָלאָגישע, פאַר לערן-ביכער א. א.). פאַר דעם ערשטן סעקרעטאַר איז אויסגעקליבן גע-וואָרן באָריס זילבערבאַך ז"ל. ביי אים איז די קאַנצעלאַריע געווען מוסטערהאַפט אוועקגעשטעלט. פּראָטאָקאָלן, „אַרויסגייענדיקע" און „אַריינגייענדיקע" (פּאַפּירן) זיינען געווען רעגיסטרירט, נו-מערירט. יעדער זאַך איז געווען אויפן אָרט. אַלע צירקולאַרן פלעגן אַרויסגעשיקט ווערן פּינקטלעך. די פאַרוואַלטונג פלעגט איינאָרדענען אָוונטן, רעפעראַטן. כוחות האָט מען געמוזט שעפּן פון ווילנע גופא. ווילנע איז געווען אָפּגעשניטן, כמעט מיט אַ שטעכיקן דראָט אָפּגעצאַמט פון דער גאַנצער וועלט.

דער לערער-פאַראיין האָט געגעבן די גרעסטע צאָל לעקטאָרן פאַר דעם פאָלקס-אוניווערסיטעט. דער פאַראיין האָט געגרינדעט דערגאַנצונגס-קורסן פאַר יונגע לערער און קורסן פאַר יוגנט מיט מיטעלער בילדונג, וועלכע וויל אַרבעטן אין יידישע שולן. פון די רייען פון דער לערערשאַפט איז אויך אַרויס די איניציאַטיוו צו שאַפן טעכנישע קורסן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט פאַרשיידענע גילגו-לים ביזן איצטיקן טעכניקום.

פאַקטיש איז דער ווילנער לערער-פאַראיין געווען כמעט די איינציקע לעבעדיקע קולטור-אָרגאַניזאַציע אין ערשטן יאָר פון אָקופּאַציע. די לערערשאַפט האָט די ערשטע אָנגעהויבן אַרויסצו-יאָגן די איינגעפרעסענע אין ווילנע רוסיפיקאַציע. מען איז אַרי-בער צו דער יידישער שפּראַך. אויף פאַרזאַמלונגען און בכלל עפנטלעך איז מען שוין אַרויסגעטראָטן נאָר אויף יידיש, הגם רוסיש אַלס לימוד איז נאָך געבליבן אַ לענגערע צייט אין אַלע שולן. קינדער פון די שולן האָבן אָנגעהויבן אַריינצוברענגען אין זייערע היימען אַ פאָלקסטימלעכן יידיש, אַ יידיש ליד, אַ יידיש בוך און אַ יידישע העפט.

די רוסיפיצירטע „אינסטיטוטשיקעס" זיינען געווען די ערשטע בויער פון די יידישע שולן, די פּראָפּאַגאַטאָרן פון דער יידישער שפּראַך. אפילו אין זייער פאַמיליען-לעבן האָבן זיי

אַרויסגעוואָרפֿן רוסיש און אַריבער אויף יידיש (פּסיכאָלאָגיש און לעבנסשטייגעריש איז עס געווען גאָרניט פֿון די לייכטע זאַכן).

למען האמת מוז מען זאָגן, אַז צווישן דער ווילנער לע־רערשאַפֿט זיינען שוין געווען פֿון פֿריער עטלעכע קעמפֿער פֿאַר יידיש. באַזונדערס צווישן די, וועלכע זיינען געשטאַנען ביי דער אַרבעט אין ווילנער אָוונט־שול און איצטיקער קופּערשטיין־שול, וואו אומלעגאַל האָט מען שוין פֿאַר דער מלחמה אַריינגעפֿירט יידיש אַלס געגנשטאַנד.

אָבער אַלס לעבנסשטייגער, אַלס מאַסן־דערשיינונג איז דער פּראַקטישער יידישיזם אַריין אין ווילנע אַדאַנק דער ווילנער לערערשאַפֿט, אַדאַנק איר אָרגאַניזירטקייט און באַוואוסטזיניקייט.